STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02639

DI MAME IZ NISHT HOSER DEYE--

Isaac Guterman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק גוטערמאַן

די מאַמע איז נישט חסר דעה...

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון:

משה שקילניק און **פאַמיליע**
אין אָנדענק פון **גיזעלאַ שקילניק** ע״ה,
וועלכע איז די ערשטע געקומען מיט דער
אידעע אַרויסצוגעבן אַ בוך פון דעם מחבר

*

גיזאַ קאַפּלער און **פאַמיליע**
אין אָנדענק פון **שמואל קאַפּלער** ע״ה,
דעם פאַרליבטן אין דער ייִדישער ליטעראַטור,
און **צילי וויניג** ע״ה, דער מוטער פון גיזאַ

*

בלומע פישמאַן־שעכטער און **פאַמיליע**
אין אָנדענק פונעם קונסט־מאָלער
חיים פישמאַן־שעכטער ע״ה,

*

סיאָמע און **אידאַ צימערמאַן**
אין אָנדענק פון זייערע עלטערן
חיים בן־ציון און **בת־שבע צימערמאַן** ע״ה,
ברוך און **כייקע קליינמאַן** ע״ה

*

אסתר גרייזלער און **פאַמיליע**
אין אָנדענק פון **שלום גרייזלער** ע״ה,
דעם מענטש און ייִד פון גוטע מידות

יצחק גוטערמאַן

די מאַמע איז נישט חסר דעה...

דערציילונגען און בילדער

DONNELL FOREIGN LANGUAGE LIBRARY
DONNELL LIBRARY CENTER
20 WEST 53rd STREET
NEW YORK, NEW YORK 10019

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

תל־אביב, תשמ"א — 1981

82115 7422

Itzchak Guterman

DI MAME IZ NISHT CHOSER DEYE...

©

I. L. Peretz Publishing House
14, Brener Str., Tel-Aviv, ISRAEL

י. ל. פרץ־פארלאַג
רח׳ ברנר 14, תל־אביב

Printed in Israel, 1981
נדפס בישראל, תשמ״א

נסדר בלינו־טור, רח׳ יסוד־המעלה 39, ת״א
נדפס בדפוס מ. ערבה, רח׳ לבנדה 36, ת״א

יצחק גוטערמאַן

צייכענונג: אפרים קאַגאַנאָווסקי

דער פּאָרטרעט איז געצייכנט פון אפרים קאַגאַנאָווסקי אין יאָר 1943, אין זיין שטוב אין אַלמאַ־אַטאַ, הויפּטשטאָט פון קאַזאַכסטאַן, אין דער פּליטים־צייט.

OCT 21 1982

אַ נ ק ע ן — מיט ליבשאַפט

זכור ימות עולם
בינו שנות דוד־ודור
שאל אביך ויגדך — — —
דברים לב, ז

געדענק די טעג פון פאַרצייטן,
באַטראַכט פון דור־דורות די יאָרן,
פרעג דיין פאָטער, ער זאָל דיר דערציילן — — —
(יידיש: יהואש)

אַ מצבה

אויף די אומבאַקאַנטע קברים
פון מיין מוטער רבקה,
ברידער ליפע און חיים
גוטערמאַן,
ברודערן־זון
שלמהלע
שטיף־פאָטער און שוועסטער
יעקב און סימע באַהאַריער

די מצבה איז אויפגעפרישט
און איבערגעשטעלט געוואָרן
פון מחבר דאָ אַהער פון זיין
ביכל „אין אַ פוסטער שטאָט“,
דערשינען אין פוילן, 1949.

אַ פּאָר ווערטער וועגן די פאַרשידענע תקופות
פון יצחק גוטערמאַנס ליטעראַרישן שאַפן

אין דעם בראַזיליאַנער יִדיש־ליטעראַרישן שאַפן, וואָס איז אַלט קוים אַ האַלבן יאָרהונדערט, שטאַרצט נישט אַרויס אַפילו איין פיגור פון אַן אָרטיק־געבוירענעם שרייבער. די קליינע עדה יִדיש־שרייבערס איז דאָרטן איינגעטיילט אין צוויי מינים: פון איין זייט, געוועזענע יונגע אימיגראַנטן, וועלכע האָבן אַנטוויקלט זייערע ליטעראַרישע נטיות אין דער נייער היים, דורך פּובליצירן אין דער לאָקאַלער פּרעסע זייערע ערשטע אַרבעטן און, שפּעטער, אַפילו דורך אַרויסגעבן ביכער מיט אייגענע אָדער געזעלשאַפטלעכע מיטלען; פון דער צווייטער זייט, עלטערע, צוגעקומענע אימי־גראַנטן, וועלכע האָבן שוין מיטגעבראַכט אין זייער באַגאַזש ציי־טיקע, אָנערקענטע שאַפונגען. צו דער צווייטער קאַטעגאָריע דאַרף צוגערעכנט ווערן יצחק גוטערמאַן.

די סמיכה אויף זיין קינסטלערישער פּראָזע האָט גוטערמאַן געקראָגן נאָך אין אייראָפּע. אין „לעקסיקאָן פון דער נייער יִדי־שער ליטעראַטור" — דער וויכטיקסטער מקור פאַר די סאַמע נייטיקסטע אינפאָרמאַציעס וועגן יִדיש־שרייבערס — פאַרנעמט ער אַ בכבודיק אָרט. עס ווערט דאָרט איבערגעגעבן אַז זינט 1929 האָט ער פאַרעפנטלעכט דערציילונגען אין דער אויסגאַבע „ליטע־ראַרישע טריבונע" פון לאָדזש, און שפּעטער אין „וואָכנשריפט", „פּאָרויס", „ליטעראַרישע בלעטער", „נייע פאָלקסצייטונג", „דער

פריינד" און „זיבן טעג" פון וואַרשע. נאָך דער מלחמה האָט ער זיך געדרוקט, צווישן אַנדערע אויסגאַבעס, אין „דאָס נייע לעבן", „יידישע שריפטן", „אויפגאַנג" און „פאָלקסשטימע". אין בוך־פאָרעם זענען אַרויס „אין אַ פוסטער שטאָט" (לאָדזש, 1949), „באַנייטע טעג" (וואַרשע, 1954) און „קינדער אין געטאָ" (וואַר־שע, 1956). חוץ לזה האָט ער זיך באַטייליקט ווי אַ מיטרעדאַק־טאָר פון פאַרשידענע יידישע אויסגאַבעס אין פוילן.

דאָרט, אין לעקסיקאָן, איז אויך אָנגעגעבן: „כאָטש ער (גוטערמאַן) האָט די נאַצי־יאָרן אין פוילן אַליין נישט מיטגעמאַכט, זענען זיינע קינסטלערישע שילדערונגען פון דער מוראדיקער תקופה שטאַרק און טראַגיש־איבערצייגנדיק".

אויב גוטערמאַן האָט שוין מיט זיינע ערשטע אָנהייבערישע דערציילונגען גערופן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער קריטיק, איז אָבער זיין אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור מער אונטערגעשטרייכט געוואָרן צוליב זיינע שפּעטערדיקע שוין רייפע שאַפונגען. אין דער „ליטעראַרישער וואָך" פון „קענעדער אָדלער", אונטער דער רעדאַקציע פון י. י. סיגאַל און מלך ראַוויטש, איז וועגן דעם פעריאָד פון זיין נאָכמלחמהדיקן שאַפן באַמערקט געוואָרן: „היינט איז ער איינער פון די טאַלאַנטפולסטע און פאַרטיפטסטע יונגע שרייבער אין פוילן. אין דער געצווימטער און אַליין אויף זיך אַרויפגעצוווּנגענער רויִקייט מיט וועלכער גוטער־מאַן באַהאַנדלט די גרויליקסטע פון אַלע טעמעס, ווערט קלאָר די גרויסע קינסטלערישע אָנשטרענגונג פון דעם יונגן שרייבער נישט צו פאַלן אונטער דער לאַסט פון דעם וואָס ער דערציילט". לענגערע רעצענזיעס וועגן זיינע נאָכמלחמהדיקע שריפטן האָבן פאַרעפנטלעכט, צווישן אַנדערע ליטעראַטור־קריטיקערס, יעקב גלאַטשטיין, ישעיהו שפיגל, ב. מאַרק, ד. ספאַרד און ש. קאַנץ.

ווען גוטערמאַן איז אין 1957 געקומען קיין בראַזיל, האָט ער שוין, בכן, געהאַט געלאָזט הינטער זיך אַ פאַרצווייגטע ליטעראַ־רישע פאַרגאַנגענהייט. זי שפרייט זיך אויס גענאָגראַפיש איבער דעם

פאַרמלחמהדיקן פוילן, ווו ער איז געבוירן געוואָרן און געמאַכט זיינע ערשטע ליטעראַרישע טריט; איבער רוסלאַנד, ווו ער האָט געלעבט ווי אַ פּליט מלחמה־צייט ביז 1946 און דאָרט איינגעזאַפּט אין זיך די ביטערע ריחות פון יידן־אומקום; און אויף ס'ניי איבער פוילן וווהין ער האָט זיך צוריקגעקערט צו דעם אומעטיקן שארית־הפליטה ספּעקטאַקל. די טעמאַטיק פון זיין פּראָזע איז טאַקע פאַרטיילט, בהסכם מיט אָט דער געאָגראַפיש־כראָנאָלאָגישער סכעמע, אין דריי פאַזעס: ערשטע דערציילונגען מיט אַ סעקטאַנטיש־פּראָלעטאַרישער טענדענץ — פאַר דער מלחמה; שילדערונג פון חורבן און געוועזענעם יידישן לעבן, במשך און נאָך דער מלחמה; און, ענדלעך, די אויפגעוואַכטע יידישקייט, דאָס פּלוצעמדיקע טוליען זיך צו טראַדיציאָנעלע ווערטן, וואָס כאַראַקטערי־זירט גיכער זיין טעטיקייט און זיינע שאַפונגען אין דער נייער היים — בראַזיל.

אַז מען וויל, אַנטפּלעקט מען די נטיה צו אָפּערירן מיט טראַדיציאָנאַליסטישע עלעמענטן, ביי גוטערמאַנען, שוין אין די דערציילונגען וואָס ער האָט געשריבן נאָך אין פוילן. גענוג צו לייענען די שאַפונג זיינע „איינע פון די אמהות" (אין בוך: „אַ פּוסטע שטאָט"), וואָס די סאַמע ליטעראַרישע רעם אירע — ווי דער טיטל זאָגט עדות — איז גענומען פון דער מסורה. עס איז די מעשׂה וועגן אַ פּליט וואָס האָט זיך צוריקגעקערט צו זיין חרוב־געוואָרענער היים, און זוכט דאָרטן אַ זכר פון דער מאַמען. נישט געפינענדיק זי — ווארום דער שטראָם פון יידן־אומקום האָט זי געהאַט מיט־געריסן צו וויטע תהומות — טראַכט זיך דער זוכער אויס אין דמיון אַ פרויען־פיגור, וועלכע איז שוין פאַר איינוועגס פולל סימבאָליסטיש אַלע איבעריקע יידישע מאַמעס. די אויסגעטראַכטע מעטאַפיזישע פיגור דרייט זיך אום צווישן די פעלדער ברוכוואַרג און קלייבט צונויף אין אַ זעקל די רעשט פון יידן און יידישקייט, זיי צו באַגראָבן לויטן יידישן דין און זיי צו באַוויינען בבחינת רחל מבכה על בניה — בבחינת איינע פון די אמהות.

די דאָזיקע איבערסטיליזאַציע פון תּנכיש־פֿאָלקסטימלעכע פֿאַרצייטיקע ווערטער און באַגריפֿן איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַ סך וועלטלעכע ייִדישע שרייבערס־אבלים, וועלכע האָבן דורך דעם אַנטפּלעקט דעם טיפֿערן זין, אַרויסגעצויגן דעם מאָראַלישן מוסר־השׂכל און באַצאָלט דעם קינסטלערישן קנס, דערפֿאַר וואָס די וועלט אין וועלכער זיי האָבן אַזוי שטאַרק געגלייבט האָט זיך צו זיי אומגעקערט מיטן רוקן. דער אומאויסשעפּלעכער טעמאַטישער לאַגער פֿון די שואה־יאָרן, מיט זיין טיף ייִדישער דראַמאַטישקייט, האָט געשטויסן אַ סך ייִדישע שרייבערס זיך אומצוקערן פֿון די ברייטע אוניווערסאַלע וועגן צו דער אַמאָל בכּיוון פֿאַרשוויגענער ייִדישקייט, וועלכע איז פּלוצעם נתגלה געוואָרן ווי דער איינציקער דבר בעתו אין דער נאָכמלחמהדיקער ווירקלעכקייט. אַ טייל האָבן אַפֿילו אָנגעהויבן באַטראַכטן ווי אַ לוקסוס דעם קינסטלערישן דרך, און געהאַט פֿאַראיבל אויף זיך אַליין פֿאַר וואָס זיי האָבן געזונגען בעת עס איז געווען אַ צייט פֿון שרייען און שלאָגן טרעוואָגע על שבר בת עמי. זיי זענען גרייט געווען דערפֿאַר מקריב צו זיין זייער קינסטלערישן באַוווסטזיין, ווי אברהם יצחקן אויף דער עקדה, און שרייבן מייסטנס רעפּאָרטאַזשן אין פּשוטע ווערטער, וועלכע זאָלן מסוגל זיין אונטערצושטרייכן, אַרויסהייבן און מקרב זיין צו דעם לייענערס השׂגה די היסטאָרישע נויטווענדיקייט פֿון אויפֿהאַלטן דעם שארית־הפּליטה אין היימישן ייִדישן תּחום.

אין גוטערמאַנס אַ לעצטן אַפּאָקאַליפּטיש־פּאַמפֿלעטיסטישן רעפּאָרטאַזש, אונטערן טיטל „מחשבות ביים הערן ייִדיש אין אַ שול״, וועגן אַ ייִדישער חופּה אין אַ שול פֿון דער שטאָט סאַן־פּאולאָ, קומען אַזעלכע שורות — די רייד פֿון אַ פּאַטער צו זיין יינגעלע : „ביי ייִדן איז אַ טראַדיציע, אַז אויף אַ שׂמחה, איבערהויפּט אויף אַ חתונה, ווען משפּחות פֿאַראייניקן זיך און דאָס ייִדישע פֿאָלק דאַרף זיך פֿאַרמערן, זאָל מען פֿאַרבעטן די נשמות פֿון די געשטאָרבענע קרובים. היינטיקע צייטן איז פֿאַראַן צו

פאַרבעטן אַ סך מער. דאָס זענען די אומגעבראַכטע אין די היטלער־אויוונס און אַ סך פון די דאָזיקע מענטשן זענען קיין מאָל אין בראַזיל אָדער אין אַנדערע לענדער נישט געווען". צי: „דיינע באַ־בעס און מומעס און אַ סך פראָסטע ייִדן האָבן אַ לעבן לאַנג זיך אָנגעלייענט מיט דעם ,קב־הישר', ,צאינה־וראינה' און מיט פיל אַנדערע מוסר־ספרים — אין עברי־טייטש, דאָס הייסט אונדזער ייִדיש".

היינט אין בראַזיל איז יצחק גוטערמאַן זיך נוהג צו שלייפן און אויסמייסטערן זיינע שוין פאַרעפנטלעכטע שאַפונגען, ווי אַ צוגאָב צו זיינע נייע דערציילונגען, בילדער, סקיצן, מיט דער כוונה זיי אַרויסצוגעבן אין נייע ביכער. ווי אַן אָנהייב העלפן טאַקע פריינד אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע בוך, אַן אָפּקלייב פון זיינע שאַ־פונגען, וואָס אַ טייל פון זיי שפּיגלען אויך אָפּ דאָס לאָקאַלע ייִדישע לעבן.

דאָס איז דער ערשטער ביישטייער אין בוך־פאָרעם צו דער ייִדישער ליטעראַטור אין בראַזיל פון אַ צוגעקומענעם ייִדישן בע־לעטריסט, וועלכער איז ממשיך זיין שעפערישע קאַריערע אין זיין נייעם וווין־אָרט.

אליהו ליפינער

אַ ייִד ביי דער ווייסל

פאַר טאָג האָט די זון דורכן אָפענעם פענצטער זיך אַריינגעכאַפּט צו שמעונען אין שטוב. פון טיש איז זי אַריבער אויפן בעט און לאַנגזאַם צוגעקראָכן צו שמעונס באָרד. זי האָט אַריינגעקוקט אין זיין האַלב־אָפענעם מויל און באַלד אַ בליץ געטאָן אין די גרינע אויגן.

שמעון האָט זיך אויפגעזעצט און מיט אַן אָנגעשטרענגטן בליק געקוקט צום פענצטער, פון וואַנען עס האָט אַריינגעשיינט עפּעס אַ האָפענונג.

— זעלדע, זעלדע, אַ שיינער טאָג היינט, האַ!?

— זעסט דאָך די זון שיינט...

— נאָר נישט געזאָרגט זיך, וועסט שוין זען, זעלדע!... — האָט שמעון אַ געשריי געטאָן אַ דערמוטיקטער. נאָר דאָס געשריי האָט אַרויסגעריסן פון אים מער כּוח, וויפיל ער האָט געהאַט, און דאָס האָט אים צוריק אַנידער־געלייגט. ער האָט אָבער נישט געקאָנט איינליגן און מיט געוואַלד זיך גענומען אָנטאָן. ער האָט שווער געאַרבעט ביז ער האָט אַרויפגעצויגן די זאָקן אויף די פיס, אַריינגעטראָפן מיט די הענט אין די אַרבל און לאַנג זיך געפּאָרעט ביז די טעמפּע שפּיצן פינגער האָבן אַריינבאַקומען די קנעפּלעך אין די לעכער. ער האָט אָפּגעצויגן פון אונטערן בעט די שטיוול, וואָס זענען געוואָרן האַרט, אויסגעטרוקנט פון לאַנגן נישט באַנוצן זיי, און באַמיִענדיק זיך אַריינצוקריגן אין זיי די פיס, האָט ער דערשטיקט אין זיך פיל הוסטן און קרעכצן, כּדי זעלדען און זיך אַליין אָפּצונאַרן, אַז עס איז נאָך נישט אַזוי שלעכט מיט זיינע כּוחות.

דראָבנע קלאַפּנדיק מיט די שווערע שטיוול, האָט ער אַן איינגעהויקערטער, מיט אַן איינגעפאַלענעם בויך, צוגעדרעפּטשעט צום פענצטער. פון די שויבן

פון די קעגנאיבערדיקע הייזער האָט אַרויסגעשמייכלט די זון. אַ יונגביימל אויף דער גאַס, וואָס איז מיט עטלעכע חדשים צוריק, איידער ער איז קראַנק געוואָרן, געשטאַנען אַ נאַקעטס, אַ טויטס און געציטערט פון ווינט און קעלט, האָט איצט געאָטעמט מיט אַ נײַ לעבן. די יונגע, אויפקוועלנדיקע צווייגן האָבן מיט קרעפטיקער שטייפקייט געטראָגן אויף זיך די גרינע זאַפטיקע בלעטער, פון צווישן וועלכע עס האָבן ליכטיק אַרויסגעשטערנט מילכווייסע קנאָספּן.

שמעון איז אַוועק אין גאַס און צוריקגעקומען מיט אַ קופּערנעם באַלאָן סאָדע־וואַסער, וואָס ער האָט, מיט איין האַנט אונטערגעהאַלטן ביים דנאָ און געדריקט אים צו דער ברוסט. צווישן די פינגער פון דער צווייטער האַנט, האָט ער, ווי אַ הינדל ביים האַלדז, געהאַלטן אַ זעקל, פון וועלכן עס האָבן געקאַפּעט און צעשפּרייט זיך אויף דער פאַדלאָגע בלאַטיקע טראָפּנס. ער האָט דאָס זעקעלע אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד, ווייל די האַנט איז אים שוין געוועזן קאַלט, געשטאַרט פון דעם אײַז אינעווייניק, האָט אַראָפּגעשטעלט דעם באַלאָן און אַליין איז ער אַרײַנגעפאַלן אינעם אויסגעריבענעם פאָטעל. זעלדע האָט מיט אַ האַנטעך אָפּגעווישט דעם שוויס פון זיין פּנים. ער, שמעון, האָט אין איין וועגס זי געפאָרשט, וואָס זי זאָגט עפּעס צו זיין נייער פּרנסה. זי האָט אים אַראָפּגענומען דאָס היטל, אָפּגעווישט די האָר, גרויע, שיטערע, צעוואָרפן אויף זיין געלן שאַרבן.

— איך ווייס נישט וואָס דו טוסט דאָ אויף, שמעון? אַזאַ באַלאָן וואַסער איז דען לײַכטער צו שלעפּן, ווי אַ זעג אָדער אַ היבעל? איך ווייס נישט, ווי אַזוי דו נעמסט זיך דאָס אונטער...

— אַ באַלאָן וואַסער צו שלעפּן איז טאָקע שווערער ווי צו אַרבעטן טישלעריי, ווייל אַ זעג אָדער אַ היבעל, אַז דו ווערסט מיד, נעמסטו אַוועק די האַנט און רוסט זיך אָפּ, און אַ באַלאָן אַז דו האָסט אים אָנגעהאָנגען אויף זיך, ווערסטו נישט אויף יעדן טריט אַראָפּנעמען דעם שפּאָן פון די אַקסלען. אַ גלאָז וואַסער איז אָבער נישט קיין קונץ אַרײַנצוגיסן, קאָנסט גאָרנישט קאַליע מאַכן, און אַ ברעט, אויב דו שנײַדסט עס נישט גוט אָדורך, קאָנסטו שוין ניט מאַכן פון דעם, וואָס דו ווילסט, אין מײַנע הענט ליגט נישט מער דאָס, אַז די טישלער־כּלים זאָלן גיין וווהין די הענט ווילן פירן.

זעלדע האָט זיך נישט מער געשפּאַרט מיט אים. זי האָט אויסגעליידיקט אַ הילצערנעם עמער פון וואַסער און שמעונס און זעלדעס פיר הענט האָבן פעסט געשטיקט דעם קופּערנעם האַלדז פונעם באַלאָן. זיי האָבן שווער געאַרבעט ביז זיי האָבן אים אונטער געהויבן און אַריינגעלאָזט אין עמער. זיי האָבן אַרומגעשאָטן דאָס אייז, וואָס שמעון האָט מיטגעבראַכט אין זעקל, אַרומגעלייגט מיט שמאַטעס, אַז דאָס אייז זאָל לענגער האַלטן. זעלדע האָט מיט באַגער געקוקט אויף דעם גלאַנציקן באַלאָן־קעפּל מיט דעם לאַנגן ווײדל און גראָבן אויסגעקרומטן שנאָבל, ענלעך צו אַ משונהדיקן פויגל. זי איז געווען נייגעריק אַ קוועטש צו טאָן ביים ווײדל, נאָר מורא געהאַט, דער שנאָבל זאָל נישט געבן אַ שפּיי אויס אַ ביסל וואַסער, פון וואָס עס קאָן ווערן ווייניקער אין באַלאָן און ברענגען שאָדן.

שמעון איז איר מילד אונטערגעקומען:

— ווילסט פאַרזוכן אַ ביסל?

זעלדע האָט צוערשט געזאָגט אַ ליגן, אַז זי וויל נישט, נאָר זי האָט זיך אָבער נישט געקאָנט אָפּזאָגן פון איר קינדערישן חשק און זיך פאַר־ענטפערט, אַז יאָ, זי וואָלט געוואָלט פאַרזוכן פון דער סחורה, מיט וועלכער זיי גייען אַרויס אין גאַס אַריין, שמעון האָט איר אַריינגעגאָסן אַ ביסל וואַסער אין אַ גלאָז, אין וועלכן עס האָבן זיך געדיכט אַרומגערויעט גאַז־קרישטאַלן.

זעלדע האָט גענומען עטלעכע זופּ אין מויל אַריין און צושמאַטשקענדיק געזאָגט: — אַ ביסעלע וואַסער, טויזנט טעם, און קעלטער וועט עס ווערן נאָך בעסער...

דאָס גלאָז מיטן איבערגעבליבענעם ביסל וואַסער האָט זי איבערגעגע־געבן שמעונען. ער האָט אַראָפּגעלאָזט עטלעכע קאַלטע שלוקן אין זיינע אָפּענע לונגען, זיך פאַרהוסט און באַשטעטיקט: — אַ טייער ביסעלע סחורה, דער עולם וועט זיך פשוט מחיה זיין...

שמעון האָט צום הענטל פון עמער צוגעפעסטיקט אַ ברייטן פּאַס פון שטריק־לייוונט, ער האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין פּאַס און מיטן קאַרק און הענט גענומען צוּיִען דעם עמער מיטן באַלאָן, וואָס איז אָבער געווען ווי צוגעוואַקסן צו דער פּאַדלאָגע. זעלדע האָט אויך אַרומגעוויקלט אירע פינגער אַרום דעם הענטל,ביידע האָבן געהאַלטן די שטערנס נאָענט איינער צום

צוויטן, זיי האָבן זיך געקוקט אין די אויגן אַריין און מיט אַ געמיינזאַמען קרעכץ אָפּגעריסן דעם עמער. זעלדע איז באַלד אונטערגעלאָפן מיט די הענט אונטערן דנאָ, מיטן גאַנצן כּוח אים אונטערגעשטופּט און שמעון האָט זיך אויסגעגלייכט, אַרויפציִענדיק די משׂא ביז איבער די קני. דער האַרטער פּאַס האָט שווער געדריקט דעם שאַרפן ביין אויף זיין אַנפּלייסיקן אַקסל. זיי האָבן דאָס אונטערגעבעט מיט אַ פּעקל שמאַטעס און אַרויסגעגאַנגען אין גאַס.

שמעון האָט געהאַלטן שטייף אָנגעצויגן דעם קערפּער. די לאַסט האָט געוואָרט אַז ער זאָל אויף אַ רגע פאַרלירן די כּוחות, כּדי אים אַ כאַפּ צו טאָן ביים קאַרק און אים איינברעכן. ביי יעדן טריט האָט דאָס וואַסער אין באַלאָן אַ כוואַליע געטאָן, אַ דריק געטאָן דעם עמער און די שאַרפע רייף אַרום דעם דנאָ האָט אים ביז צום ביין געשניטן דאָס פלייש העכער די קני.

זעלדע איז געגאַנגען נעבן אים און ביי אַ שנירל געהאַלטן אַ קעסעלע מיט וואַסער, אין וועלכן עס זענען געשטאַנען עטלעכע גלעזער מיט די מיילער אַראָפּ. דאָס קלייד אירס האָט געלאַנגט ביז צו דער ערד אַז מען האָט גאָרנישט געזען אירע פיס. עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי גייט נישט, נאָר די ברעגן פונעם קלייד גליטשן זיך.

ביידע אַלטע לייט האָבן מיט פרעגנדיקן וווּנדער געקוקט אין די פאַר־שוויצטע פּנימער פון די דורכגייער: צי זעען זיי נישט, אַז מען טראָגט דאָ אַזאַ גוטן געטראַנק? קיינער האָט גאָרנישט געזען. שמעון האָט געוואָלט נאָכמאַכן די אַנדערע סאָדע־וואַסער פאַרקויפער, נאָר ער האָט נישט געקאָנט פועלן ביי זיך צו שרייען גלאַט אין דער וועלט אַריין. עס איז אָנגעקומען אַ לאַנגזאַמער פאַרבייגייער. שמעון האָט אים געוואָלט זאָגן, אַז ער האָט סאָדע־וואַסער צו פאַרקויפן, נאָר ביז די ווערטער זענען געווען גרייט אַרויסצוציִען פון מויל, איז שוין יענער געווען הינטער אים. שמעון האָט געזוכט אין וועלכער זייט אַריין עס איז בעסער צו רופן און אַ וואָרף געטאָן:

— סאָדע־וואַסער, קאַלט סאָדע־וואַסער!... און זעלדע האָט נאָכגע־ברומט:

— יאָ, יאָ, אַ גוט גלעזל וואַסער, קאַלט ווי אייז.

פון דעם רוף האָט זיך ביי שמעונען אונטער דער ברוסט אַריינבאַקומען

אַ קעלט. ער האָט זיך פֿאַרהוסט, דער פּאַס האָט אים מעכטיק אַ שלעפּ געטאָן פֿאַרן אַקסל און ער האָט געמוזט אויסשפּאַנען פֿון זיך די משׂא. שמעון האָט שוין מער נישט געקאָנט אַרויפשלעפּן אויף זיך די שווערע לאַסט און ווייטער האָט ער זי שוין געמוזט טראָגן צוזאַמען מיט זעלדן ביים הענטל פֿון עמער.

פֿון צייט צו צייט האָבן זיי געלייזט פּאַר אַ גלאָז וואַסער. נאָך יעדן אָפּגעלייזטן גלאָז, איז די משׂא געוואָרן אויף אַ העלפט. יעדע קופּערנע אָדער ניקלנע מטבע, וואָס האָט איינציקווייז געטריפט אין דער אויבערטאַש פֿון שמעונס כאַלאַט, איז פֿאַר אים געווען אַ נייער פּלאַסטער, וואָס האָט געהיילט זיינע קראַנקע ערטער, אַ נייער זונען־שטראַל, וואָס האָט מער צעוואַרעמט זיין געמיט. אין געדאַנק האָט ער שוין געזען ווי ער קומט צו אַ ביסל געלט און כּוח, קויפט צו אַ ביסל טישלער־כּלים. מיט אַ קעסטעלע אונטערן אָרעם און אַ זעג אין דער האַנט גייט ער פֿון הויף צו הויף, קלינגט מיטן צינגל פֿון דער זעג און רופט: צו פֿאַרריכטן — שענק — בעטן — טישן — שטולן — צו פֿאַרריכטן. פּנימער קוקן אַרויס פֿון צעעפֿנטע פֿענצ־טער, מען רופט אים — דאָ איז אַ זייט פֿון אַ בעט צעבראָכן, דאָ הינקט אַ שטול אויף אַ פֿוס, דאָרט איז אַ שאַנק נישט אין אָרדענונג... און ער פֿאַרריכט, פֿאַרהיילט, זעצט צו שטיקער געזונט, שטיקער לעבן, און אַלץ ווערט צוריק ניי־געבוירן.

די געדאַנקען האָבן שמעונען צוגעפֿירט צום פּלאַץ נעבן דער ווייסל. די בערג, פּלאַכן און טאָלן זענען געווען באַדעקט מיט קאָפּלעך, דיוואַנען און שיסלען פֿון גרין פֿריש גראָז. מענטשן, האַלב־נאַקעטע, זענען מיט הפקרדיק־צעוואָרפֿענע גלידער געלעגן אונטער דער זון. טייל זענען געלעגן אין שאָטן, מידע האַלב־פֿאַרשלאָפֿענע און גיריק געשלונגען די קילקייט, וואָס די ווייסל האָט טיילמאָל אויסגעאָטעמט און אַדורכגעלופֿטערט דערמיט דעם רוים. איבערן טייך האָבן רויק שפּאַצירט דאַמפּערס, קליינע, שטיפֿע־רישע כוואַליעס האָבן זיך געטוליעט און געקלאַמערט אַרום די דאַמפּערס, וועלכע האָבן זיי צוריק אָפּגעטריבן פֿון זיך. שמאָלע מאָטאָר־שיפֿלעך זענען מיט דער שנעלקייט פֿון אַ שאָס אַ פֿלי געטאָן איבערן וואַסער און פֿאַרשוווּנדן ערגעץ אין געצילטע ווייטן.

אויף די פלעצער זענען אַהין און צוריק געלאָפן מענטשן אין ווייסע שירצן מיט צעבערס אויף די אַקסלען און פלייצעס און געשריגן:

— לאַדי, לאַדי!...

ייִנגלעך מיט שמוציקע, באָרוועסע פיס, מיט צעקרומטע פנימער און פאַרבלענדטע אויגן פון דער זון, האָבן געטראָגן אויף די קעפּ פאַנען מיט קיכלעך און קוכן, די זון האָט געפּרעגלט די געפּילטע מאכלים, נאָך וועלכע עס האָבן זיך געיאָגט גאָלדענע פליגן. יעדער האָט אויסגערופן זיין סחורה און אין די געשרייען האָט זיך אויך אַריינגעריסן: „קאַלט וואַסאַר! וואַסאַר קאַלטס!" דאָ האָט פון גרינעם גראָז אויפגעבליט אַ נאַקעטע, ברוינע האַנט, אויף וועלכער עס האָבן געפינקלט קעגן דער זון די מאַניקירטע נעגל; עס איז אויסגעוואַקסן אַ קאָפּ מיט אַ געבלימלט טיכל. שמעון איז צוגע־גאַנגען. געשטילטע שוין פון דורשט, האָבן די קעפּ און הענט ווידער זיך איינגעבעט אין ווייכן גראָז.

די ייִנגלעך מיט סאָדע־וואַסער און קיכלעך האָבן מיט אַ מאָל גענומען צעטומלטע לויפן איבערן פלאַץ און געבן סיגנאַלן: „זעקס — אַ מייליך! זעקס — אַ מייליך!" זיי זיינען געלאָפן אין אַלע זייטן, ווי אַ ריזיקער ווינט וואָלט זיי מיט אַיין בלאָז אָפּגעקערט. אַן אַלטיטשקע פרוי, אַרומגענומען מיט שמאַטעס און צויטן, מיט אַן אָפּגעשיילטער צווייג, וואָס האָט איר געדינט פאַר אַ שטעקן, האָט אָנגעשטעלט אַ קליין, געררונצלט פנימל:

— שענקט אַ טראָפּיטשקעלע נאָס צו מאַכן די ליפּן... אַ טראָפּיטשקעלע, אַן אַלט מענטש...

זעלדע האָט גערעדט צו שמעונען: „גיב אַ ביסעלע וואַסער, גיב".

שמעון האָט אָנגעגאָסן אַ ביסל אין גלאָז, זעלדע האָט פון איר זייט צוגעגאָסן נאָך אַ ביסל:

— טרינקט און זאָל אייך זיין צום געזונט.

די אַלטע האָט מיטן געררונצלטן הענטל אין גאַנצן אַרומגענומען דאָס גלאָז, אָפּגעלעקט די דינע ליפּן און עפּעס מורמלענדיק מיט כוונה, ווי זי זאָל מאַכן אַ ברכה, לאַנגזאַם געגאָסן אין מויל אַריין, כדי גאָרנישט צו פאַר־לירן פון דעם פרישן, קילנדיקן טעם. זי האָט צוריקגעגעבן זעלדען דאָס גלאָז: „איר זאָלט באַלד אין גיכן פּטור ווערן פון דער ביטערער פּרנסה..."

און פּלוצלינג:

— אַ פּאַטיענט איז דאָ?!

די ווערטער האַרטע, שטרענגע, זענען מיט אימפּעט אַריינגעפאַלן אין שמעונס פאַרגעלטע אויערן. די אויגן האָבן זיך אים גרויס אויסגעגרינט און אומבאַוועגלעך געקוקט אויף אַ ברייט, רויט פּנים, וואָס האָט דראָענדיק געפאָדערט אַ תּשובה. די אַלטיטשקע איז עפּעס קלענער געוואָרן, נאָר האָט צוזאַמען מיט זעלדען פאַרשטעלט דעם באַלאַן. שמעון האָט אַ צעטומלטער געמורמלט:

— עס איז דאָך אַ ביליק ביסל וואַסער... עס איז דאָך פון דעם קיין טרוקן ברויט נישטאָ...

— אַ פּאַטיענט איז דאָ?!

שמעון און זעלדע האָבן אַ ציטער געטאָן. זייערע אויגן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן און שטום איבערגעקוקט. אַ פּאָר שוואַרצע אויגן האָבן אויפגערעגט אַ ברען געטאָן:

— אָדער אין קאָמיסאַריאַט אַריין, אָדער באַצאָלן אַ מאַנדאַט!

שמעון האָט אַריינגעטאָן די האַנט אין טאַש און אַרויסגענומען אַ זשמעניע קופּערשטיקלעך. ער האָט געפילט, אַז עמעצער האָט אים אַריינגעשטעקט די האַנט אונטער דער ברוסט און אַרויסגעריסן אַ שטיק האַרץ. עס איז אים געווען אַ שאָד אַוועקצוגעבן דאָס געזונט, וואָס ער האָט מיט אַזוי פיל מי און שווייס געזאַמלט די לעצטע עטלעכע שעה און ער האָט דאָס געלט פאַרקוועטשט אין דער פויסט. נאָר אַ קוק טוענדיק אויף דעם אַנטקעגנדיקן, קאַנטיקן היטל, האָט ער געעפנט דעם קליינעם פינגער און געלאָזט אַראָפּטריפן אויף דער אונטערגעשטעלטער, גראָב־פליישיקער האַנט צו איינצלנע קופּערשטיקלעך. וואָס זענען געוואָרן אַדורכגעלויכטן פון דער זון. זעלדען איז פון פאַרבלענדטקייט און ווייטיק טונקל געוואָרן אין די אויגן. איר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס זיצט אַזוי שמעון אַריבערגעבויגן איבערן בעט און פון זיין מויל פאַלן כּסדר אַזעלכע שטיקער בלוט.

די ניקלנע קנעפּ האָבן אַ בליץ געטאָן און אַוועק. פון די זייטן האָבן זיך געגומען באַווייזן די קעפּ פון די אַנטלאָפענע הענדלער. זיי האָבן פאַר־זיכטיק, מיט ווייטע בליקן געגומען אַרומטאַפּן דעם פּלאַץ און לאַנגזאַם

געשטעלט שטילע, גנבהשע טריט. זעענדיק, אַז ס'איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן, האָבן זיי אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די שרעק, געוואָרן דרייסט, געלאָפן, געשריגן און איבערגעיאָגט איינער דעם צווייטן, אויסצוכאַפּן אַ פּאָר גראָשן לייזונג.

דער דנאָ פון שמעונס אויסגעליידיקטער טאַש האָט זיך ביסלעכווייז ווידער געמומען שיטער באַדעקן מיט מטבעות. ער האָט דערלאַנגט וואַסער און זעלדע איז געשטאַנען אויף דער וואַך און געהיטן, צי עס קומט ווידער נישט אָן אַן אומגליק. זי האָט מיט אַ מאָל אַנגעשטעלט איר שוואַכזיכטיקן בליק ערגעץ נישט ווייט פון זיך, געמומען שנעל פינטלען מיט די אויגן, אַנגעכאַפּט שמעונען ביי אַ האַנט, פון וועלכער זי האָט אים אַרויסגעוואָרפן אַ גלאָז וואַסער, וואָס איז געפאַלן אויף דער ערד, און אַ וואַנזיניקן קוויטש געגעבן:

— שמעון, שנעלער, מען גייט!...

שמעון האָט אַנגעכאַפּט דאָס הענטל פון עמער, כדי צו אַנטלויפן מיטן וואַסער, נאָר ער האָט עס באַלד אָפּגעלאָזט און געבליבן שטיין. ער האָט געקוקט ווי אַ פּאָר אָפּגעפּוצטע שטיוול טרעטן שווער דאָס גרינע גראָז. אַ האַרטער טראָט האָט צעקנאַקט דאָס אַראָפּגעפאַלענע גלאָז נעבן אים און ווידער אַ געשריי:

— אַ פּאַטענט איז דאָ?!

— אַ פּאַטענט!... איך בין אַ פּאַטענט, זי איז אַ פּאַטענט... — האָט שמעון געוויזן אויף זעלדען.

— אַ פּאַטענט איז דאָ, פרעג איך?!

— מיך קאָנט איר נעמען... זי קאָנט איר נעמען... עפּעס אַנדערש האָב איך נישט!

דער קופּערנער בויך פון באַלאָן האָט באַקומען אַ זעץ פון אַ שטיוול, ער האָט זיך געטאָן אַ וואַקל און אומגעפאַלן. אַראָפּקאָלערנדיק זיך פון דער הויכקייט, איז דאָס קופּער אויפן וועג צעראַצט געוואָרן פון שטיינדלעך און גלאָז און באַקומען רויט-גלאַנציקע שטרייפן, ווי שניט אויף אַ מענטש-לעכער הויט. דער באַלאָן האָט אַ כאָרכל געטאָן מיטן העלדזל, געבליבן ליגן און פון שנעבעלע האָבן געקאַפּעט קלאָרע טראָפּנס ווי קינדערישע טרערן.

די ייִדישע גאַס
(בילד)

ייִדן האָבן זי גערופן „מרדכי גאַס", לויט די שילדלעך אויף די ראָגן איז איר נאָמען אַ געוויסע צייט געווען „די ייִדישע גאַס", ביי די דייטשן האָט זי געהייסן די „הונט־שטראַסע".

די הילצערנע הייזלעך פון דער גאַס זענען געשטאַנען אויף שוואַכע, אונטערגעפוילטע פונדאַמענטן, קרומלעך, ווי אויף קוליעס. די ווענט פון די געמויערטע הייזער זענען געווען געלעכערט, געשפּאָלטן.

דורך די הויכע קוימענס פון די אַרומיקע פאַבריקן האָבן זיך ווי שרויפן אַרויסגעוויקלט געדיכטע גרויע רויכן, וואָס האָבן אַ גאַנצן טאָג געוועבט איבער דער גאַס אַ טונקעלען, דורכזיכטיקן דאַך. אַפילו אין די ליכטיקסטע זומער־טעג האָט די זון אויך דאָ אַריינגעשיינט אַ פאַרטונקלטע — מוטנע זיך אַדורכגעזיפּט דורך דעם רויך.

אין דער שטאָט איז שוין געווען אַזוי איינגעשטעלט, אַז וואָס קלענער עס זענען געווען די הייזלעך, אַלץ אַ גרעסערע צאָל פאַמיליעס האָבן געוווינט אין זיי; וואָס קלענער עס זענען געווען די פענצטערלעך, אַלץ מער מענטשן האָבן געשעפּט לופט פון זיי. אַפילו די עטלעכע געציילטע גרעסערע הייזער, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער גאַס, זענען געווען געמויערט אויף אַ גאַנץ אַנדערן אופן ווי די הייזער פון צענטער שטאָט. אויף יעדן שטאָק האָט זיך געצויגן אַ לאַנגער, פינצטערער קאָרידאָר, אַנגעפּיקעוועט פון ביידע זייטן מיט קליינע שטיבלעך. אין די שטיבלעך זענען געווען צו איינציקע פענצ־טערלעך. ווען אויף דער גאַס האָט עפּעס פּאַסירט, און די גאַנצע פאַמיליע איז פונקט געווען אין שטוב, איז אַזאַ פענצטערל געוואָרן באַהאַנגען מיט

קעפּ ווי אַ הענגל ווײַנטרויבן, און האָט נישט אַדורכגעלאָזט קיין איינציקן ליכטיקן שטראַל אין דער שטוב אַרײַן.

אַדורכגייענדיק דעם קאָרידאָר האָט אין די אויערן אָן אויפהער געזשו־מעט, געזשומעט אַ גערויש, וואָס איז געקומען פון ביידע זייטן טירן. אַ געוויין פון קינדער, אַ שמועס צווישן ווײַבער דורך די דינע ווענט. מען האָט גע־קראַצט אָנגעברענטע טעפּ, אַדורכגעוואָרפן זיך מיט אַ זידל־וואָרט. אַ שוס־טער העמערל האָט געקלאַפּט, אַ זאַקן־מאַשינדל האָט געציִשעט ווי פּעטס, וואָס שמעלצט זיך אויפן פײַער.

אין דעם טומל האָט זיך אויך אַרײַנגעפּלאָכטן אַ געלעכטער, אָדער אַ טרויעריק געזאַנג פון אַן אַרבעטלאָז מיידל, וואָס איז געבליבן זיצן אין שטיבל אַ פאַרקלעמטע ווי אַ פייגעלע אין שטייגל.

אָפּטיילן איין קלאַנג פון צווייטן איז געווען נישט מעגלעך. אַלץ האָט זיך צונויפגעמישט און געשורשעט אָן אויפהער ווי אַ וואַסער־פאַל ביי טאָג און ביי נאַכט.

ביי נאַכט האָט דער גערויש נאָר געענדערט דעם טאָן, געוואָרן ווייניקער שרײַיִק, געפּלאָסן רעגולערער, סאָלידער, קלאָרער. שטיל איז דאָ קיין מאָל נישט געווען. ביי נאַכט איז נאָר שטילער געוואָרן. עס האָט זיך געהערט דאָס רעגלמעסיקע כראָפּען פון מידע, אָפּגעאַרבעטע מענטשן, אָדער דאָס קרעכצן פון אַרבעטלאָזע, וועלכע האָבן זיך געוואָרפן אויף די געלעגערס הונגעריקע, פאַרצווייפלטע; דאָס געוויין פון אַן איבערגעוועקט קינד און דאָס שטילע קלאַפּן פון אַ הילצערן וויגל ווי באָרוועסע טריט; דאָס אָכצן פון אַ שלאָפלאָזן קראַנקן און גאַנץ אָפט אויך שטילע רייד פון עטלעכע מענטשן, וואָס זענען געהיים געזעסן אין איינעם פון די שטיבלעך, ביי אַ פאַרהאָנגען פענצטערל.

איין עק פון דער גאַס האָט געפירט צום האַנדלס־צענטער, און דער צווייטער עק צו אַ פאַבריקס־קוואַרטאַל. די גאַס איז געווען די אַרטעריע, דער אָדער, וואָס האָט געוועקסלט די שטאָפּן פון די ביידע פּונקטן. די מאַגאַ־זינען און סקלאַדעס האָבן געשפּייזט די ציין פון די „וואולף"־מאַשינען מיט שמאַטעס, וואָס זענען שנעל געוואָרן צעריבן אויף פּיצלעך. פון דעם האָבן די שפּין־מאַשינען שפּעטער באַקומען וואַטע, די וועב־שטולן — פּאָדעם,

די פֿאַרבערייען און אַפּעראַטורן האָבן באַקומען רוי סחורות אויסצופּערטיקן. די פֿאַבריקן ווידער האָבן אויסגעמאָלט די ווענט פֿון די קראָמען מיט גראָבע שיכטן ווייסע לייוונט, מיט קאַלירטע שטיקער קאַרט, מיט גלאַנציקן זיידן־שטאָף. אַ גאַנצן טאָג האָבן שווער אָנגעלאָדענע לאַסט־אויטאָס און הויך־אָנגעגאַרנטע פּלאַטפאָרמעס און ראָלוועגן הין און צוריק געטראַסקעט איבער דער גאַס. די שווערע, סאַפּענדיקע גומענע רעדער און די פערדישע פּאָד־קאָווס האָבן צעאַקערט דעם שטיינערנעם ברוק, ווי ווייכע ערד.

אין פֿרי׳ען באַגינען האָבן די מאַשינען און וועגענער זיך אַ לאָז געטאָן איבער דער גאַס. אַ ציטער איז דורכגעלאָפן איבער ביידע רייען הייזער. דער טאָג האָט זיך אויפגעכאַפּט פֿון שלאָף. בעטן האָבן גענומען קרעכצן, באַרוועסע פיס האָבן געפּאַטשט איבער די פּאָדלאָגעס פֿון די שטיבלעך ווי סטאַדעס געענדז. די שוואַכע שיין, נאָך אַ פֿאַרשלאָפֿענע, אַ קרענקלעך־בלאַסע, וואָס האָט זיך אַדורכגעקריגן דורך די פענצטערלעך, איז געווען אָנמעכטיק קעגן דער שטוביקער פינצטערניש. מען האָט געטאַפּט דאָס אָנטאָן מיט די פינגער, בלינדערהייט געשאַרט דאָס שוכוואַרג פֿון אונטער די בעטן. מען האָט געכאַפּט אין מויל אַריין אַ קאַלטן טרונק, אַ טרוקענעם ביסן, און אין דער שטוב, פֿון וואַנען עס איז אַרויסגעגאַנגען דער מענטש, איז דער טומל קלענער געוואָרן. אַלע האָבן אים געהאָט געהאָלפֿן צוגרייטן זיך אין וועג אַריין. איינער האָט אים געפֿונען אַ שוך, אַ צווייטער האָט אים אַרויפגעלייגט דאָס היטל אויפֿן קאָפּ. ער איז געווען דער אַרבעטנדיקער פֿון דער פֿאַמיליע. פֿרומערע ייִדן זענען געלאָפֿן אין נאָענטן בית־מדרש אַריין אָפּכאַפּן אַן השכמה. אַנדערע האָבן אויך פֿרי׳ער גאָרנישט גענומען אין מויל אַריין ביז זיי האָבן זיך נישט איינגעהילט אין טלית, אַרומגעוויקלט די רצועות אויף דער האַנט, אָנגעטאָן דעם של־ראש, זיך געשאָקלט ביי דער וואַנט, געזאָגט דאָס נויטיקסטע מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און דערביי אויך אין זינען געהאַט, אַז די אַרבעט זאָל אים נאָר נישט געפעלט זיין. טייל האָבן מיט די פינגער אויף דער שנעל אַ צעקעם געטאָן די באָרד. די געבליבענע אין דער שטוב האָבן שוין שפּעטער צוגעלייגט די תּפֿילין.

מיט זייער אַוועקגיין האָט מען געהאַפּט, אַז דער טאָג פּרנסה איז באַ־זאָרגט און אין שטוב איז געוואָרן לויזער. מ׳האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט.

אין דער נאָך טונקעלער גאַס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע מענטשן. זייער צאָל איז געווען אַ קליינע. די מענטשן זענען געגאַנגען שיטער צע־וואָרפן איבער די טראָטואַרן. אין דער פּאַרטאָגיקער שטילקייט האָט מען דערקענט יעדערנס באַזונדערן טריט ווי מען דערקענט אַ קול אין רעדן.

דאָס זענען געווען אויסדערוויילטע מענטשן, די גליקלעכסטע פון דער גאַס. זיי האָבן געהאַט אַרבעט. פאַר מורא נישט אָנצוּווערן דאָס גליק, זענען זיי שנעל אַריינגעלאָפן אין די גרויסע פאַבריקס־טויערן, ווו זיי זענען אויף אַ גאַנצן טאָג געוואָרן אַריינגעוועבט אין אַ פאַרטויבנדיקן גערויש פון מאַ־שינען, אין אַ שאַרפער לופט פון נאַפט און אייל, אין אַ געדיכטן געווירבל פון דראָבנע וואַטע־הערעלעך, וואָס די מאַטאָרן און מאַשינען האָבן מיט אימפּעט און כּעס געיאָגט פון זיך. די הערעלעך האָבן גנביש זיך אַריינגע־קריגן אין אַלע טונקעלע ווינקעלעך, אין די דינסטע שפּאַרעס, לאַנגזאַם, פויל אָנגעוואַקסן אויף די פּנימער און מלבושים און שטיל זיך געבויט נעסטן אין זייערע לונגען.

ווען די גאַס איז געוואָרן מער וואַך און דער רויך האָט זי וואָס אַ מאָל מער צוגעדעקט, האָבן די טויערן און הייזער, ווי אויפגעפּלאַצטע פון פולקייט, אָנגעשאָטן די גאַסן מיט מענטשן, שטאַרקע מענער מיט שטריק אַרום די לענדן, אָדער אַריבערגעוואָרפן איבער די אַקסלען, זענען געגאַנגען אין די האַנדלס־גאַסן. זיי האָבן אַהינגעטראָגן זייערע פּלייצעס, גרייטע אָנצוהוי־קערן מיט בערג מאַנופאַקטור, מיט פּעק גאַרן, קאַסטנס גאַלאַנטעריע. איינ־געהויקערטע ביז אין דער העלפט פלעגן זיי דאָרט, מיט פאַמעלעכע טריט פון אייזעלעך, זיך קאַטשען פון איין קראָם אין דער צווייטער, פון די קראָמען אין די עקספּעדיציעס און צו די באַן־סטאַציעס.

אויפן ברוק האָבן זיך געצויגן האַנט־וועגעלעך, פאַמעלעך באַוועגנדיק זיך אויף די קליינע רעדעלעך. נידעריקע דאַרע מענטשעלעך, ווי קליינע, שוואַכע, נישט אַנטוויקלטע פערדלעך, זענען געווען אין זיי איינגעשפּאַנט. זיי זענען געגאַנגען פאַמעלעך, צושאָקלענדיק מיט די קעפּ צו יעדן טראָט. די וועגעלעך האָבן נאָכגעשטופּט אויך אַזעלכע קליינע מענטשעלעך. ס'האָבן זיי געפירט טאַטעס, מאַמעס און קינדער, נאָר לויט זייער וווּקס האָט מען נישט דערקאָנט ווער עס זענען די עלטערן און ווער די קינדער. זיי זענען

אויף אַוועק אין דער האַנדלס־גאַס. זייערע פּלייצעס זענען געווען צו קליין און צו שוואַך צו טראָגן שווערע משאות, זענען די וועגעלעך געווען זייערע פּלייצעס. אין טייל ערטער האָבן זיך די וועגעלעך געוואָרפן, געראַנגלט זיך, נישט צעקוועטשט צו ווערן פון די מאַשינען און ראָל־וועגן, איינגעשפּאַנטע אין פעסטע, מוסקולירטע פערד, וואָס זענען ווילד געלאָפן פון אַלע זייטן.

קרעמער האָבן מיט אַ געקלינגערײַ אַראָפּגעלאָזט די אייזערנע פרענטן, ברייט געעפנט די טירן, ווי אויסגעשפּרייטע אָרעמס, אַריינצוכאַפּן די קונים. ווייבער זענען געגאַנגען פון איין קראָם אין דער צווייטער, געציטערט איבער זייער ביסל גראָשנס, געוואָלט איינקויפן וואָס מער.

ביי די הייזער, אויף ביידע זייטן גאַס, האָבן אַרויסגעשלאָגן צוויי גרינע בייטן. אין יעדן ווינקל, אין יעדן טויער, זענען אויסגעוואַקסן קוישן מיט ציבעלעס, קוישן מיט עפּל, קוישן מיט אַלערליי גרינוואַרג און אויבס פון ביליקסטן סאָרט. דאָ האָט מען געקאָנט זען אַן אויסשטעלונג, וואָס האָט געוויזן, וואָס די קראָמען פון די שיינע גאַסן וואַרפן אָפּ. דערפאַר אָבער האָבן די ווייבער פון דער גאַס געהאַט צו קויפן גאַנצע מציאות: אַ גרויסן עפּל, אויף וועלכן דער רויטער פלאָם איז שוין אין באַלד געהאַט אין גאַנצן אויסגע־גאַנגען, בלויז אַ קליין שטיקל פאַרב האָט נאָך אַרויסגעלויכטן פון דער אַרו־מיקער פאַרפוילטקייט; קליינע באַרנעלעך, אין וועלכע שלענגלעך און וועי־רעמלעך האָבן איינגעאָרדנט זייערע נעסטן און אויסגעזויגן די זאַפטן. די פרוכטן אָבער האָבן געהאַט זייערע מעלות. אין מאָגן האָט דאָס פאַרנומען אַ גרויס אָרט און געקאָסט האָט עס ביליק. דאָס וואָס עס האָט געפעלט די פרוכטן, האָבן די פאַרקויפערינס צוגעגעבן מיט זייערע רייד: „עפּל, עפּל — האָניק! פלוימען, פלוימען — זאַפט! באַרנעס, באַרנעס — ווייַן!".

די פאַרקויפערינס זענען געווען איינגעדאַרטע, געראונצלטע ייִדענעס. עס איז שווער געווען צו פאַרשטיין, פון וואַנען עס נעמט זיך אין זייערע רייד אַזוי פיל זאַפט, וואָס איז מיט אַזאַ גרינגקייט געפלאָסן פון זייערע מיילער. יעדע פרוכט, וואָס אַ קונה האָט געקויפט, האָבן זיי געליבט און געצערטלט ווי אַן אייגן קינד.

מער ווי די מיילער זענען געווען אין באַוועגונג זייערע אויגן. זיי האָבן געקוקט אין אַלע זייטן, געהיטן ווו עס געפינט זיך דער פּאָליציאַנט. דאָרט,

ווי דער פּאַליציאַנט האָט געשטעלט זיין שווערן טראָט מיט די גלאַנציקע שטיוול, פון דאָרט זענען פאַרשוווּנדן די קוישן אויבסט אין די טיפענישן פון די טויערן, און ווען ער איז נאָר אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט ווייטער, האָבן זיך די קוישן ווידער באַוויזן הינטער זיינע פּלייצעס. די רייען גרינוואַרג און אויבס, אין ביידע זייטן גאַס, זענען אַ גאַנצן טאָג געווען אין באַוועגונג. זיי זענען פאַרשוווּנדן און צוריק אַרויסגעשווּמען ווי רעקלאַמע־לעמפּעלעך: אָט לעשט זיך איין פּונקט און עס צינדט זיך אָן אַ צווייטער. דאָ ווערט פינצטער דאָס לעמפּעלע, און דאָרט לויכט אויף אַ צווייטס.

דעם שווערסטן קאַמף פאַרן טעגלעכן שטיקל ברויט האָבן געהאַט צו פירן די צען־עלף יעריקע קינדער. זיי האָבן אַרומגעטראָגן אין די הענט קיישלעך מיט בייגל, אָדער אויף דער ברוסט איז געהאָנגען אַ קעסטעלע מיט צוקערוואַרג, וואָס איז געווען אי דאָס שילדל, אי די קראָם. עס איז זיי שווער געווען איינצוהאַלטן די הענטלעך, נישט צו נעמען אין מויל אַריין עפּעס פון זייער קרעמל, אָבער די מורא פאַר דער מאַמען האָט זיי דאָס נישט געלאָזט טאָן. יעדן אָונט ציילט זי גענוי נאָך די גראָשנס, וואָס זיי שיטן אַרויס אויפן טיש. זי רעכנט איבער דעם ווערט פון דער סחורה, וואָס זי האָט מיטגעגעבן, און חושך ווערט אין שטוב ווען דער חשבון שטימט נישט. זי שרייט: באַנדיטן, נאַשערס, פרעסערס! און זעצט זיך אַוועק קלאָגן, אַז עס איז נישטאָ פאַר וואָס אַ שטיקל ברויט צו קויפן, אַ ביסל וואַרעמס אָפּצוקאָכן. האָבן זיי, די קינדער, געמוזט די גוטע זאַכן אַוועקגעבן פרעמדע מענטשן און קוקן מיט קנאה, מיט צערייצטע אויגן, ווי דאָס צעגייט זיך ביי אַנדערע אין די מיילער.

מיט אַ באַזונדערער פאַרביסנקייט האָבן די פּאָליציאַנטן זיך נאָכגעיאָגט נאָך די קליינע סוחרימלעך. דאָס קליינוואַרג האָט זיך מיט גרינגע פיסלעך מערסטנס אַרויסגעדרייט פון די פעסטע לאַפּעס. אָבער נישט זעלטן איז אַ גראָבע גומענע פאַלקע געפאַלן אויף די קעפּלעך. די קינדער האָבן פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט, זייערע פיסלעך האָבן זיך אָפּגעשטעלט, נאָר איינגעשפּאַרטע נישט מיטצוגיין אין פּאָליציי־באַצירק, האָבן זיי מיט פאַרטרערטע אייגעלעך געמוזט צוקוקן ווי די געשמאַקע זאַכן שיטן זיך אויס אין רינשטאָק אַריין און שווימען אַוועק אין די שמוציקע קאַנאַלן.

זייער באַדויער איז געווען נאָך גרעסער, וואָס פריִער האָבן זיי זיך נישט פאַרגינען אַליין אַ נאַש צו טאָן אַ צוקערל. די קאָלירטע פּאַפּירלעך האָבן אַזוי געצויגן זיי אויפצווויקלען און נאָגן דאָס וואָס איז געלעגן אינעווייניק, אַזוי זיס און מחיהדיק.

נישט געהאַט ס׳פאַרגעניגן און נאָך צוגעקוקט ווי דאָס גייט אין דר׳ערד אַריין.

אין געלויף
(דערציילונג)

1

ווען דאָס גרינגע, הילצערנע הייזל האָט אַ ציטער געטון פון די ערשטע באָמבעס, וואָס זענען געפאַלן אויף דער שטאָט, איז חיימל רויִק געלעגן אין זיין בעטעלע אויף אַ ווייך מאַטראַצל, מיט אַ ווייס קישעלע אונטערן קעפּל, און ווייטער געשפּינען זיין זיסן חלום. דאָס קליינע נפשל איז מסתּמא פול געווען מיט דעם איינציקן טרוים: די געשמאַקע מילך פון דער מאַמעס ברוסט. אַ באַווייז האָט געקאָנט זיין דאָס, וואָס זיינע קליינע רויטע ליפּעלעך זענען געווען שמאָל צוזאַמענגעצויגן אין אַ דין רערעלע און אַזוי טשמאָטשקענדיק, האָט ער געזויגן די לופט.

בעריש, חיימלס פאָטער, האָט מיט שווערקייט זיך אַרויסגעריסן פון בעט. עס איז געווען זונטיק און די מידקייט פון דער גאַנצער וואָך אַרבעט איז אים נאָך געלעגן אין לייב. ער איז געווען אין כּעס וואָס זיין שלאָף איז אים געשטערט געוואָרן פּונקט דעמאָלט, ווען ער האָט געוואָלט אַ ביסל לענגער זיך אויסרוען. דורכן פענצטער האָט ער געזען גרופּעס עראָפּלאַנען, וואָס זענען הויך געשווומען אין דער בלויער, פאַרטאָגיקער לופט. פון ערגעץ ווייט האָבן אָפּגעקלונגען סעריעס מאַסיווע, טעמפּע קלעפּ, וואָס האָבן געזעצט אין דער ערד אַריין. זעלנער זענען געלאָפן איבער דער גאַס מיט אָנגעהאָנ־גענע אויטאָמאַטן אויף דער ברוסט. ציווילע מענטשן האָט ער נאָר געזען שטיין אין טויערן, אָדער אַרויסקוקנדיקע פּנימער דורך די שויבן פון פאַר־מאַכטע פענצטער. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עס קומען פאָר איבונגען און איז צוגעגאַנגען צום קינדס בעטל. חיימלס קעפּל האָט זיך געהאָט אַראָפּ־

געגליטשט פון קישעלע, האָט ער עס גלייכגעלייגט און פאַרטריבן אַ זלידנע פליג, וואָס האָט זיך געטשעפּעט צו זיינע בלאָנדע, שיטערע הערעלעך. בעריש איז געווען צופרידן וואָס ער דאַרף נישט איבעררייסן דעם קינדס שלאָף.

אָבער אַליין האָט ער זיך מער נישט צוריקגעלייגט. דער שלאָף איז אים אין גאַנצן אַרויס פון די אויגן, און איז נאָך אַ מאָל צוגעגאַנגען צום פענצטער. אין דרויסן איז געוואָרן וואָס אַ מאָל ליכטיקער, נאָר אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער טאָג האַלט ביים פאַרגיין. אַ טונקל, אומעטיק געפיל איז עקשנות־דיק צוגעשטאַנען צו אים און ער האָט זיך באַמיט עס אָפּצוטרייבן. אין געדאַנק האָט ער אַרויסגערופן באַוווּיזן, אַז קיין מלחמה קאָן נישט זיין. סך־הכל מיט פיר־פינף שעה צוריק, צוועלף אַ זייגער ביי נאַכט, האָט ער זיך אומגעקערט פון דער גאַס. דאָס שטילע זינגען פון יונגע מענטשן, דאָס פרייע לאַכן זייערס ליגט אים נאָך אין די אויערן. פאַרלעך זענען געשטאַנען אין טונקעלע ערטער, אין שאָטנס פוןביימער, און די פאַרבענקטע בליקן, יעדער ריר זייערער, איז פול געווען מיט דעם טרוים פון אַ גליקלעך לעבן, וואָס וואַרט אויף זיי...

ערשט סימע, זיין ווייב, וואָס איז פריִער געהאַט אַרויסגעגאַנגען נאָך מילך, האָט אַ סוף געמאַכט צו זיינע ספקות. האַסטיק עפענענדיק די טיר איז זי אַריין אין שטוב מיט אַ רעש און ליאַרם, ווי עס וואָלטן אָנגעלאָפן אַ גאַנצע כאָפּטע מענטשן מיט אַ מאָל. זי האָט געהאַלטן אין דער האַנט דאָס ליידיקע טעפּל פון מילך, און די אויגן, דאָס מויל, דאָס גאַנצע פנים זענען פול געווען מיט נייעס, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט בלויז אין איין וואָרט:

— מלחמה!!!

זי האָט אויפגעהויבן אירע צעטומלטע, ברוינע אויגן צו בערישן, און אַ שווערע זאָרג פון אַלטע מענטשן, איבערפולטע מיט אומגליק, האָט אָפּגעווישט די פרישקייט פון איר יונגן, לאַנגן פנימל. בעריש איז געשטאַנען אַ גלייכער און זיין ברייטבייניקער גוף איז געוואָרן נאָך מער אָנזעעווודיק, ווי ער זאָל וועלן, אַז ער פאַרמאָגט נאָך גענוג כוח בייצושטיין דעם קלאַפּ. נאָר זיין פנים, שטענדיק אַ רויטס, האָט זיך אויסגעלאָשן, די שוואַרצע הע־רעלעך אויף זיינע באַקן, האָט זיך געדאַכט, וואַקסן אויפן קוק און פאַר־שפּרייטן אַ פינצטערניש אַרום זיך.ביידע האָבן זיי נישט אויסגערעדט קיין

וואָרט, נאָר פּאַמעלעך זיך צוגערוקט צום בעטל און אַראָפּגעלאָזט די בליקן אויפן שלאָפנדיקן קינד. זיי האָבן אים געוואָלט באַהויכן מיט עפּעס אַ וווּנדער, אַז דאָס אומגליק, וואָס איז פּלוצלינג אַראָפּגעפאַלן אויף זייערע קעפּ זאָל אים נישט שאַטן. די מאַמע האָט אים אַלץ דערציילט און איינגע־רעדט, אַז ער זאָל זיך שטאַרקן אויסצוהאַלטן די צרות, וואָס גייען אויף אים. נאָר וואָס האָט חיימל געקאָנט פאַרשטיין, אַז ער איז סך־הכּל אַלט געווען זיבן חדשים. ער האָט נאָר געעפנט די ברוינע אייגעלעך און דערזעענדיק די מאַמען, האָט ער פאַרקרומט דאָס פּנימל אין אַ מיאוסער גרימאַסע, זיך צעפּישטשעט ווי אַ קעצל און אויסגעצויגן די הענטלעך. די מאַמע האָט אים אַרויסגענומען פון בעטל און ער האָט איינגעגראָבן דאָס גאַנצע פּנים אין איר ברוסט. ער האָט אָבער, קאָנטיק, דערפילט, אַז אויף דער וועלט איז עפּעס נישט גלאַטיק, ווייל ער האָט באַלד אַרויסגעלאָזט דעם ברוסט־וואָרצל פון מויל און אַוועקגעבויגן דאָס קעפּל.

אין דער מילך, קאָן זיין, איז שוין געלעגן דער טעם פון מלחמה.

2

צו ערשט האָבן מענטשן געמיינט, אַז עס קומען פּאָר איבונגען און אַלע ווייסן, אַז ביי איבונגען טאָר מען נישט אַרויס פון דער שטוב, נאָר ווען מען האָט זיך דערוווּסט, אַז אַ מלחמה איז אויסגעבראָכן, זענען די גאַסן פול געוואָרן מיט מענטשן.

בעריש איז אַוועק אין שטאָט און, ווי אַ סך מענער, געהאָלפן גראָבן לאַנגע, טיפע גריבער קעגן דעם שׂונאס טאַנקען.

סימע איז געשטאַנען אויף אַ גאַס, אין אַ ריי, און דורכן גרויסן אויסשטעל־פענצטער, אַן אומגעדולדיקע געקוקט אין שפּייז־קראָם אַריין, גענישטערט מיט די אויגן צווישן די זעק און קאַסטנס און געווען פול מיט אומרו, צי עס וועט נאָך בלייבן פאַר איר אַ ביסל פון עסנוואַרג. אַז אויפן הימל זיינען אָנגעפלויגן עראָפּלאַנען, האָט זי פאַרלאָזט די ריי און געלאָפן אַהיים ווו דאָס קינד איז געלעגן, און ווען דער אָנפאַל איז אַריבער, איז זי צוריק אַוועק צום געוועלב. און חיימל האָט זיך דערוויל געריסן אויפן גאַנצן קול און בייז געווען אויף זיין שלעכטער מאַמען, וואָס זי האָט אים אין אַזאַ צייט איבער־

געלאָזט אויף אַזוי פיל שעהען אַליין. ער האָט נישט געוווסט, אַז זיין מאַמע לויפט די גאַנצע צייט אַהין און צוריק איבער דער שטאָט — אַ צעמישטע, אַ צעריסענע אויף צוויי. דאָ וויל זי אים באַשיצן פון אַ באָמבע, און דאָרט לויפט זי אים באַזאָרגן מיט אַ ביסל קאַשע, אַ ביסל צוקער און פעטס אויף דער ערשטער צייט פון דער מלחמה.

סוף כּל סוף האָט זיך חיימל דערוואָרט אויף זיינע עלטערן. בעריש איז אַהיימגעקומען אין שטיוול אויסגעשמירטע מיט ליים און זאַמד, וואָס האָט זיך צוגעקלעפּט צו זיי בעתן גראָבן די ערד. די הענט שווערע, אַראָפּ־הענגענדיקע, ווי גרויסע געוויכטער, זענען געווען פול מיט מאָזאָליעס, פּענ־כערס און אָפּגעריסענע שטיקער הויט. דער רידל האָט פון איין זייט געריסן די ערד מיט שנעלקייט און ברען, ווי די צייט האָט געפאָדערט, און פון דער אַנדערער זייט האָט ער צעטרייבערט זיינע הענט, וואָס זענען נישט געווען צוגעוווינט צו אַזאַ אַרבעט.

בעריש האָט נישט געקאָנט איינשטיין ביים קינדס בעטל און יעדעס מאָל געלאָפן צום פענצטער קוקן, וואָס אין גאַס טוט זיך. מענטשן זענען געלאָפן צעדולטע, מיט קינדער, מיט פּעק. פון די איבערפולטע זעק, נישט פאַרבונדענע, זענען אין לויפן אַרויסגעפאַלן שטיקלעך וועש, קליינינקייטן. אַ סך האָבן געשלעפּט וואַליזקעס אַרומגעבונדענע מיט שטריק, ווייל אַנ־שטאָפּנדיק זיי אין געאייל, אין אומאָרדענונג, האָבן די דעקלעך זיך נישט געלאָזט צומאַכן אויף די שלעסער. אין מיטן וועג זענען געלאָפן אָפענע אויטאָס מיט בעטגעוואַנט, מיט מעבל, מיט פרויען און קינדער. באַקאַנטע, וואָס זענען פאַרבייגעלאָפן, האָבן אַריינגעשריגן צו בערישן דורכן נידעריקן פענצטער:

— וואָס זיצסטו, וואָס ? דו זעסט דאָך, די שטאָט לויפט !

— ווילסט פאַרזוכן אַ דייטשע קויל ? ס׳איז נישט קיין שבתדיקער קוגל, בהמה...

— גזלן, ראַטעווע דיין קינד !

— קענסט נישט דעם דייטש, ווילסט אים אָנקוקן ?... בעסער ער זאָל דיך נישט זען...

רויקערע מענטשן, מער באַהערשטע, זענען אַריינגעקומען אין שטוב

און פאַרטרוילעך איבערגעגעבן בעריש, אַז דער דייטש רוקט זיך אַלץ נענטער און אים איינגערוימט בסוד ווו עס שטייט אַן עשאַלאָן...

און דערווייל איז סימע נאָך אַלץ נישט געווען. יעדע רגע האָט דאָס אומגעדולד בערישן געגעבן אַ הייב פון אָרט און אַרויסגעטראָגן אויף דער גאַס, ווו זיין בליק האָט זיך אויסגעצויגן ווייט, ווייט, זוכנדיק סימען צווישן די צעטומלטע, לויפנדיקע מענטשן. נאָר נישט זי געזען, איז ער צוריק אַריין אין שטוב, געפּרוּווט איינשטילן דאָס קינד און ווידער געלאָפן צום פענצטער קוקן אין גאַס אַריין.

סימע איז ענדלעך געקומען. זי איז אַריינגעלאָפן אין שטוב מיט דער־שראָקענע אויגן, אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד דאָס פולע קיישל מיט שפּייז און אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד אויף די הענט. די שרעק און אומרויִקייט פאַרן קינד, וואָס האָט אין איר עטלעכע שעה געשפּאַרט און געטריבן, ווי דער דאַמף אין אַ פאַרמאַכטן קעסל, האָט איצט אַרויסגעשלאָגן פון אירע אויגן מיט הייסע טרערן, זיך אויסגעלאָדנט מיט ווערטער, איבערבעטנדיק דאָס קינד. נאָר חיימל האָט נאָך אַלץ בייז געקוקט אויף איר און זיך נישט געקאָנט באַרויִקן פון געוויין. די מאַמע האָט אים געגלעט דאָס קעפּל און צוגעדריקט צו זיך. דאָס קינד האָט געהעשעט, ביסלעכווייז זיך איינגעשטילט, און מיטן קליינעם הענטל אומגעשיקט אויך געגומען גלעטן דער מאַמעס פּנים.

נאָר לאַנג קיין צייט צו שפּילן זיך האָבן זיי, די מאַמע מיטן זון, נישט געהאַט. יעדע רגע קאָן אָפּגיין דער עשאַלאָן און דאָס קאָן קאָסטן ס׳לעבן.

בעריש מיט סימען האָבן נישט געוווּסט וואָס צו נעמען מיט זיך און וואָס איבערצולאָזן. דאָס ערשטע האָבן זיי גענומען חיימלען, אַריינגעלייגט אין זיין וואַטענער קאָלדרע און אים אַזוי איינגעוויקלט אַרום און אַרום, ווי זיי זאָלן אים מיט דעם ווען פאַרפּאַנצערן קעגן אַ קויל, וואָס קאָן אים חלילה טרעפן אין גאַס. סימע האָט אים גענומען אויףביידע הענט. געוווּסט, אַז עס שטייט איר פאָר אַ ווייטער און געפערלעכער וועג, האָט זי נישט געקאָנט פאַרנעמען די הענט מער מיט קיין אַנדערע זאַכן.

בעריש האָט איילִיק אַרויסגעשלעפּט די שופלעדער פון טיש, אויפגעעפנט דאָס שענקל און אַלץ אַרויסגעוואָרפן אין מיטן דער שטוב. ווי ביי אַ מענטש, אין די לעצטע רגעס פאַרן צעשיידן זיך מיט דער וועלט, גיט פּלוצעם פאַר

אים אַ בליץ אויף, אין די ליכטיקסטע קאָלירן, די שיינקייט און פרייד פון זיינע פאַרגאַנגענע יאָרן, פון וועלכע ער מוז איצט אַוועק, אַזוי האָבן די זאַכן, וואַלגערנדיק זיך אויף דער פאָדלאָגע, בעריש דערמאָנט די שענסטע מאָמענטן פון זיין לעבן. עס האָט זיך אין אים דערוועקט דאָס פריידיקע האַרץ־קלאַפּן, ווען ער האָט זיך געפּוצט און געגרייט צו אַ באַגעגעניש מיט אַ מיידל, צו גיין אין טעאַטער, אויף אַ באַל, — האָבן אים דערמאָנט אין יום־טובים און שׂמחות, שעהען פון גליק, וואָס אַ מיטרייסנדיק בוך האָט אין אים אָנגעצונדן. לאָזנדיק די זאַכן אויף הפקר, האָט זיך אים געדוכט, וואַרפט ער אַוועק די פרייד, וואָס איז אים ביז איצט נאָכגעגאַנגען, אַזאַ שיינענדיקע און ליכטיקע, און וועט זיך מער קיין מאָל נישט אומקערן...

דאָס קלאַפּן פון זייגער און די געשטאַלטן, וואָס זענען געלאָפן פאַרביי דעם פענצטער, האָבן בעריש נישט געלאָזט לאַנג טראַכטן. ער איז צעטומלט געלאָפן מיט די אויגן און מיט די הענט פון איין זאַך צו דער צווייטער און אין דער שנעלקייט נישט געקאָנט באַשליסן, וואָס עס איז דאָס וויכטיקסטע צו כאַפּן מיט זיך. נישט האָבנדיק אונטער דער האַנט אין וואָס אַריינצולייגן די אויסגעקליבענע זאַכן, האָט ער אויסגעשיט אויף דער ערד דאָס שפּייז, וואָס זיין ווייב האָט געבערענגט פון דער גאַס. אין דעם אויסגעליידיקטן קיישל האָט ער אַריינגעפּאַקט דעם קינדס ביסל וועש, און אין אַ זעקל אַריינגעשטופּט דאָס קישעלע פון חיימלס בעטל מיט עטלעכע האַנטעכער און העמדער פאַר זיך און פאַרן ווייב. דעם עק פון זעקל האָט ער צוגעבונדן צום אָנגעמער פון קיישל און ביידע זאַכן אַריבערגעוואָרפן איבערן אַקסל. אונטערן אָרעם האָט ער גענומען אַ לעבל ברויט.

סימע האָט זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון דער שטוב. ווען זי איז שוין געשטאַנען אין דרויסן, האָט זיך איר קאָפּ אומגעקערט מיטן פּנים אויף צוריק, ווי די אויגן זאָלן זיין פעסט צוגעבונדן צו עפּעס, וואָס לאָזט זי נישט אַוועק. זי האָט געקוקט אויף חיימלס בעטל, וואָס איז געשטאַנען אַ ליידיקס, אַ פאַרלאָזנס. אויף דער פאָדלאָגע איז געלעגן אין אַ בערגעלע דאָס אויסגעשיטע שפּייז, וואָס איז איר היינט אָנגעקומען מיט אַזוי פיל שרעק און לויפעניש. פון איין זעקעלע, אַ פּאַפּירנס, האָט דורך אַ צעריסן אָרט, זיך געגאָסן אַ ריטש־קעלע מאַננע־קאַשע. איין זעקל איז געווען אין גאַנצן אויפגעפּלאַצט און

רונדיקע אַרבעסלעך האָבן זיך צעקאָלערט אין אַ ברייטן קרייז אַרום. עס איז געלעגן אַן איבערגעקערטע באַנקע מיט פּוטער, צעשמאָלצענע פון דער היץ און געראָנען אונטער זייף און שוועבעלעך. און פון אַ לאָך ביי דער וואַנט האָט אַרויסגעשטעקט אַ קעפּל פון אַ מייזל, ווי עס זאָל וואַרטן אויף זייער אַוועקגיין און די קליינע, רונדיקע אייגעלעך האָבן שוין געגלאָצט צו דעם עסנוואַרג.

3

חיימלס עלטערן האָבן שווער געאַרבעט און עס האָט לאַנג געדויערט ביז זיי האָבן זיך אויסגעבעט אַ שטוב מיט זאַכן, אויסגעוואַרעמט זיך אַ היים, אַ ביסל זיך פאַרזיכערט אויף מאָרגן. איצט האָבן זיי דאָס פאַרלאָזט אין איין מינוט. געעפנט די טיר און אַוועקגעגאַנגען פון דעם.

נאָר חיימל האָט זיך מיט דעם גאָרנישט איבערגענומען. ער איז זיך געלעגן אין דעם וויכן באַקוועמען געלעגער ביי דער מאַמען אויף די הענט און ער געדענקט נישט זינט ער לעבט, פאַר די אַלע זיבן חדשים, אַז ער זאָל האָבן געהאַט אַזאַ הנאה פון אַ שפּאַציר, ווי איצט. די מאַמע איז שנעל געלאָפן, פון דעם האָבן זיך אירע הענט שטאַרק געטרייסלט און ער האָט זיך אַזוי געהוידעט און אונטערגעשפּרונגען. קיינער האָט נישט געזען די שמייכלען פון דעם קינד וואָס די קאָלדרע, אין וועלכער ער איז געווען איינגעוויקלט, האָט באַהאַלטן אין זיך. נאָר לאַנג בלייבן אַליין מיט זיין גליק האָט ער נישט געקאָנט. ער האָט מיט די הענטלעך גענומען גראָבן און קנעטן די קאָלדרע, ביז ער האָט דערטאַפּט די ברעגן, זיי צעשפּרייט אויף רעכטס און לינקס, מאַכנדיק אַ וועג פאַר דעם קעפּל. ער האָט עס אונטערגעהויבן און געוויזן דער וועלט זיין פריילעך פּנימל.

ער האָט אָבער שנעל געגעבן אַ צי צוריק דאָס קעפּל, ווי די שיין, וואָס האָט אים פּלוצלינג אַ בלענד געטאָן אין די אויגן, זאָל אים האָבן דערלאַנגט אַ שטאַרקן קלאַפּ. צוגעוווינט זיך שוין צו דעם ליכט, האָט חיימל ברייטער געעפנט די אויגן און געווען אַזוי צעשטראַלט, אַז ער האָט אַרויסגעריסן אַ שמייכל אויפן פּנים פון זיין מאַמען, וואָס איז געלאָפן אַ צערודערטע, אַ דערשראָקן־אויפגערעגטע. זי האָט געדרייט מיטן קאָפּ אַהין און צוריק,

שטיקנדיק זיך מיט דער פרייד, וואָס האָט געשפּילט אויפן קינדס פּנימל.

מיט אַ טאָג פריִער וואָלט זיך קיינער נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז די שטאָט קאָן אַ מאָל באַקומען אַזאַ אויסזען. מענטשן זענען געלאָפן אין אַלע זייטן און נישט געוווּסט וווּהין. עראָפּלאַנען האָבן פאַרטונקלט דעם הימל און דער מאָטאָרן־גערויש, וואָס האָט זיך געגאָסן פון דאָרט, ווי אַן אימהדיק־ברומענדיקער רעגן, האָט אָנגעזאָגט דאָס דערנענטערן זיך פון אַרמייען פאַרוויסטער און מענטשן־קוילער. אַפילו אין די מינוטן, ווען איבער דער שטאָט זענען קיין עראָפּלאַנען נישט געפלויגן, איז די לופט אויך פול געווען מיט דעם גערויש. קיין פייער האָט מען נאָך נישט געזען, נאָר פאַר די אויגן האָבן שוין געמיניעט די פלאַמען פון ברענענדיקע הייזער. מ׳האָט שוין געהערט דאָס קנאַקן פון שויבן, דאָס קרעכצן פון פאַרוווּנדעטע, געזען די בליקן פון גוססדיקע מענטשן, וואָס גייען אויס אין קראַמפּן; עס האָט זיך שוין געשפּירט דער טשאַד פון ברענענדיקע לייבער. מאַמעס האָבן שוין געיאָמערט איבער זייערע קינדער, מיט וועלכע זיי זענען נאָך געווען צוזאַמען. און קינדער, טוליענדיק זיך צו די מאַמעס, האָבן זיך שוין געפילט איינזאַמע, ווי יתומים.

אויטאָמאָבילן זענען געלאָפן מיט פרויען און קינדער. די מענטשן האָבן נישט געקאָנט אָוועקנעמען די אויגן פון וואַנען זיי אַנטלויפן. די אויטאָס האָבן זיי אָפּגעריסן און אַוועקגעשלעפּט וואָס אַ מאָל ווייטער. און וואָס ווייטער זיי זענען אַוועק, אַלץ מער חשק האָבן זיי געהאַט צוריקצולויפן.

אַ גרויסער עולם איז געגאַנגען אין דער זעלבער ריכטונג ווי בעריש מיט זיין פאַמיליע. אויפן וועג זענען מענטשן צוגעשפּרונגען צו זיי ווילד, פּלוצלינג, ווי אַנפאַלער און געשריגן: מענטשן, וווּהין לויפט איר! זאָגט, וווּהין לויפט מען! טייל האָבן זיך געלאָזט מיטרייסן מיטן שטראָם און אַנדערע זענען צוריקגעלאָפן אין זייערע היימען. די שרעק, דאָס געפאַר האָט זיי געיאָגט צו אַנטלויפן, אָבער אין די שטובן זענען געלעגן קראַנקע, אַלטע, וואָס מען האָט נישט געקאָנט מיטנעמען און נישט איבערלאָזן אַליין. די מענטשן זענען געלאָפן אַריין און אַרויס אין די טירן, אויפגערעגטע, צערודערטע, זיך געדרייט אַרום זייערע היימען, ווי אין אַ פאַרכישופטן קרייז. אומרויִקע, צעטומלטע מאַמעס האָבן אויסגעקוקט קינדער פון דאַטשעס, פון אַ

רייזע, שוין געהאַלטן זיי פאַר פאַרפאַלענע, אָפּגעריסענע אויפן גאַנצן לעבן און דאָך נישט געקאָנט אַוועק פון די שטובן — טאָמער קומען זיי אָן.

אַדורכגייענדיק האָט בעריש אַנגעקלאַפּט אין אַ שטוב פון אַ פריינד, אפשר האַלט יענער נישט ביים אַנטלויפן, וואָלט ער אים מיטגעשלעפּט. פון אינעווייניק האָט מען זיך נישט אָנגערופן און ער האָט אַליין געעפנט די טיר. אין דער שטוב איז קיינער נישט געווען. אַ ווייס קעצל איז געזעסן אויף דער קיך נעבן אַ טעפּל מילך און זיך נישט צוגערירט צו איר. דאָס קעצל האָט נאָר געקוקט מיט גרינע, גלעזערנע אויגן צו דער טיר און געווען אַזוי שטיל און אומבאַוועגלעך, ווי אַלע שטוב-זאַכן. בלויז אַן אויבערשט טירל פון אַ געפּעס-שענקל האָט זיך נאָך עטוואָס באַוועגט אויף אַ זאַוויאַסע. אַ סימן, אַז אַ מענטשלעכע האַנט האָט נישט לאַנג צוריק זיך דאָ צוגערירט. קיין זאַך האָט דעם אַריינגעקומענעם נישט געקאָנט זאָגן וווּהין די מענטשן, זיינע באַקאַנטע פריינד, זענען אַהינגעקומען, ווו דאָס לעבן פון דער שטוב איז אַוועק. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז זיי זענען אין ערגעץ מער נישטאָ, די לופט האָט זיי איינגעזאַפּט, און דאָס מעבל, אַנווערנדיק די בעלי־בתים, איז אויך געוואָרן טויט, איבעריק. דער איינציקער לעבעדיקער אָטעם, וואָס איז דאָ געבליבן, איז געווען דאָס קעצל, און אירע פאַרגליווערטע אויגן האָבן געברענט, ווי פלעמלעך אויף דעם לעבן, וואָס איז פון דאַנען פאַרשווינדן.

אין דרויסן האָט חיימל נישט געקאָנט רויק איינליגן אויף דער מאַמעס הענט, נישט געלאָזט די מאַמע איינשטיין אויף אַן אָרט. דער שפּאַציר האָט אים געשמעקט, און ער האָט אַרויסגעלאָזט אַזאַ קוויטש, אַז דער פאָטער, וואָס איז געשטאַנען אַ צעחושטער, אַ געפּלעפּטער און נישט געקאָנט צו זיך קומען פון דעם איינדרוק, וואָס די באַקאַנטע שטוב האָט אויף אים געמאַכט, איז אַרויסגעלאָפן אַ דערשראָקענער. זיינע אָנגעשפּיצטע נערוון, דאָס צע־רייצטע האַרץ, וואָס האָבן אַ גאַנצן טאָג נאָכגעשפּירט, געזוכט אויסצומיידן דעם טויט, וואָס קאָן יעדע רגע פון ערגעץ אָנקומען, האָבן אים אונטערגע־זאָגט, אַז מיט ווייב און קינד איז אין דרויסן עפּעס געשען. סימע האָט די גאַנצע צייט געקוקט מיט אַרויסגעזעצטע אויגן אין הויז אַריין, געוואַרט בעריש זאָל אַרויסקומען. דערזעענדיק זיין אימפּעטיק לויפן, דאָס פּנים נאָך בלאַסער און צערודערטער ווי אַ גאַנצן טאָג, איז זי געווען זיכער, אַז מיט

אים איז אינעווייניק עפּעס פאַרגעקומען, אַן אומגליק יאָגט אים נאָך. זיי זענען ביידע צוגעפאַלן צו זיך, שרייענדיק איינער צום צווייטן: וואָס איז געשען? וואָס איז געשען? זיי האָבן זיך אויסגעפרעגט, געפּאָרשט די אויגן און עס האָט לאַנג געדויערט ביז זיי האָבן זיך איינע דאָס אַנדערע איבער־צייגט, אַז מיט קיינעם פון זיי איז גאָרנישט געשען.

באַרויקט פון דער אומזיסטער שרעק, איז זיי געוואָרן לייכטער צו גיין ווייטער. פּלוצלינג איז זיי אַנטקעגנגעשפּרונגען אַ פרוי מיט אַ באַקאַנט פּנים, נאָר זיי האָבן זיך נישט באַלד געכאַפּט ווער דאָס איז. די מלבושים אויף איר זענען געווען צופעליק אַרויפגעוואָרפן און דאָס פאַרענדערטע פּנים אירס האָט פאַרשטעלט איר נאָרמאַלן, שטענדיקן אויסזען. ביי דער האַנט האָט זי געהאַלטן אַ יינגל פון אַ יאָר פיר־פינף. דאָס יינגל איז געלאָפן מיט אַן אָפן מויל און די גרויסע אויגן האָבן געקוקט פאַר זיך, אין איין פּונקט. ער איז געווען מיד, אָפּגעשטאַנען און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער לויפט נישט, נאָר שטייט אומבאַוועגלעך, בלויז די פיסלעך טאַנצן אונטער, ווייל די מוטער שלעפּט אים ביים הענטל.

— גענים! — האָט בעריש דערקאָנט זיין שוועסטער. — וואָס איז געשען!? ווו לויפסטו? מיר לויפן דאָך ערשט צו דיר.

— וואָס איז געשען? צו מיר איז שוין נישטאָ וואָס צו לויפן. דאָס אומגליק האָט מיך שוין געטראָפן. אַלץ גייט שוין דאָרט אַוועק מיט די פלאַמען...

— און וואָס זעסטו אַזוי אויס? אַז אונדזער שטוב ברענט נישט האָבן מיר יאָ נאָך אַ היים? וואָס איז דער אונטערשיד צי מיר לאָזן איבער אַ גאַנצע שטוב, צי אַ פאַרברענטע, אַז מיר אַנטלויפן סיי ווי פון איר?

— וואָס איך זע אַזוי אויס? און ווי זעסטו אויס, בעסער? אַלע האָבן מיר היינט איין פּנים...

זי האָט געמאַכט אַ טריט צו סימען און אָנגעקוקט חיימלען.

— ווייז נאָר אַ קוק טון ווי ער זעט אויס. דער גרויסער מענטש נעבעך ווייסט שוין אויך פון מלחמה... פיצעלע, ווערעמל, לאַכטיק פּנימל מיינס...

זי האָט אַרויסגענומען חיימלען פון דער מוטערס הענט, זיך אַראָפּגעבויגן און געוויזן אים איר יינגל:

— זעסט, שלמהלע, ער איז נאָך קלענער פון דיר און וויינט נישט, און דו שרייסט שוין, אַז דו האָסט קיין כּוח נישט. דאָס מאַטערניש הייבט זיך ערשט אָן און דו פאַלסט שוין פון די פּיסלעך.

נאָר שלמהלע האָט נישט געהערט וואָס די מאַמע רעדט צו אים און צו מאָל נישט קיין קוק געטון אויף זיין קליינעם קוזין. ער האָט געזען פון דער וויטנס שטיין אַ לאַנגע באַן מיט אַ סך פענצטער, און אַנווערנדיק מיט אַ מאָל די מידקייט אין די פיסלעך, איז ער אַליין אַהין געלאָפן דער ערשטער.

4

דער וואַגאָן, אין וועלכן בעריש מיט זיין פאַמיליע זענען אַריין, איז אויך געווען פול אָנגעפּראָפּט, ווי אַלע אַנדערע וואַגאָנען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז מען האָט איבערגעקערט גאַנצע שטובן און דאָס אינעווייניקסטע, מענטשן און זאַכן, דאָ אַריינגעשיט, ווי פון זעק, אַנוואַלגערנדיק איינס אויפן צווייטן. די פּאַדלאָגע, בענק, פּאָלקעס, זענען געווען אָנגעלייגט מיט פּעק, זעק, קאַסטנס און מענטשן האָבן נישט געהאַט ווו צו זיצן און ווו זיך אַהינצוטאָן. מ׳איז געלעגן צווישן די זאַכן איינגעהויקערט, איינגעקלעמט, ווו ס׳האָט זיך געלאָזט. קיינער האָט נישט געשריגן, אַז עס איז אים ענג און נישט געהאַט קיין טענות צו די פריש צוגעקומענע. וויפל מענטשן עס זענען געקומען, זענען זיי אַלע אַריין. מ׳האָט פאַר קיינעם נישט געמאַכט קיין וואַרע און קיינעם נישט אַרויס־געשטופּט. יעדער האָט זיך איינגעאָרדנט לויט זיינע כּוחות.

בעריש האָט דער ערשטער זיך אַריינגעקריגן אינעווייניק. דאָס לעבל ברויט פון אונטער זיין אָרעם איז באַלד פאַרשוווּנדן און עס איז שוין נישט געווען וואָס צו עסן. מענטשן האָבן צוגענומען חיימלען ביי דער מוטער. זיי האָבן אים אויפגעהויבן איבער די קעפּ און אַזוי, צאַפּלדיק אין דער הויך פון פרייד, איז חיימל איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט, ביז ער איז צוגעקומען צום פאָטער. בעריש האָט זיך געפונען אין שמאָלן וואַגאָן־קאָרידאָר, נעבן די קופּען, און דורך דער שפּאַרע, וואָס ער האָט געמאַכט צווישן די מענטשן, האָבן זיך אַדורכגעשטופּט זיין ווייב און די שוועסטער. שלמהלע, דער שוועסטערס יינגל, איז זיי באַלד פון אָנהויב אַוועקגעקומען פון די אויגן. ער האָט זיך אַדורכגעגליטשט אויף דער ערד צווישן די פּעק

און פיס, און ווען זיי זענען אַריין טיף אין וואַגאָן, האָבן זיי אים שוין געזען שטיין אויף אַ הויכן זאַק אַרויסקוקן דורכן פענצטער.

פון נישט ווייט האָבן זיך געהערט עטלעכע אויפרייסן. חיימל האָט אַ צאַפּל געטאָן מיטן גאַנצן גופל, און ווי אַ סך מענטשן אין וואַגאָן, אויך צוגעפאַלן צום פענצטער, מיטשלעפּנדיק דעם טאַטן, אויף וועמענס הענט ער איז נאָך געזעסן. זיי האָבן געזען אַ וואָלקן רויך, וואָס איז געשטאַנען איבער אַ ווייס הייזל און זיך געראַנגלט מיט אַ פלאַם. דער רויך האָט געשטיקט דאָס פייער, געוואָלט עס איינשלינגען און דער פלאַם האָט געשמיסן דעם וואָלקן, איבערלאָזנדיק ברייטע, רויטע פאַסן, געריסן לעבעדיקע שטיקער פון אים. חיימל האָט געוואָלט אָנכאַפּן די רויטע פלאַמען, נאָר דאָס פענצטער איז געווען פאַרמאַכט, זענען די קליינע הענטלעך געקראָכן אויף די שויבן, ווי ווייסע פרעשלעך.

פלוצלונג, אָן אַ פייף, אָן אַ קלונג, האָט דער צוג געגעבן אַ ריס פון אָרט, אַ לויף געטאָן מיט דער שנעלקייט פון אַ ווייכער, און די מענטשן און פעק האָבן זיך אָנגעשטויסן איינער אָנעם צווייטן. חיימל איז אַרויס מיט אַ געוויין, זיך געוואָרפן, ווי ער זאָל נישט באַשטיין, וואָס די באַן אַנלויפט פון דאַנען. אָבער די באַן האָט זיך מיט גאָרנישט גערעכנט און געלאָפן שנעל, שנעל, פאַרטויבנדיק חיימלס געשריי. אַלע, די מאַמע, די מומע, דער גאַנצער וואַגאָן מענטשן, האָבן געוואָלט איינשטילן דאָס קינד, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. און קיינער האָט נישט געוווּסט, צי ער וויינט, ווייל די באַן שלעפּט אים אַוועק וואָס אַ מאָל ווייטער פון זיין ווייס, באַקוועם בעטעלע, אָדער ער האָט מורא פאַר דער ווייטער, אומבאַוווּסטער פרעמד, וווהין די באַן פירט אים.

דער בלינדער

1

עס איז ערשט געווען אָנהייב נאַכט, נאָר דאָס שניי־ווייסע הייזל, נישט ווייט פון אונדז, איז שוין געוואָרן אין גאַנצן איינגעשלונגען פון דער געדיכטער פינצטערניש. דאָ אויפן פעלד איז ניט געווען קיין שום פאַרב, וואָס זאָל האָבן דעם כּוח זיך דורכצושלאָגן דורך דער שוואַרצקייט. פון ערגעץ ווייט האָט געמיניעט דאָס פייערל פון אַ קליין לעמפּעלע, אָבער אַרום איז פון דעם גאָרנישט העלער געוואָרן. מיר האָבן אַפילו נישט געזען די פּנימער און פיגורן פון די מענטשן נעבן זיך. עס האָבן זיך נאָר באַוועגט הונדערטער פאַרמלאָזע, צעגאָסענע שאָטנס. די נאַכט האָט אַרויפגעוואָרפן אויף אַלעמען עפּעס געהיימנישפולעס, אַז זעלטן האָט עמעצער אַרויסגערעדט אַ וואָרט.

פון דער הוילער לופט איז פּלוצלינג געקומען אַ רוף:

— אין די וואַ־גאָ־נען!

אַלעמען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַ פאַרהוילענער לאָקאָמאָטיוו האָט מיט אַ קורץ, אָפּגעהאַקט פייפן אויסגעקלאַפּט די דאָזיקע קלאַנגען.

מיר האָבן געוווּסט ווו די וואַגאָנען געפינען זיך, נאָר נישט געזען צו־צוגיין צו זיי. מיר האָבן געטאַפּט די לופט מיט די הענט. אַנרירנדיק איינער דעם צווייטן, האָט זיך געדוכט, אַז די הענט באַגעגענען זיך מיט געדיכטע שטיקער נאַכט. אָפּגעגאַנגען פאַרזיכטיק עטלעכע טריט, האָב איך געזען די שאָטנס פון מיר צעגייען זיך ווי פאַר אַ וואַנט אין אַ ברייטער ריי. אין פאַרשידענע ערטער זענען די שאָטנס העכער געוואָרן און ערגעץ פאַרשוווּנדן. אויך איך האָב דערטאַפּט די אייזערנע טיר פון אַ וואַגאָן און איינגעשטיגן.

אין וואַגאָן איז געווען נאָך פינצטערער. מען האָט נאָר געזען צעוואָרפן, ווי שטערנדלעך, גרויסע, גליִענדיקע פונקען, וואָס האָבן דאָ אויפגעלויכטן, דאָ טונקעלער געוואָרן, און אַ שטאַרקער רויך פון פאַפּיר און טאַבאַק האָט געגעסן די אויגן, געקרעלט אין האַלדז. דער וואַגאָן איז, ווייזט אויס, געווען אָן אָפּטיילונגען וואָרעם מען האָט געזען די פייערלעך אויף אַ גרויסן שטח, פון איין עק ביז צום צווייטן... שאַרנדיק מיט די פיס, האָב איך זיך אַרומגעדרייט צווישן די בענק און מיט טאַפּנדיקע פינגער געזוכט אויף זיי אַ ליידיק אָרט. מיינע הענט האָבן אָנגעטראָפן דאָ אויף אַ באַהאָרטן קאָפּ, דאָ אויף אַ פּאָר פיס, און פון יעדן אָרט, וואָס איך האָב אָנגערירט, איז געקומען אַן ענטפער:

— פאַרנומען.

ביים סוף פון וואַגאָן האָב איך אָנגעטאַפּט אַן אָפענע טיר און מיט די פיס אַרויפגעטרעטן אויף אַ לויז, אייזערן בריקל. איך האָב דאָס פאַרשטאַנען לויטן אָפּקלאַנג ביים שטעלן אַ טריט. דאָס איז געווען אַן אַדורכגאַנג אין אַ צווייטן וואַגאָן אַריין. ערשט דאָ האָב איך געפונען אַ פריי שטיקל באַנק, איך בין געווען אין אַן אָפּגעזונדערטן קופּע, און לויט דער פאַרשידנקייט פון די שטימען האָב איך זיך משער געווען, אַז דאָ זענען פאַראַן נאָך פיר מענטשן. דורך די פענצטער איןביידע זייטן האָט זיך דער דרויסן געוויזן עטוואָס ליכטיקער.

די מענטשן האָבן זיך צעשמועסט, געזאָגט וויצן, דערציילט וועגן זיך. מען האָט שוין געוווּסט צו ביסלעך, וואָס עס טוט זיך ביים צווייטן אויף דער נשמה, נאָר נישט געוווּסט ווי עס זעט אויס איך זיין פּנים. נאָך אַ לענגערער צייט האָב איך באַמערקט, אַז צווישן אונדז געפינט זיך נאָך אַ מענטש, וועלכער האַלט זיך אין גאַנצן אָפּגעזונדערט. ער איז געזעסן אויפן עק באַנק, האַרט ביים פענצטער, און די טונקעלע בלויקייט פון דער שויב האָט קוים אָפּגעדעקט זיין געשטאַלט — אַ בולט אַרויסשטאַרצנדיקער שאָטן האַרט ביי דער וואַנט. פון זיין ווינקל האָט זיך געהערט אַ לייכט כראָפּען און אָטעמען, אונדז האָט זיך אויך געוואָלט שלאָפן, און מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט געלעגערס אויף די בענק און פאַליצעס. דער פאַרנדיקער צוג האָט אַלעמען איינגעוויגט ווי קליינע קינדער.

2

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט זייער פרי. די גרויע פאַרטאָגיקע שיין האָט שוין קלאָר אָפּגעדעקט דעם מענטשן ביים פענצטער. ער איז אַלץ נאָך אַזוי געשלאָפן זיצנדיקערהייט, אָנגעלענט מיט דער פּלייצע אָן דער וואַנט. דאָס אויפגעהויבענע פּנים האָט פאַרגעלייגט:

— קוקט מיך אָן.

דער מענטש איז געווען זייער אַ הויכער, זיינע לאַנגע הענט זענען אָנמעכטיק געלעגן אויף דער באַנק. אַ לאַנגער מאַנטל איז אַראָפּגעהאָנגען איבער זיינע קני און מען האָט נישט געוווּסט, צי אויף דער ערד נעבן אים שטייען בלויז אַ פּאָר שיך, צי אין זיי שטעקן אויך זיינע פיס. דאָס גרויסע, איינגעפאַלענע פּנים איז געווען בלאַס און פול מיט קנייטשן, די שטעכיקע האָר אויף די באַקן האָבן ווי פאַרלייקנט זיין עלטער, אים צוגעגעבן אַ צענדליק יאָרן. שפּעטער האָט די זון געשיקט אין קופּע אַריין עטלעכע שטראַלן. דאָס גאָלד האָט זיך געוויגט אויף די גרויע האָר פונעם שלאָפנדיקן, זיך לאַנגזאַם אַראָפּגעגליטשט אויפן שטערן, און די וואַרעמע ליכטיקייט האָט אים געעפנט די אויגן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט פרעמד, פאַרטראַכט: ווּ געפינט ער זיך דאָ? פאַרביי דעם פענצטער, פון דערווייטנס, האָט ער געזען פאַרשנייטע שפּיצן פון בערג לויפן אויף צוריק. ער האָט אומגעקערט צו אונדז דאָס פּנים: — מיר זענען שוין ווייט אַוועק פון אַלמאַ־אַטאַ?

ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט דער מענטש אַרויסגענומען פון זיין זאַק אַ זעלנעריש קעסעלע און אַוועק צום וואָקזאַל. צוריקקומענדיק מיט אַ פול קעסעלע וואַסער, האָט ער עס אַוועקגעשטעלט אויפן טרעפּל פון וואַגאָן און זיך אַרומגעוואַשן. אַן אָפּגעפרישטער איז ער צוריק אַריין אין קופּע און היימיש, דרייסט אַ זאָג געטאָן:

— ווער דאַרף פאַרריכטן אַ מלבוש? איך בין אַ שניידער.

אַ סך טעג איז מיר אויסגעקומען צו פאָרן צוזאַמען מיט דעם הויכן ייִד משה גריטשאַניק. מערסטנס איז ער געזעסן אין זיין ווינקל מיט אַ מלבוש אין האַנט, געשטאָכן מיט דער נאָדל און געצויגן דעם פאָדעם. עס האָט זיך געוווּנדערט, וואָס דאָס קליינע נאָדעלע האַלט זיך אַזוי גוט צווישן זיינע גרויסע פינגער און פאַרלירט זיך נישט.

ער האָט געהערט זייער ווייניק, נאָר ווען ער פלעגט אַ מאָל דערציילן, האָט זיך געדאַכט, אַז עפּעס איז געבליבן נישט פאַרענדיקט, ער האָט געלאָזט ביי זיך אַ סוד — די אויגן זאָגן עפּעס נישט אויס.

אין די הייסע מיטאָג־שעהען האָט ער נישט געאַרבעט. דעמאָלט איז ער געשטאַנען ביים פענצטער און זיך אַנטציקט מיט דער שיינקייט פון די בערג אַלאַטאַו. זיינע אויגן האָבן געמאָסטן די אומענדלעכע קאַזאַכסטאַנישע, סטעפּעס, באַוואונדערט די אַרבוזן און מעלאָנען, וועלכע האָבן אויסגעזען ווי נאַקעטע פאַרביקע קעפּ, וואָס באָדן זיך אין די גרין־גאָלדענע באַכטשעס.

נאָר יעדן פאַר נאַכט, ווען די זון האָט קוים גענומען פאַרגיין און אין קופּע איז טונקעלער געוואָרן, האָט זיך גריטשטאַניק אין גאַנצן געביטן. ער האָט נישט גערעדט, נישט געאַרבעט און צומאָל אויף קיינעם נישט קיין קוק געטאָן. ער איז געזעסן אין זיין ווינקל פאַרטראַכט אין זיך, און כאָטש עס איז נאָך געווען גענוג ליכטיק, האָט ער באַלד פאַרמאַכט די אויגן און איינגעשלאָפן ווי אַ הינדל.

3

איין מאָל איז דער צוג געבליבן שטיין אין מיטן פעלד. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז עס וועט דאָ אויסקומען צו וואַרטן אַ לענגערע צייט ביז צום אָנקומען פון אַנטקעגנדיקן צוג. פון אַלע טירן פון דעם לאַנגן עשאַלאָן האָבן מענגעס מענטשן זיך אַ ריס געטאָן, ווי אַ וואַסער־שטראָם, און מיט קראַפט גענומען אַרויסשפּאַרן. די מענטשן זענען אַוועק ווייט פון דער באַן, זיך צעשפּרייט איבערן פעלד, און גענומען קלייבן שטרוי, אויסגעטרוקנט גראָז. דאָס פעלד האָט זיך שנעל צעבליט מיט אָן אַ שיעור פייערלעך. פון לאָקאָמאָטיוו־קעסל האָט מען געשלעפּט וואַסער, די פלאַמען האָבן געטאַנצט אַרום די בלעכענע שאַכטלען, אין וועלכע עס האָבן זיך געקאָכט גראָזן, פלאַנצן און אַנדערע דערפינדונגען, און דאָס האָט מען אָנגערופן זופּ. כּדי דאָס עסן זאָל זיין מער נאַרהאַפטיק, האָט מען אין די כּלים אַריינגעוואָרפן פּיצלעך ברויט, שפּייז־קערנדלעך, אַרויסגעגראַבלטע פון די טאַשן, פון די טאָרבעס און רוקזעק.

יעדער האָט שוין געהאַט די פּראַקטישע דערפאַרונג פון אַ בעטלער צו

זאַמלען יעדעס קריש אַפּפּאַל, וואָס קאָן אַ מאָל נייטיק זיין פאַר דער קישקע.

מער עמפּינדלעכע מענטשן האָבן אויפן פּאַרטיק ווערן פון דעם גע־קעכטס געוואָרט מער מיט איבל, ווי מיט חשק עס צו עסן. אָבער מען האָט דאָך געמוזט דעם מאָגן מיט עפּעס אָנפילן.

אַ בעסאַראַבער בחור האָט דערווייל געזונגען אַ פאָלקס־ליד וועגן אַ טרויעריק מיידל אין אַ לבנה־נאַכט און וועגן גאָלדענע וויינטרויבן, וועלכע קיינער רייסט נישט. אַ וואַרשעווער יונגערמאַן האָט אים באַגלייט אויף אַ פידל, און די סטרונעס האָבן געציטערט, ווי אַ בלוי פּייערל, וואָס שווימט ביי נאַכט אין שטילן שאָטן ווייט אויף דער ווייסל. דאָ, אין די ענדלאָזע, הפקרדיקע וויסטענישן, האָט מען אין פאַרשטעלטע ווערטער און מעלאָדיעס אויסגעלעבט די בענקעניש צו די היימען, פון וועלכע מען איז פאַרוואָרפן געוואָרן אַהער אין די מרחקים. מען האָט דערמיט פאַרטויבט דעם אינערלעכן יאָמער וועגן גורל פון די משפחה־מענטשן, וואָס זענען דאָרט געבליבן און דערביי אויפגעבלאָזן אין זיך דאָס טליען פון דער האָפענונג, אַז מען וועט זיי נאָך אַ מאָל זען. דער ווינט איז געווען דער איינציקער שליח, וואָס האָט איבערגעטראָגן דאָרט אַהין צו זיי און דאָ אַהער צוריק, איבער טויזנטער קילאָמעטער, די אויסגעטרוימטע גרוסן.

עמעצער האָט זיך צוגעשטעלט צום קרענצל, גענומען שפּילן אויף אַ האַרמאָניע, צוקלאַפּנדיק מיט די אַפּצאַסן, און אַן אוזבעק מיט אַ ברוין, רונדיק פּנים אין אַ קאָלירטער קיביטעיקע אויף די שוואַרצע, געקרויזטע האָר, האָט געטאַנצט אַ קערפּער־טאַנץ. ער איז געשטאַנען אויף אַן אָרט, שפּיציק געהויבן די אַקסלען, געוואָרפן צווישן זיי דעם קאָפּ, און דער גאַנצער קערפּער האָט געהיצט און געצאַפּלט, ווי אַן אומרויִקער פלאַם. דער טענצער איז געקומען פון אַ געגנט נישט ווייט פון דאַנען, נאַר שוין אַן אַוועקגענומע־נער פון דער היים האָט ער נישט געוווּסט ווען ער וועט נאָך דאָרט אַהין אַ מאָל צוריקקומען, צי אין פינף־און־צוואַנציק יאָר אַרום, אָדער קיין מאָל נישט מער. קיין בראָנפן איז נישט געווען צו פאַרגיסן דעם וואָרעם, וואָס האָט געגנאָגט אינעווייניק, האָט ער זיך פאַרשיכּורט מיטן טאַנצן.

גריטשאַניק האָט געקאָכט זופּ אין אַ ברייטער אלומיניום־שיסל. מיט אַ לעפל אין דער האַנט האָט ער געמישט די זופּ און געקוקט, ווי דער עולם

פֿאַרברענגט. עס איז געווען שפּעטלעך. דער שאָטן האָט וואָס אַמאָל מער איינגעשלונגען די ברייט־אויסגעגאָסענע זון אויפֿן פֿעלד, לאַנגזאַם געקראָכן איבער די פּייערלעך און איז צוגעקומען צו גריטשאַניקן. קיינעם איז נאָך נישט איינגעפֿאַלן אָוועקצוגיין פֿון דאַנען. בלויז גריטשאַניק האָט זיך אויפֿגעשטעלט, גענומען די שיסל און געגאַנגען צום וואַגאָן צו. אין מיטן וועג איז ער געבליבן שטיין, גענומען שאַרן מיט די פֿיס, טאַפּן די ערד אונטער זיך. ער איז אַזוי געשטאַנען אַ לענגערע צייט און זיך נישט גערירט פֿון אָרט. איך בין צוגעגאַנגען צו אים. אַ געפּלעפּטער האָט ער געהאַלטן די שיסל אין ביידע הענט, געקוקט מיט מאָדנע אויגן ווייט פֿאַר זיך און נישט געקאָנט שטעלן קיין ווייטערדיקע טריט, ווי ער זאָל שטיין פֿאַר אַ וואַנט.

— וואָס איז מיט אייך, גריטשאַניק? — ער האָט דערקענט מיין קול.

— איך בעט אייך, פֿירט מיך אַריין אין וואַגאָן. איך זע גאָרנישט פֿאַר די אויגן, — האָט ער געזאָגט.

איך האָב אַרויסגענומען ביי אים די שיסל פֿון די הענט, ער האָט זיך אָנגעלענט אָן מיין אָרעם, און שטעלנדיק קליינע, פּאַמעלעכע טריט, זענען מיר צוגעקומען צום וואַגאָן. איך האָב אַוועקגעשטעלט די שיסל, אים געהאָלפֿן אויפֿהייבן זיך אויף די טרעפּלעך און אַוועקגעזעצט אינעווייניק אויף דער באַנק.

ער איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי אַ מענטש, וועלכן מען כאַפּט ביים אַפּטאָן נישט קיין ערלעכע זאַך. דערנאָך האָט ער אויפֿגעהויבן דאָס פּנים און זיך אַרומגעקוקט איבערן קופּע, ווי ער זאָל נישט גלייבן זיינע אייגענע אויגן, האָט ער מיך געפֿרעגט, צי אַחוץ אונדז איז דאָ מער קיינער נישט פֿאַראַן. שוין זייענדיק זיכער, אַז מיר זענען אַליין, האָט ער זיך אָנגערופֿן:

— איך מוז אייך שוין דערציילן...

איך היט זיך מען זאָל מיך נישט איבערלאָזן ווי אַן אומנוצלעכן מענטש... ביי מיר איז אַ בלינדקייט אַזאַ, ביי טאָג זע איך נאָרמאַל, נאָר אַז עס קומט אָן די נאַכט ווער איך אין גאַנצן בלינד.

4

אין קופּע איז שטיל געוואָרן. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף גריטשאַניקן און זיך דערשראָקן. דאָס פּנים און די הערעלעך אַרום די באַקן זענען געווען ווייס, ווייסער ווי שטענדיק, און אין די אויפגעריסענע אויגן האָב איך נישט געזען קיין אַפּלען נאָר גרויסע, רונדיקע ווייסלען, וועלכע האָבן מיט אַ פּוסטן בליק עפּעס געזוכט אין דער טונקלקייט. ער האָט באַוועגט מיט די פינגער, ווי ער זאָל קנעטן די לופט. שפּעטער איז ער אַ ביסל רויִקער געוואָרן און מיד אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי אָפּגעשוואַכט נאָך עפּעס אַ שווערן אינער־לעכן קריזיס. ער האָט מיט דער האַנט אָנגעטאַפּט צי איך זיץ נאָך נעבן אים און גענומען שטיל רעדן:

אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה זענען צוויי דייטשן אַריין צו מיר אין שטוב. מ י י ן ווייב האָט זיך פּונקט אויפגעהויבן פון בעט, האָט איינער איר געגעבן מיט עפּעס אין קאָפּ אַריין, אַז זי איז באַלד צוריקגעפאַלן. דער צווייטער האָט זיך געוואָרפן אויף מיין שוועסטער. דאָס זעקסיאָריקע מיידעלע אירס האָט מיט די קליינע הענטלעך געקלאַפּט אים אין רוקן אַריין און געוואָלט אים אָפּרייסן פון דער מוטער. ווען ער האָט שוין געהאַט אָפּגעטאָן דאָס זייניקע, האָט ער מיט די פינגער פון ביידע הענט אָנגענומען דאָס מיידעלע ביים האַלדז און אויפגעהויבן. דאָס קינד האָט זיך לאַנג געצאַפּלט אין דער לופטן און געוואָרפן מיט די פיסלעך. דערנאָך האָט ער עס, אַ דער־שטיקטס שוין צוגעוואָרפן דער מוטער, ווי אַ באַלוינונג פאַר דעם, וואָס ער האָט געטאָן מיט איר:

— נאָ, יודע, אָט האָסטו דיר דיין פאַמיליע, — האָבן זיי אַ זאָג געטאָן און אַוועק.

גריטשאַניק האָט אַ קוק געטאָן מיט די צוויי גרויסע ווייסלען אין דרויסן אַרויס. איך האָב אויך דאָרט אַהינגעקוקט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך הער אויך אויף צו זען. איך האָב נישט געוווסט צי אין דרויסן פאַלט שוין צו די נאַכט, צי מיר איז אויך טונקל געוואָרן פאַר די אויגן.

— נאָר איך האָב שוין דעמאָלט שוואַך געזען — האָט גריטשאַניק מיט אַ טאָן, ווי ער זאָל זאָגן קינות, ווייטער דערציילט — ווי דורך אַ געדיכטן נעפּל האָב איך באַמערקט ווי דער קאָפּ פון מיין ווייב הענגט אַראָפּ פון בעט.

האָב איך אים אויפגעהויבן און גלייכגעלייגט. מיין שוועסטער איז געלעגן אויף דער ערד מיט צעריסענע קליידער און צוגעדריקט צו דער ברוסט דאָס קעפּל פון איר קינד. מער האָב איך גאָרנישט געזען. מיך האָבן אַרומגע־כאַפּט פלאַמען, אָבער דאָס ליכט פון זיי האָב איך נישט געזען. מענטשן האָבן מיך אַרויסגעריסן פון פייער און מיטגעשלעפּט מיט זיך. אין בין געלאָפן צוזאַמען מיט זיי און מסתמא ערגעץ געבליבן ליגן. אויפגעכאַפּט האָב איך זיך פון אַ שטאַרקער שיסערײַ, וואָס האָט געוויגט די ערד אונטער מיר. ווען איך האָב געעפנט די אויגן האָב איך זיך געפונען אין אַ וואַלד. אַ גאַנצן טאָג האָב איך נאָרמאַל געזען, נאָר אַז עס איז אָנגעקומען דער פאַרנאַכט, די צייט, ווען דאָס איז געשען, האָב איך ווידער אָנגעווירן די ראיה.

איבערן צוג האָט זיך אויסגעצויגן אַ לאַנגער, שאַרפער פּיף. גריטשאַניק האָט אַ ציטער געטאָן. פון פעלד האָבן זיך דערהערט געשרייען, און טריט פון הונדערטער לויפנדיקע פיס האָבן דאָרט זיך געצומען שיטן אויפן גראָז — צו דער באַן צו, אַז זי זאָל נישט אַנטלויפן אָן זיי. אונדזער קופּע איז פול געוואָרן מיט מענטשן, וועלכע האָבן אַרייַנגעבראַכט אַ פרישע, קילע לופט. פאַרביי דעם פענצטער האָט שנעל, מיט אַ טראַסקעריי, פאַרבייגעשווינדלט דער אַנטקעגנדיקער צוג. מיר האָבן זיך אַ וויג געטאָן אויף די בענק און אויך געצומען פאָרן. קיינער האָט נישט גערעדט קיין וואָרט, ווי אַלע זאָלן זיין אָנגעשטעקט מיט גריטשאַניקס שווייגן.

אַ געשלעג
(בילד)

מיר זענען שוין געווען צוגעווינט צום שלאָפן אויף די האַרטע בענק און פּאָליצעס צו די ברעטער אויף דער ערד. דאָס לאַנגע פאָרן, דער איינ־וויגנדיקער צוג האָט ווייך געמאַכט די געלעגערס. אָבער אין דער דאָזיקער נאַכט האָבן זיך אַלע געדרייט, געוואָרפן, און נישט געקאָנט איינשלאָפן. דורך די שפּאַרעס פון וואַגאָן איז אַריינגעדרונגען אַן אָנגעברענט ווינטל. די באַן איז עפּעס געפאָרן שטילער, פאַרזיכטיקער ווי שטענדיק. מיר האָבן געפילט, אַז מיר פאָרן אַריין אין אַ נייעם קלימאַט, אַן אַנדערע לופט הילט איין אונדזער צוג.

מיר האָבן זיך דערנענטערט צום אָרט ווו נישט לאַנג צוריק איז געווען דער פראָנט.

ווען די בלוילעכע פרימאָרגן־שיין האָט עטוואָס אָפּגעווישט די נאַכט פון די שויבן, זענען מיר אַלע געשטאַנען ביי די פענצטער. די מאַנטלען און קאָלדרעס, די זעקלעך און פעקלעך צוקאָפּנס, אַנשטאָט קישנס, זענען געבליבן אויף די געלעגערס נישט צוגערוימט. די צעקנייטשטע פּנימער און מלבושים, די צעשויבערטע האָר נאָך דער שלאָפלאָזער נאַכט, האָט קיינער נישט געברענגט אין אָרדענונג. מיר זענען געווען צוגעוואַקסן צו די שויבן. פאַר אונדזערע אויגן איז פאַרבייגעלאָפן אַן אָפּגעברענטביימל, אַ פלאָקן אויף וועלכן עס איז געהאָנגען אַ מעטאַלענער העלם פון אַ מיליטער מאַן, אַ ראָם פון אַ פאַרברענטן וואַגאָן, אַ גרוב אין דער ערד אויסגעריסן פון אַ באָמבע, אַ האַרמאַט מיט אַן אויסגעגלאָצטע לופע צום הימל, אַ לענגלעך בערגל, אַריינגעשטעקט אין מיטן אַ פאַראייגזאַמט ברעטל מיט אַ פאַרבלאָז,

אויף אין דער גיך אויפגעשריבענעם נאָמען, — איבערגעקערטע אויטאָמאָ־בילן, שטיקער פון עראָפּלאַנען...

די ערד האָט דערציילט אַ געשיכטע וועגן אַ מעכטיקן גערנגל, וואָס איז מיט אַ קורצער צייט צוריק אויף איר פּאָרגעקומען. די באַן איז געלאָפן און די ערד האָט זיך געגליטשט, ווי אַ טאָשמע אָנגעפּיקעוועט מיט בילדער, געבלעטערט זיך ווי אַ בוך, וואָס ציט אַלץ מער אַריין מיט איר שילדערונג פון אַ משונהדיקער פאַנטאַזיע. אויף דער וועלט איז געווען פרילינג, עס איז געווען סוף מאַי, אָבער דאָ האָט מען נישט געזען קיין ביסל גרינס, נישט אויפן פעלד און נישט אויף קיין בוים. אין דער לופט האָט אויך נישט געשמעקט קיין פרילינג, נאָר רויך און טשאַד. אין דער גאַנצער געגנט האָט מען נישט געזען קיין מענטש, קיין בהמה, קיין הונט אַרומלויפן, אַפילו נישט קיין פויגל אין דער לופטן. וואָס ווייטער האָבן זיך אַלץ פאַרמערט די לעכער אין דער ערד, די צעשיטע הייזלעך, ברעטלעך, שטיקלעך טאָוול, שטיקלעך בלעך מיט צעקרומטע אויפשריפטן, אַריינגעשטעקטע אין די ערד־בערגלעך. שקעלעטן פון לאַנגע באַנען, אָן ווענט, אָן פענצטער, זענען געלעגן נעבן די רעלסן. טייל וואַגאָנען זענען נאָך געווען צוגעטשעפּעט איינער צום צווייטן, ווי אין דער לעצטער רגע פאַרן אומקומען זאָלן זיי זיך האָבן פעסט אָנגענומען פאַר די הענט, כּדי נישט צו לאָזן זיך אָוועקשליידערן ווייט פון זייער היים — פון די שינעס. גאַנצע בערג מיט צעהאַקטע טאַנקען, האַרמאַטן, עראָפּלאַנען און פאַרשידענע מינים מאַשינען און געווער, זענען געווען אָנגעוואָרפן איינס אויפן צווייטן. טייל מאָל זענען מיר געגעבן אַ פאָר אַריין צווישן צוויי אַזעלכע בערג, און אין וואַגאָן איז געוואָרן פינצטער, ווי מיר זאָלן זיך געפינען אין אַ טונעל. די מאַשינען זענען געווען מאָדנע אָנגעוואַלגערט איינע אויף דער צווייטער, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז נישט מענטשן האָבן זיי צוזאַמענגענומען און דאָ אַזוי אַוועקגעלייגט, נאָר זיי זענען זיך אַליין אַזוי איינע דער צווייטער אַריינגעקראָכן אין די געלענקן, אַז צווישן דעם כּלי־זין אַליין איז אַ מאָל אָנגעגאַנגען אַ גרויס געשלעג. צוקוקנדיק זיך צו די פּאָזיציעס, אין וועלכע זיי זענען געלעגן, האָט זיך אויסגעמאָלן אַ בילד פונעם געשלעג צווישן דעם שטאָל אין אייזן:

ווען דאָס געווער איז געבליבן ליגן הפקר אויפן פעלד, נאָך דעם ווי די

זעלנער האָבן עס פאַרלאָזט, איז אַ טאַנק אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ האַרמאַט, אַ פּאַנצער־אויטאָ האָט דאָס דערזען און זיך געגעבן אַ כאַפּ אַרויף אויף זיי ביידן. די מאַשינען האָבן זיך גענומען ראַנגלען, שטויסן, שטיקן און פון דעם ריטשען און וואַרטשען פון די פּרייכנדיקע מאָטאָרן איז פון אַלע זייטן אַנגע־לאָפן הילף. אַ שווערער האַרמאַט איז מאַסיוו, וואָגיק געגעבן אַ פּאַר אַריין מיט דעם לאַנגן שנויץ צווישן געשלעג, דער שנויץ איז באַלד געוואָרן איינ־געקלעמט, אַז ער האָט מער נישט געקאָנט אַרויס. דער האַרמאַט האָט גענומען אונטערשפּרינגען אין דער לופטן אויף זיינע צוויי רעדער, גאַרנישט געקאָנט אויפטאָן, און איז אַזוי געבליבן הענגען אַן אונטערגעהויבענער מיט אַן אַריינגעקוועטשטער לופע. אַ טאַנק, רויק, זיכער אין זיין קראַפט, איז אַריינ־געקראָכן אין דער מיט פון דעם געראַנגל, אָפּגעוואָרפן אין אַ זייט דאָ אַ פּולעמיאָטל, דאָרט אַ קאַנאָנדל. אַ כאַפּטע מאַשינען זענען אַריין אין אַ ווילדן כעס, שנעל צוגעשפּרונגען, זיך געטאָן אַ וואַלגער אַרויף אויף אים, און דער טאַנק איז געבליבן ליגן אַ געליימטער. גאָר אַ גרויסער טאַנק — אַ ריז קעגן די אַלע מאַשינען האָט זיך געשטעלט דיבאָם, ווי אַ פערד אויף די אונטערשטע פיס און מיט די רויפן זיך גענומען אַרויפדראַפּען אויף אַלעמען. ווען ער איז שוין געווען גאָר אויבן, האָט ער זיך מיט אַ מאָל געגעבן אַ קייקל איבער, געבליבן ליגן אויפן רוקן, נאָך אַלץ דרייענדיק מיט די רויפן, ווי אַן איבער־געקערטע חיה, וואָס וואַרפט מיט די פיס און קאָן זיך נישט גלייכשטעלן. פון דער הויך האָט זיך גלייך אויף אים אַראָפּגעלאָזט אַן עראָפּלאַן. דער טאַנק האָט אים אַריינגענומען צווישן די דרייענדיקע רויפן, ווי צווישן די מילשטיינער, און געקנייטשט, געבראָכן. שטאָל, אייזן, קאַוטשיק, האָט זיך געשלאָגן, געריסן פון זיך לעבעדיקע שטיקער, אויסגעדרייט אברים, גע־בראָכן זיך זייטן. זיי האָבן זיך אַזוי איינגעביסן איינס אינעם צווייטן, אַזוי זיך צעקיילט, געשטיקט, ביז זיי זיינען געבליבן צונויפגעפלאָנטערט אין איין קופּע, אַן כוחות. און אַזוי ליגן זיי איינגעדרייט, איינגעקלעמט מיט די אברים, מיט די זייטן, אויסגעמישט מיט די בעבעכעס.

אַלמאַ־אַטער עפּל
(דערציילונג)

א

װעלװול האָט פּלוצעם פאַרלוירן די הײם. אַ באָמבע איז אַרױפגעפאַלן אויף דעם הויז, וווּ זיי האָבן געוווינט און ער מיט זיין מאַמען האָבן נאָך באַוויזן אַרויסצולויפן אויף דער גאַס, איידער ס׳איז אין גאַנצן איינגעפאַלן. עס איז זיי אַפילו געלונגען מיטצוכאַפּן אַ ביסל וועש. ווי צוריק אַרייננגיין ווינען האָבן זיי מער נישט געהאַט. עס איז נישט געווען צו דערקענען, אַז דער באַרג דאָ איז פריער געווען אַ הויז. פון דעם באַרג האָבן אַרויסגעזעצט פלאַמען און פלעמלעך, עס האָבן זיך פון דעם אַרויסגעהויבן זיילן רויך און שטויב. און פונקט ווי דאָס הויז, האָט װעלװול נישט געקאָנט דערקענען דער מאַמעס פּנים. אַזוי איז עס געווען שוואַרץ און איינגעפאַלן. בלויז פון די אויגן האָבן אַרויסגעזעצט פייערלעך אַזוי ווי פון דעם באַרג. אַזעלכער האָט ער דער מאַמען נאָך קיין מאָל נישט געזען.

װעלװועלען האָט מען שוין לאַנג נישט געטראָגן ווי אַ קליין קינד. עטלע־כע יאָר שוין. אָבער דאָ איז עפּעס געשען, די מאַמע האָט אים אַ כאַפּ־געטאָן אויף די הענט, צוגעדריקט צו זיך זיין קעפּל, אַז ער האָט גאָרנישט געזען וואָס אַרום אים טוט זיך, און איז געלאָפן. די מאַמע וואָס האָט שטענדיק געקרעכצט, אַז די פיס זענען איר שוואַך, זי האָט נישט קיין כּוח זיך צו האַלטן אויף זיי, איז מיט אים געלאָפן שנעלער ווי אַ געיאָגטע חיה.

ביי די טרעפּלעך פון דער באַן זענען זיי געווען אין גאַנצן איינגעקלעמט צווישן מענטשן, אַריינגעדרייט ווי אין אַ ווירבל. אַזוי זענען זיי צוזאַמען מיט די מענטשן אַריינגעווירבלט געוואָרן אין וואַגאָן אַריין. אינעווייניק איז נישט געווען ווו צו שטיין און ווו צו זיצן פון דער ענגשאַפט.

וועלוול איז אַ פֿאַל געטאָן אויף אַ קופּע מיט פּעק, קעסטלעך און וואַליזקעס, איז געלעגן ווי אויף האַרטע בערגלעך אָדער שפּיציקע שטיינדלעך, וואָס האָבן אים געדריקט און געשטאָכן אין די פּלייצעס, אין די זייטן. די אויגן זענען אים באַלד צוגעפֿאַלן און דער קאָפּ איז געוואָרן פֿול מיט טשאַד. אפֿשר איז דאָס דער טשאַד פֿון דעם רויך, וואָס האָט אַרויסגעזעצט פֿון דעם הויז, אויף וועלכן די באָמבעס זענען אַרויפֿגעפֿאַלן. דאָס וואָס איז פֿריִער פֿאָרגעקומען פֿאַר זיינע אויגן איז איצט געווען דאָס וויג־ליד, וועלכעס האָט אים באַגלייט צום איינגעשלאָפֿן ווערן... ער האָט עפּעס אַזאַ זיפֿץ געטאָן מיט דער נאָז און צוזאַמען מיט דעם איז אים שוין אין גאַנצן פֿינצטער געוואָרן אין קאָפּ פֿונעם פֿעסטן שלאָף.

זיי זענען לאַנג געווען אין דער באַן. אפֿשר אַ וואָך און אפֿשר הונדערט יאָר. ווער האָט געקאָנט וויסן די צייט? עס איז נישט געווען קיין שבת און נישט קיין דינסטיק. איין לאַנגע צייט איז נאָר געווען וואָס האָט נישט אָפּגעטיילט איין טאָג פֿונעם צווייטן. עס איז געוואָרן פֿינצטער און עס איז געוואָרן ליכטיק. אין מיטן דער נאַכט האָבן רעפֿלעקטאָרן אַריינגעלויכטן אין די פֿענצטער ווי ביי טאָג, אָדער אַ פֿייער, וואָס האָט ערגעץ נישט ווייט געברענט, האָט אַריינגעגאָסן אין וואַגאָן אַ העלע שיין. זיי זענען פֿאַרבייגעפֿאָרן דערפֿער, וואָס פֿון אַלע הייזער האָבן די היטלעריסטן געמאַכט איין גרויסן פֿלאַם. די באַן איז טיילמאָל אָפּגעשטאַנען אויף אַן אָרט האַלבע טעג אָדער האַלבע נעכט, און געוואַרט ביז מען וועט קאָנען פֿאָרן ווייטער. אין מיטן פֿאָרן האָבן אויף איר אויך גענומען פֿויקן קוילן, וואָס זענען אַראָפּגעשאָסן געוואָרן פֿון עראָפּלאַנען. אָבער דעמאָלט האָט זיך די באַן נישט אָפּגעשטעלט, נאָר געלאָפֿן נאָך שנעלער. אַ מאָל איז מען געשלאָפֿן ביי טאָג און ביי נאַכט געווען וואַך און אַ מאָל פֿאַרקערט. די טעג און נעכט האָבן זיך אַזוי אַרום אויסגעמישט.

פֿון זיין אַזוי פֿיל צייט אין דער באַן, מער געשטאַנען ווי געפֿאָרן, האָט מען זיך געקאָנט געגנוג אָנרעדן, אָנדערציילן, באַווייגען. באַוויינען די וואָס זענען געבליבן, דערציילן די אייגענע ניסים ווי אַזוי מען האָט זיך געראַטעוועט.

פֿון וועלוולס מאַמע האָט מען געהערט אַן אויסערלישע געשיכטע. ווען דאָס הויז האָט שוין געהאַלטן ביים איינפֿאַלן האָט טעמערל, די שכנטע פֿון דער

נידער, זיך אָן עפּעס דערמאָנט און צוריק אַריינגעלאָפן. אַ טראָפּעלע שפּעטער האָט מען פון דעם באַרג, וואָס איז געוואָרן פונעם איינגעפאַלענעם הויז, געזען אַרויסשטעקן אַ שטיק האַנט, בלויז די פויסט. צווישן די שפּאַרעס פון די צוזאַמענגעדריקטע פינגער האָבן אַרויסגעגלאַנצט די רינגעלעך פון אַ גאָלדן קייטעלע. דער גאַנצער מענטש, די טעמערל נעבעך, איז געבליבן פאַרשיט, צוגעדעקט מיט די שטיקער, בלויז דאָס שטיקל האַנט מיטן גאָל־דענעם קייטעלע האָט זיך נאָך אַרויסגעקריגן אין דרויסן.

— אַ סימן פון אַ מענטש, אַ שטיקל האַנט, איינגעקוועטשט דערין אַ גאָלדן קייטעלע, האָט זיך געראַטעוועט. טעמערל האָט אויסגעשטרעקט פאַר דער וועלט איר כּלה־מתּנה אַוודאַי, אָדער אַ ירושה פון עמעצן. — איר אויג האָט דאָס נאָך דערבליקט ביים אַנטלויפן מיט וועלוועלען.

וועלוועלע האָט זיך צו דער מעשׂה גאָרנישט צוגעהערט. ער האָט נאָר געוואָלט שלאָפן. און שלאָפן האָט ער געקאָנט געגוג. דעמאָלט ווען די באַן איז געשטאַנען און דעמאָלט ווען זי איז געפאָרן. דער טומל האָט נישט געשטערט, מען האָט זיך צוגעוווינט צו אַלעם.

אָבער צו עסן האָט געפעלט. דאָס וואָס עמעצער האָט מיטגעכאַפּט איז אויפגעגעסן געוואָרן אין די ערשטע טעג. טייל האָבן אַלץ פאַרנוצט פאַר זיך אַליין און אַנדערע האָבן זייער ביסן אויך אַוועקגעגעבן די קינדער. איינער איז דאָרט געווען מיט אַן איינגעפאַלן, בלאַס פּנים און די פאַרטראַכטע אויגן זענען כּסדר געווען נערוועז און אומרויק. ער האָט אַליין גאָרנישט געגומען אין מויל אַריין, אַלץ אַוועקגעגעבן. ער האָט דערמיט אַוודאַי תּפילה געטאָן פאַר זיינע אייגענע קינדער, וואָס זענען אין טומל, אין געשטופּ אים פאַר־שווינדן פאַר די אויגן. ביי יעדן שטיין־בלייבן פון דער באַן איז ער זיי געלאָפן זוכן אין אַנדערע וואַגאָנען.

ב

ערשט אין אַ צייט אַרום איז געוואָרן אין גאַנצן אַנדערש. די באַן האָט שוין געלאָזט די מלחמה הינטער זיך. דאָ איז נישט געווען מער וואָס מורא צו האָבן פאַר די שׂרפות. מען האָט געעפנט די פענצטער און טירן, און עס האָט אַריינגעשמעקט אַ וואַרעמע לופט. אויף טייל סטאַציעס, אין די דערפער,

זענען צו די וואַגאָנען צוגעקומען פּרויען מיט פּלעצלעך, געבאַקענע פון קלייען, קאַרטאָפל, אָדער פון עפּעס וואָס מען האָט נישט געוווסט קיין נאָמען דערפון. אָבער מיטן הונגער אין מאָגן האָט מען געקוקט אויף דעם זשעדנע, און ווער עס האָט דאָס שוין געהאַט איינגעהאַנדלט, האָט עס געשלינגען מיט אַפּעטיט.

אַנדערע פּרויען האָבן געטראָגן ליימענע קריגלעך מיט מילך. די פּאַר־קויפּערינס האָבן מיט איין האַנט דערלאַנגט דאָס עסנוואַרג און מיט דער צווייטער, אַן אויסגעשטרעקטער, האָבן זיי געוואַרט, אַז מען זאָל זיי עפּעס צוריקגעבן דערפאַר. ווער עס האָט געהאַט האָט געצאָלט מיט געלט, מיט רובלס און קאָפּיקעס. אָבער בעסער האָבן די פּרויען געוואָלט עפּעס אַ זאַך. אַלץ איז גוט געווען: אַ פּאָר אַלטע זאָקן, אַ שפּיגעלע, אַ האַלדז־טיכל, אַ קעמל, שוועבעלעך.

מען האָט ווייניקער געקוקט אויפן גורל פון די מענטשן, אויפן אומגליק, וואָס איז געלעגן אין זייערע פּנימער, נאָר מען האָט געזען דאָס גליק אין די זאַכן. די אַנטלאָפענע פון מלחמה־פייער, פון תליונס האַנט, די אומגליקלעכע, האָבן ביי זיי אויסגעזען ווי גליקלעכע מיט זייער אָנגעטועכטס, הגם שוין גענוג אָפּגענוצט און צעקנאָדערט פון וועג. דורך די פּאַרמאַכטע וואַליזקעס, זעקלעך און פּעקלעך האָבן די פּאַרקויפערינס פון זויער־מילך און פּלעצלעך אַדורכגעזען מיט זייערע גיריקע פאַנטאַזיעס אַ שטיקל וועש, אַ מלבוש, עפּעס אין דער שטוב אַריין, אויף וואָס מען וואַרט שוין לאַנגע יאָרן. אין דעם וועלן האָבן דאָס איז געלעגן די שטרעבונג צו עפּעס אומדערגרייכבאַרס.

אויף די ווייטערדיקע סטאַציעס האָט מען צוגעבערענגט עפּעס נייעס. פּרויען מיט ברייטע פּנימער, פון אַ ראַסע, אין גאַנצן אַן אומבאַקאַנטע פאַר די באַן־פּאַסאַזשירן, האָבן מיטביידע הענט געהאַלטן אַרומגענומען גרויסע, גרין־געשטרייפטע אַרבוזן און דיניעס (מעלאָנען), גאָלדענע ווי די זון. די פּרויען האָבן גערעדט אויף אַזאַ שפּראַך, וואָס מען האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין די ווערטער און נישט די קלאַנגען. די שפּראַך האָט געהייסן קאַזאַכיש.

אָבער צום אויסטויש פון די זאַכן איז דאָס פאַרשטיין זיך מיט די שפּראַכן נישט געווען שטאַרק נויטיק. די הענט און די זאַכן אַליין פון ביידע צדדים

האָבן זיך פאַרשטענדיקט און אויסגעטייטשט אָן דער הילף פון מויל, כאָטש די מיילער האָבן געפּלאַפּלט אָן אויפהער, וואָס קיין איין וואָרט איז דעם צווייטן נישט אַריין אין קאָפּ.

די אַרבוזן און דיניעס זענען דורך די פענצטער אַריין אין די וואַגאָנען, און פון דאָרטן האָט מען אַרויסדערלאַנגט וואָס עמעצער האָט געקאָנט אַרויס־גראַבלען פון זיין פּעקל. אַ ציכל פון אַ קישעלע פון וואָס מען האָט אויך געקאָנט רייסן שטיקלעך אויף צו לייגן אַ לאַטע אָדער אַרומצובינדן אַ ווונד. אַ שטיקל אונטערוועש, אַ ביסל פאָדעם זענען געווען אַ באַזונדערע מציאה. פאַר אַ פּאָר אַלטע הויזן וואָלט מען געקאָנט באַקומען די אַלע שווערע, מחיה־דיקע פּרוכטן־באַלעמס, וואָס די פּרויען מיט די גלאַנציקע פּנימער פון זון און שווייס, האָבן אַרומגעהאַלטן מיט זייערע הענט און אָנגעשפּאַרט אָן די ברוסטן זיך לייכטער צו מאַכן די משׂא. געווען אַפילו בעלנים עפּעס צו געבן, אַז מען זאָל אַראָפּנעמען פאַר זיי עטלעכע קנעפּלעך פון אַ מלבוש.

דאָס וואָס די פעטע ערד האָט דאָ אַרויסגעגעבן, וואָס די זון האָט אויס־געוואַרעמט, דער פּרי־מאָרגנטוי האָט באַשפּרענקלט, דער רעגן האָט באַוואַ־סערט, אויב דאָס שטיק פעלד איז נישט געוואָרן פריִער איינגעטרוקנט, אָדער פאַרדאַרבן פון קריגערייען, געשלעגן, אַרומרייסענישן — איז דער גאַנצער, גוטער ערד־גאָב דאָ געווען. עס איז אָבער נישט געווען דאָס נויטיקע פאַרן מענטש, וואָס קומט נישט פון דעם אָפּגעהיטענעם און אָפּגעצערטלטן שטיקל ערד, נאָר מען האָט געדאַרפט האָבן עפּעס אַנדערש דאָס צו שאַפן: מאַטעריאַל, איינריכטונגען, מכשירים עס אויסצואַרבעטן, פאַכלייט — אויף די זאַכן איז אויסגעקומען צו וואַרטן, אַז עס זאָלן זיי אַהערברענגען די געפייניקטע מענטשן, וואָס די מלחמה האָט דאָ פאַרבייגעיאָגט.

אַמגערנסטן האָט זיך וועלוול צוגעכאַפּט צו די אַרבוזן און דיניעס. אַפילו מיט ביידע הענט איז אים שווער געווען אויפצוהייבן אַזאַ אַרבוז, און דער־וואַקסענע מענטשן האָבן אים געמוזט אונטערהעלפן. אַז מען האָט אַריינגע־שטעקט אַ מעסער האָט די גרין־געל געשטרייפטע האַרטע שאָל געטאָן אַ קנאַק און געפּלאַצט אויף צווי. אינעווייניק איז דער אַרבוז געווען רויט ווי גליִיק פייער, פון וועלכן עס האָבן ווי שוואַרצע אייגעלעך אַרויסגעווינקען די קערעלעך. פריִער זענען געווען טעג, ווען וועלוול האָט גאָרנישט געהאַט

וואָס צו טרינקען, און ער האָט דעריבער איצט אַלץ נישט געקאָנט שטילן דעם דאָרשט. ער האָט צוגעשטעלט די ליפּן צו אַזאַ האַלבן אַרבוז, ווי אַ פאַרשמאַכט הינדל צו אַ שיסל וואַסער. ער האָט לאַנג געצויגן די פליסיקייט: דאָס ווייכע, פולכנע פּרוכטן־פלייש איז אים צעגאַנגען אין מויל. ער האָט זיך אָנגעטרונקען מיט דעם רויטן זאַפט, ביז דער האַלבער אַרבוז איז געוואָרן ליידיק ווי אַ גרויסע שיסל. די ליפּן, די נאָז, דער שטערן, זענען אים געווען פאַרשמירט מיט דער ראַזער, נאַסער פליסיקייט. עס זענען צו דעם אַלעם געווען צוגעקלעבט פּיצלעך אַרבוזן־פלייש ווי די הויט פון זיין פּנים זאָל זיך אים שיילן.

מער האָט אים שוין אַ גאַנצן וועג נישט געפעלט צו טרינקען. אַז די מאַמע האָט אים געגעבן אַ פּלעצל האָט ער עס נישט געגעסן מיט קיין גרויס חשק. ער האָט ליבערשט געוואָלט די אַרבוזן און דיניעס. דיניע האָט אַ בעסערן געשמאַק, עס האָט דעם טעם פון גוטע באַרנעס מיט אַבריקאָסן צוזאַמען, און פון נאָך עפּעס, וואָס ער האָט קיין מאָל נישט געגעסן. נאָר דיניע קאָן מען עסן איין שטיקל, נאָך אַ שטיקל. דערנסטמאָל שמעקט עס, אָבער פון מער טוט דער בויך וויי. און אַרבוז איז אָפּרישנדיק ווי וואַסער פון קוואַל און דערצו נאָך זיס און שמעקנדיק.

לאַנג זענען זיי געפאָרן, ביז זיי זענען אויסגעשטיגן אין אַ שטאָט, אַ פולע מיט גרינס, אַרומגערינגלט מיט הויכע בערג. פון די בערג האָט אַראָפּגעבלענדט אַ זילבערנער שניי, וואָס איז געווען באַגאָסן מיט דעם גאָלד פון דער זון און פון דעסטוועגן נישט צעשמאָלצן געוואָרן.

ג

די פרעמדע שטאָט האָט פאַר וועלוולען מיט זיין מאַמען אויסגעזען אויס־טערליש מיט איר אומבאַקאַנטער שיינקייט. אָן ענלעכע צו דער דאָזיקער שטאָט האָט נאָך אַפילו די מאַמע קיין מאָל נישט געזען אין איר לעבן. עטלעכע טעג זענען זיי געשלאָפן אין אַזאַ גרויסע שטאָל, וואָס אין דער היים איז דאָס געווען פאַר קי, פאַר בהמות. נאָר דאָ האָט מען עס אָנגערופן אַ וווינונג פאַר אַ סך מענטשן. עס איז געווען זייער הייס. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען זיי צוגעפירט צו אַ שטוב וואָס איז געשטאַנען אויף אַ בערגל.

דער וועג אַרויפצוגיין איז געווען אַ ליימיקער. עס איז געווען נאָך אַ רעגן און ביים אַרויפגיין האָבן די פיס יעדעס מאָל זיך צוריקגעגליטשט. עס האָט נאָר צוגעהאָלפן דאָס וואָס דער קלעפּיקער ליים האָט אַ ביסל צוגעפּעסטיקט די פיס צו דער ערד און נישט געלאָזט אַ סך זיך צוריקגליטשן. מען האָט געמוזט זיך האַלטן אַזוי, אַז מען זאָל נישט אומפאַלן אין ליים אַריין. פון דער ווייטנס, גייענדיק באַרג־אַרויף, האָט דאָס הייזל, אין ליכט פון דער זון און איינגעהילט אין די געדיכטע צווייגן דערנעבן, געגלייצט ווי אַ צעשטראַלט, געצירט פּאַלאַצל. נאָר ווען מען איז אַריינגעקומען אינעווייניק, האָט מען געזען, אַז מען געפינט זיך נישט מער ווי אין איין צימער און גאָרנישט קיין גרויסעס. דאָס איז געווען דאָס גאַנצע פּאַלאַצל. דאָס צימער איז אויך געווען צוזאַמענגעקלעבט פון אַזאַ ליים ווי די ערד דאָ אַרום, נאָר אפשר געמישט מיט נאָך עפּעס. זי איז שוין געווען שטאַרק אויסגעטרוקנט פון דער זון און די ווענט געפּלאַצט אויף אַ סך ערטער. פון דרויסן האָט זיך וועלוולען געדאַכט, אויב ער זאָל געבן די שטוב אַ שטופּ מיט דער האַנט קייקלט זי זיך אַראָפּ פון באַרג און ווערט צעשאָטן אויף שטיקלעך.

אין דער שטוב האָבן זיי געטראָפן אַ פרוי מיט אַ יינגל. אין דער צייט, ווען די מאַמע האָט גערעדט מיט דער פרוי האָט דאָס יינגל זיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ קאַסטן און געפרעגט וועלוולען:

— קאָנסט אַראָפּשפּרינגען פון דאַנען?

ער האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער און אַליין געגעבן אַ שפּרונג אַראָפּ אויף דער ליימענער פּאָדלאָגע, אַ ראַציקע, נישט קיין אויסגעגלעטע, אָבער נאָך פייכט פון ווערן ערשט נישט לאַנג אויפגעווישט.

— דימאַ, וואָס פּאַרדרייסטו אים אַ קאָפּ מיט דיינע שטיק, לאָז אים אַ ביסל אָפּרוען. וועסט נאָך צייט האָבן צו ווייזן דיינע קונצן... ער וועט דאָ ווינען...

וועלוול האָט נישט פאַרשטאַנען יעדעס וואָרט, וואָרעם די פרוי האָט גערעדט רוסיש און ער האָט בלויז אַ ביסל געקאָנט די דאָזיקע שפּראַך פון וועג און פון דער פריערדיקער צייט ווען ער איז געווען ערגעץ אַנדערש. אָבער ער האָט זיך אָנגעשטויסן וואָס זיי מיינען. עס איז אים געווען אין גאַנצן קלאָר, אַז דאָס יינגל מיט די בלאָנדע האָר הייסט: דימאַ.

— ער וועט ביי אונדז וווינען?! — האָט דימאַ מיט אַ פרעגנדיקן אויס־געשריי איבערגעחזרט דער מוטערס ווערטער. ער האָט אויסגעזוכט צו ווייזן וועלוולען פאַרשידענע זאַכן וואָס ער האָט אַלץ: אַלערליי שטיינדלעך, אַ שאַכטעלע מיט ווערעמלעך, געטרוקנטע פלאַטערלעך פון פאַרשידענע קאָלירן.

צום שלאָפן האָבן זיך וועלוול און זיין מאַמע געדאַרפט צוגעווינען. אויפן וועג, אין די וואַגאָנען איז מען געשלאָפן ווי עס זאָל נישט זיין. אָבער אין אַ שטוב איז דאָך עפּעס אַנדערש, און דאָ איז צו מאָל קיין בעט נישטאָ. דימאַס מוטער האָט אָפּגעגעבן פאַר די געסט דעם שטרויזאַק אין וועלכן עס זענען נאָך געבליבן אַ פּאָר צעבראָכענע שטרויעלעך, אַז דאָס ליגן איז סײַ ווי אויסגעקומען האַרט, האָט אָפּגעדריקט די ביינער. אונטערן קאָפּ האָט מען זיך אונטערגעלייגט די פּעקלעך וואָס מען האָט מיטגעבראַכט. אַ מאָל וועלוול, אַ מאָל די מוטער האָבן נאָך פון די פּעקלעך אַרויסגעגראַבלט אַ צוקערל, אַ קיכל און דימאַ האָט זיך מיט דעם באַלעקט. ער האָט זיך געוווּנ־דערט פון וואַנען נעמען דאָס מענטשן אַזעלכע געשמאַקע זאַכן.

זאַיאַ איוואַנאָוונאַ איז אַרומגעגאַנגען איבער די שכנותדיקע שטיבלעך, צעוואָרפן איבערן פעלד, וויטלעך איינס פון צווייטן, און צעטראָגן, אַז ביי איר האָבן זיך איינקוואַרטירט אַזעלכע מענטשן, אַ באַריניאַ אַזאַ מיט אַ זינדעלע, אינאָסטראַנצעס, אַנטלאָפענע פון ערגעץ אַן אויסלאַנד, זאַ רוביע־זשאָם, אַזעלכע ווילגעבוירענע, וואָס קאָנען נישט שלאָפן אויף דער בלויזער פּאָדלאָגע, עס איז זיי צו האַרט. מען דאַרף זיי ווייזן, אַז ביי אונדז אין סאָ־וויעטסקי סאָיוז לעבט דאָס פאָלק אויך רייך, באַקוועם.

מען האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ שיין בינטל שטרוי, אָנגעפּילט דעם שעניק הויך, עס זאָל זיין ווייך, באַקוועם צו ליגן. שווערער איז געווען מיט אַ קישעלע. עס איז אויסגעקומען צו פרעגן ביי לענאַ אַבראַמאָוונען צי זי האָט נישט אין אירע פּעקלעך עפּעס אויף אַ ציכל. יאָ, זי האָט אַרויסגענומען אַ פּאָר גאַטקעס און מען האָט שוין צונויפגעשטיקעוועט פון דעם אַזאַ זעקעלע, עס אויסגעפּילט מיט היי.

וועלוול האָט שוין לאַנג נישט געהערט אָנרופן זיין מוטער ביים נאָמען. אויף די וועגן, אויסגעמישט מיט פרעמדע מענטשן, שטענדיק צווישן אַנדערע, האָט מען צו איר גערעדט „זי", „איר". ער אַליין, וועלוול, האָט זי נאָר גערופן:

מאַמע, מאַמעשי, אַ מאָל, אין דער היים נאָך, האָט זי געהייסן: לאה, לאהלע, לאהשי קרוין, און דאָ גאָר אַזאַ נאָמען: לענאַ אַבראַמאָוונאַ!

װעלװול האָט אַ גאַנצן טאָג װען ער איז געװען אַליין, זיך איינגעחזרט די נעמען, אַפילו ביי נאַכט אויפן קישעלע. אויב ער האָט אין דער היים געקאָנט אויסחזרן די פּרשה פון חומש און זי זאָגן שבת פון אויסנווייניק אַז ער זאָל קריגן אַ גוט שבת־אויבס, פאַר װאָס זאָל ער דאָס נישט קאָנען?

לענאַ אַבראַמאָוונאַ איז זיין מוטער, אים, װעלװולען, רופט מען שוין װאָװאַ סאָלאָמאָנאָװיטש, דימאַ הייסט דימיטרי גריגאָרעװיטש און זיין מוטער, דימאַס, זאָיאַ איװאַנאָװנאַ. שטילערהייט האָט ער אין זיך דאָס אַריינגערעדט איין מאָל און נאָך אַ מאָל און שוין אויסגעלערנט, עס גייט װי אַ װאַסער. ער קאָן עס הויך זאָגן, אַז אַלע זאָלן הערן.

נאָר עס איז אים שװער געװען צו פאַרשטיין עפּעס אַנדערש. די נעמען זענען אַזוי שיין, אַזעלכע לאַנגע, קלינגענדיקע װי געפלאָכטענע קייטעלעך, רייך, אויסגעצירט, און די װאָס הייסן מיט די נעמען זענען אַזעלכע אָרעמע?

ד

ביידע מאַמעס, װעלװולס און דימאַס, זענען צוזאַמען געגאַנגען צו דער אַרבעט. די יינגלעך זענען אַליין געבליבן אין דער היים. די טעג זענען געװען זייער הייסע. פון אין דער פרי ביז אויף דער נאַכט האָט מען אויפן הימל נישט געזען קיין װאָלקנדל. כאָטש ער איז געװען אַ בלויער, דער הימל, האָט זיך פון דעסטװעגן געדאַכט, אַז עס פליסט פון אים אַראָפּ אַ גאָלדענע, דורכ־זיכטיקע לופט. די גאַנצע ערד איז געװען באַדעקט מיטן גאָלד פון דער זון.

אין דער שטוב איז נישט געװען אַזוי הייס װי אין דרויסן, אָבער די לופט איז געװען אַ געדיכטע און זייער שטיקנדיק, כאָטש מיט צו פיל זאַכן איז די שטוב נישט געװען אָנגעשטעלט. עס איז דאָרט בלויז געװען דער קאַסטן, פון װאַנען מען האָט אַרויסגעשלעפּט אָדער אַריינגעשטופּט די זאַכן, װאָס מען האָט אָנגעטאָן אויף זיך, ביי דער װאַנט אויף דער ערד — דער שטרויזאַק, עטלעכע רונדיקע קלעצלעך פון ביימער אַלס בענקלעך צו זיצן אָדער עפּעס אַרויפצושטעלן. צו דער װאַנט איז אויך געװען צוגעמויערט אַ קיכל פון ליים.

אין דער װאַנט קעגן איבער דער טיר איז געװען אַ פענצטער — אַ פיר־

קאַנטיק לאַך אַן שויבן. קיין סך ליכט איז פון דאָרט נישט אַריינגעקומען. אין דרויסן, אויף יענער זייט פענצטער איז געווען אַ פּלאַץ באַוואַקסן מיט גראָז, און עס זענען געשטאַנעןביימער מיט עפּל. די יינגלעך זענען אַרויס דורכן פענצטער און זיך אַוועקגעלייגט אויפן גראָז, אונטער אַ בוים. עס איז טאַקע געווען ווייך און אַ פאַרגעניגן אַזוי צו ליגן. זיי האָבן אָבער נישט געהאַט גענוג וואָס צו טאָן אַ גאַנצן טאָג. וויפל אינטערעסאַנטע זאַכן וואָלט מען זיך געקאָנט דערציילן איינער דעם אַנדערן! ווען ווויל קומט דאָך פון זייער וויט און האָט אויך דעם לאַנגן וועג אַ סך זיך אָנגעזוען און מיטגעמאַכט. דימאַ ווידער וויסט זייער פיל וועגן זיין שטאָט. די שפּאַלטן אין דער ערד נעמען זיך פון ערד־ציטערנישן, וואָס קומען דאָ אַ סך פּאָר. און וועגן יעדער ערד־ציטערניש וואָלט ער געקאָנט דערציילן אַן אַנדערע מעשׂה. און דאָס אַלץ וואָס ער וויסט וועגן די בערג און וועגן דער שיינקייט פון דער שטאָט!... וועגן דעם אַלעם וואָלט געווען זייער גוט זיך אויסצושמועסן. אָבער וואָס האָבן זיי געקאָנט טאָן? — צו דעם דאַרף מען דאָך די זעלבע ווערטער, וואָס ביידע זאָלן פאַרשטיין, און יעדערער פון זיי רעדט דאָך מיט אַנדערע ווערטער.

און גלאַט אַזוי איינצוליגן איז געווען שווער. דימאַ האָט געוואָלט זיין גאַסטפריינדלעך צו זיין נייעם חבר, און פּאַר אים מאַכן באַקוועמער צו ליגן. ער האָט אַריינגעשיקט וואָווא סאַלאָמאָנאָוויטשן, דאָס הייסט וועלוולען, אין דער שטוב ער זאָל אַרויסברענגען דאָס קישעלע, אָנגעפילט מיט אויסגעטרוקנט גראָז. דימאַ, דאָס הייסט דימיטרי גריגאָרעוויטש, האָט אַרויפגעלייגט די באַק און דאָס אויער אויף דער האַנטפלאַך, און דערמיט אים געגעבן צו פאַרשטיין, וואָס ער מיינט. נאָר וועלוולען האָט זיך געדאַכט, אַז דימיטרי וויל ער זאָל אים ברענגען דעם זייגער פון דער שטוב, ווייל אויף אַ זייגער ווייזט מען אויך אָן מיט דער האַנט אויפן אויער, ווי אויף אַ זאַך, וואָס מען הערט ווי ער טיק־טאַקט און גייט. אַז דימאַ האָט געזען דעם זייגער ביי וועלוולען אין דער האַנט איז ער געוואָרן צעטומלט און דערשראָקן. די מאַמע האָט אים שוין טויזנט מאָל אָנגעזאָגט, אַז אַלצדינג מעג ער רירן, בלויז דעם זייגער נישט. דאָס איז געווען דער גרעסטער אוצר אין דער שטוב. זי האָט געציטערט איבער דעם וועק־זייגער פונקט ווי איבער אים, דימאַן, אַליין, אַז עס

זאָל אים גאָרנישט געשען. דער זייגער איז געווען אַ ירושה פון איר זיידן, וועלכער האָט אים ווי אַ טראָפּעע אַהיימגעבראַכט פון דער מלחמה, אין וועלכער ער האָט זיך געשלאָגן נאָך ביים צאַר. ער, דער זיידע, וועלכער האָט געהערט צו דער אַלטער, צעפוילטער וועלט און נישט פאַרשטאַנען דאָס היינטיקע גליקלעכע לעבן, האָט אים, דעם פּראָקלאַטי (פאַרשאָלטענעם) זייגער אַלץ גערופן — צאַר־באַטיושקאַ.

יעדעס מאָל פאַרן שלאָפן גיין האָט די מאַמע אָנגעדרייט דעם זייגער, אַז ער זאָל פאַרטאָגס קלינגען און זי אויפוועקן צו דער אַרבעט. איידער זי איז אַוועקגעגאַנגען האָט זי אים באַהאַלטן אין קאַסטן און — פּונקט האָט אים וועלוול געמוזט אַרויסשלעפּן! דימאַ האָט גערעדט מיט אַ געבייזער צו וועלוולען, גאָרנישט טראַכטנדיק, אַז יענער פאַרשטייט נישט אַלצדינג.

— דער פּראָקלאַטי שטאַמט טאָקע פון זאַ רוביעזשאַם (פון אויסלאַנד), זיי ווילן גאָרנישט האָבן אין דער שטוב דעם בורזשואַזנעם פּאַשיסט, — אָבער ער קלינגט דאָך! ווען נישט וואָלט דאָך די מאַמע געקאָנט אַ סך מאָל פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט און מען וואָלט זי פאַרמשפּט אַלס שעדיקערין פון לאַנד...

מיט אַזעלכע ווערטער האָבן זיך די קינדער אָנגעהערט קליינערהייט, ווען זיי זענען נאָך געלעגן אין די, פון שטריק געפלאָכטענע נעצן, וואָס זענען געווען אָנגעהאָנגען אויף אַ האָקן אונטערן נידעריקן באַלקן, אַלס אַזאַ וויגעלע. שוין מיט די ערשטע זילבן פון די קינדערישע פּלאַפּלערייען, וואָס זענען נאָר־וואָס אַרויסגעקומען פון זייערע מיילער האָבן זיי מיט דעם געשטאַמלט, פּונקט ווי ייִדישע קינדער זענען איינגעוויגט געוואָרן מיט: „אונטער יאַנקעלעס וויגעלע..." דימאַ האָט נישט געוווסט, אַז טאַטע־מאַמע האָבן דאָס נאָר אַזוי גערעדט ווען אַ שכן, אָדער אַ פרעמדער מענטש איז אַריינגעקומען. פון טאַטן הערט ער דאָס איצט נישט. ער איז אויפן פראָנט, רעדט ער מיטן טאַטנס שפּראַך.

דימאַ האָט אַרויסגעכאַפּט דעם זייגער פון וועלוולס הענט, פאָרזיכטיק אַריינגעטראָגן אין שטוב און אים באַהאַלטן אין קאַסטן אַריין. דערווייל האָט דער זייגער געוויזן, אַז עס איז שוין שפּעטלעך, האָט ער, דימאַ, גענומען דאָס טעפּל, וואָס די מאַמע האָט איבערגעלאָזט אויפן ליימענעם קיכל און עס

אַרויסגעטראָגן אין דרויסן. אין אַ זייט, אויפן גראָז, וואָס איז שוין געווען פאַרברענט און פאַרסאַזשעט, זענען געלעגן עטלעכע פאַררויכערטע ציגל. ער האָט פון זיי צוריק צוזאַמענגעשטעלט אַזאַ מין קיכל — צווי גלייכע ווענטלעך אין דער לענג און אַ דריט ווענטל פון הינטן, נאָר אַ שמעלערס און נידעריקערס, איבערלאָזנדיק אַ ברייטע שפּאַרע. דאָס איז געווען דער צוג, דורך וואַנען עס זאָל אַרויסגיין דער רויך.

נאָכן אָפּבייזערן זיך איז דימאַ געוואָרן מילדער צו וועלוולען, געזאָגט וואָווא סאָלאָמאָנאָוויטש, זיך געהאַלטן ווי אַ דערציִער, און האָט אים געהייסן צוהעלפן צוזאַמענקלויבן צווייגלעך, שפּענדלעך, טרוקענע שטרויעלעך — אַלץ וואָס קאָן ברענען. מיט דעם האָבן זיי אָנגעשטאָפּט די פאָדערשטע עפע־נונג צווישן די ציגל. דימאַ האָט אַרויסגענומען פון טאַש צוויי שטיינדלעך און צווישן זיי געהאַלטן אַ פאָדעם. ער האָט געריבן די שטיינדלעך איינס אָנעם אַנדערן, געריבן, געריבן, ביז אויבן אויפן שפּיץ פאָדעם האָט זיך באַוויזן אַ פונק. ער האָט דעם פונק שנעל צוגעטאָן צו די שפּענדלעך און גענומען בלאָזן, שרייענדיק צו וועלוולען ער זאָל אויך בלאָזן. די באַקן ביי ביידע ייִנגלעך האָבן זיך כסדר אויסגעבויכט און איינגעפאַלן, אויסגעבויכט און איינגעפאַלן ווי בלאָז־זעק. זיי האָבן געצויגן אָטעם פון די לונגען, די פּנימער זענען געוואָרן רויט, אָנגעשטרענגט, און ערשט נאָך אַ לענגערער צייט האָבן זיך באַוויזן קליינע רויכלעך. עטלעכע צווייגלעך האָבן זיך אָנגע־גליט און אַ ביסל שפּעטער איז אַרויס אַ פלעמל.

דימאַ האָט אַרויפגעשטעלט דאָס טעפּל אויף די ציגל, כסדר רופנדיק:

— בלאָז, וואָוואַ... בלאָז אונטערן טעפּל... בלאָז, בלאָז...

פון די נעזער איז גערונען, וועלוול האָט זיך געריבן די אויגן, וואָס זענען געווען פול מיט רויך און אין האַלדז האָט אים געקרעקט. דימאַ האָט זיך יעדעס מאָל אַ וויש געטאָן די נאָז מיטן געלאַטעטן אַרבל פון העמד און דערביי פאַרשמירט דאָס פּנים. ער האָט נאָך יעדעס מאָל ביים בלאָזן צוגע־וואָרפן עטלעכע ווערטער, וואָס איבערטייטשן עס אויף ייִדיש איז נישט שיין. פאַר דעם נייגעריקן לייענער קאָן מען נאָר אָנגעבן די ערשטע אותיות פונעם אָריגינאַל: י... ט... מ...

צי פון דער היץ מיט וועלכע דימאַ האָט אַרויסגעזאָגט די ווערטער,

צי פון די אָנגעגליטע שפּענדלעך, אָדער גאָר פונעם הייסן אָטעם פון בלאָזן — ווי ס'זאָל נישט זיין, די זופּ האָט זיך אָנגעוואַרעמט. דימאַ האָט אויך געגעבן וועלוולען אַ לעפל, אַזאַ טונקל בלעכענעם, און געהייסן ער זאָל מיט אים צוזאַמען עסן פון טעפּל.

— אַ גוט ביסל עסן, האַ? — האָט דימאַ טיכטיק געשעפּט איין לעפל נאָכן צווייטן און געגאָסן אין מויל אַריין. — ביי אייך דאָרט זענען אויך פאַראַן אַזעלכע גוטע עסנס, וואָס?

וועלוול האָט זייער לאַנגזאַם, אָן חשק, צוגעטראָגן דעם לעפל צום מויל. הונגעריק איז ער געווען, אָבער דער גומען האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם טעם פון דער זופּ, וואָס איז געווען אַ געמיש פון פאַרדויכערט וואַסער פאַרשיט מיט אַ ביסל מעל. אַלס געשמילץ איז דאָרט געלעגן אַ פּיצל גע־וועגדזלט פלייש, וואָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די פאַררויכערטקייט פון דער זופּ. וועלוול האָט נאָך אפשר אַ ביסל געדענקט דעם טעם פון לאָקשן מיט יויך, פון אַ שטיקל עוף אָדער פריש רינדערן פלייש, און ער האָט אויף דער פראַגע פון זיין מיטעסער נישט געענטפערט מיט קיין גרויס התלהבות. דימאַ האָט איבערגעוואָרפן דאָס שטיקל געוועגדזלטע פלייש פון איין באַק צו דער צווייטער, אַ מאָל עס געקייט מיט איין זייט ציין, אַ מאָל מיט די אַנדערע און עס איז אַלץ נישט ווייך געוואָרן צום אַראָפּשלינגען. עס איז שווער צו וויסן וויפל יאָרן דאָס גערויכערטע און געטריקנטע פלייש האָט אַרומגעוואַנדערט און אָפּגעלעגן אין מאַגאַזינען ביז אַ שטיקל איז אָנגעקומען צו אַ באַלעבאַסטע עס אויסצוקאָכן. קייענדיק, קייענדיק האָט דימאַ דערוויל געקוקט אויף וועלוולען און נישט געקאָנט פאַרשטיין זיין גלייכגילטיקייט צום עסן.

נאָכן עסן האָבן ביידע זיך אַוועקגעלייגט אויפן גראָז, אונטער אַן עפּל־בוים. דימאַ מיט אַ פול אָנגעגאָסענעם בויך און וועלוול מיט אַ הונגעריקן מאָגן. אָבער דאָס שמועסן האָט זיי אין אַלעם געמאַכט פאַרגעסן. און שמועסן האָט מען נישט געמוזט בלויז מיט ווערטער. מען קאָן געבן אַ צי מיט דער פּלייצע, אַ מאַך מיט דער האַנט, אַ שאָקל מיטן קאָפּ. מען לייגט צו איין האַנט צו דער ברוסט, די צווייטע ציט מען אויס שטייף פאַר זיך, און צו־מאַכנדיק איין אויג, קוקט מען מיטן צווייטן אויף די פינגער פון דער אויס־

געצויגענער האַנט. דאָס הייסט, אַז מען צילט פון אַ ביקס צום שיסן. און ווען מען מאַכט אַ סך מאָל אַזוי פאַרשטייט מען, אַז עס איז אַ פראַנט, אַ מלחמה. מען קאָן ווייזן מיט די פינגער פוןביידע הענט ווי אַזוי מען נעמט אַרום צום שטיקן, און דערביי אָנשטעלן אַ פאַרקרימט פנים. פון דעם איז קלאָר, אַז מען דאַרף דערשטיקן דעם שונא.

ה

די גאַנצע זון, וואָס איז געפאַלן אויפן בוים, האָבן איינגעזאַפּט אין זיך די עפּל. זיי האָבן זעלטן געלאָזט אַ שטראַל זאָל זיך דורכגליטשן און אַראָפּפאַלן אויף דער ערד. כמעט אַלץ האָבן די עפּל צוגענומען פאַר זיך.

די ברייט־אויסגעשטרעקטע צווייגן זענען געווען פעסטע, שטייפע, פול מיט זאַפט. זיי זענען געווען געדיכט באַהאָנגען מיט די גרויסע, שווערע עפּל און זיך נישט איינגעבראָכן. פאַרקערט — די צווייגן האָבן גרינג געטראָגן אויף זיך די משׂא. די עפּל זענען געלעגן איינער נעבן צווייטן, איינגעבעט אין די גרינע בלעטער. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער בוים איז אַזאַ ריזיקער קלאָש אויף אַ הויכן פוס, און די איינגעלייגטע פרוכטן אין אים הייבן זיך אַרויף אין אַ שפּיץ.

וועלוול איז געלעגן אין שאָטן פון דעם דאָזיקן בוים. דאָס ביסל שטראַלן פון דער זון, וואָס האָט זיך קוים אַדורכגעקריגן דורך דער געדיכטקייט פון די עפּל און בלעטער האָבן מיטגענומען מיט זיך אַ גוטן געשמאַק. ער האָט אונטערגעשטעלט דאָס פּנים אונטער די שטראַלן און זיי אַריינגעצויגן אין זיך דורכן מויל און נאָז ווי אַ וואַרעמען געשמאַקן זאַפט. די ברוסט האָט זיך ביי אים פון דעם געהויבן און ער האָט געפילט, אַז ער ווערט געזונטער און קרעפטיקער. די מידקייט פון וועג און פון דעם אַלעם, וואָס ער האָט מיטגעמאַכט, פאַרשווינדט וואָס אַ מאָל מער.

באַלד ווען ער איז דאָ נאָר אָנגעקומען מיט דער מאַמען האָט ער שוין באַמערקט די עפּל, נאָר ער האָט זיך צו זיי נישט צוגעקוקט אַזוי גענוי און פון דער נאָענט. די אויגן זיינע און דער קאָפּ זענען געווען פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש: ווי אַזוי וועט מען דאָ לעבן און וואָס וועט מען טאָן? אַלץ איז אַזוי אַנדערש, אַז עס איז גאָרנישט צו פאַרשטיין...

איצט האָט ער געקאָנט גאַנצע שעהען אַזוי ליגן און אַרויפקוקן צו דעם געפלאָכטענעם דאַך פון עפּל און בלעטער, צוזאַמענגעהאַפּטן מיט זון־שטראַלן. די זון האָט וועלוולען אַריינגעגליט אין די אויגן, אַז אין קאָפּ איז אים אויך געוואָרן ליכטיקער. צוזאַמען מיטן גלי איז דורך זיינע אויגן אַריינגעדרונגען אין קאָפּ אַזאַ ליכטיקער, וואַרעמער דרימל און ער האָט געזען פאַרשידענע זאַכן... פון אַ זייטיקן צווייגל, אַן אָפּנס פּאַר דער זון, איז אַראָפּגעהאָנגען אַן עפּעלע אין גאַנצן אַ רויטס. וועלוול האָט דערקענט, אַז דאָס איז דאָס זעלבע עפּעלע, וואָס איז געווען אַריינגעשטעקט אין געפאַרבטן שטעקעלע פון זיין פענדל. ס׳איז געווען שׂמחת־תורה. אין דער שול איז היימלעך, ליכ־טיק, פול מיט מענטשן. אַלע זענען אָנגעטאָן אין מלבושים פון פאַרשידענע פאַרבן, אַממערסטנס אין ווייסן. דאָס ליכט און די פאַרבן האָבן געשטראַלט פון די ווענט, פון באַלטן, אַפילו פון די פּנימער. אַ סך פון די יידן האָבן געהאַלטן ספר־תורות, זענען געגאַנגען מיט זיי און אויך געטאַנצט. די ספרי־תורות זענען אויך געווען שיין אָנגעטאָן אין פאַרביקע קליידלעך און עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געטראָגן בלישטשענדיקע קרוינען פון אויבן.

די פאַרביקע פענדלעך אין די אויסגעשטרעקטע הענטלעך פון די קינדער האָבן אויך אונטערגעטאַנצט איבער די קעפּ פון די יידן. עס האָבן אַזוי מיטגעהאָפּסלט די רויטע עפּעלעך. די ציטערדיקע פלעמלעך פון די ליכטלעך, וואָס זענען געווען אַריינגעשטעקט אין די עפּעלעך האָבן געטאַנצט גאָר אויבן אויף די פענדלעך העכער פון אַלעם. און אַמהעכסטנס זענען געווען די פענדלעך פון די יינגלעך, וואָס זענען געשטאַנען אויף די בענק. פון דעם אַלעם איז געוואָרן נאָך ליכטיקער, פריילעכער און פאַרביקער.

אין די פענדלעך זענען געווען אַזוי פיל עפּל, אפשר אַזוי ווי דאָ אויף דעם בוים. מיט אַ מאָל האָט זיך זיין פענדל, וועלוולס, אָנגעצונדן. ער האָט שנעל געעפנט די פאַפּירענע טירלעך פונעם פענדל, געוואָלט אַרויסראַטעווען די ספר־תורהלעך פון דעם טאָוולענעם אָרון־קודשל. אָבער פון דעם גאַנצן פענדל איז באַלד געוואָרן אַ פלאַם פייער. דערנאָך זענען פון די אַנדערע פענדלעך אויך געוואָרן פלאַמען. פון אַלע פאַרבן אין דער שול, פון דעם ליכט און פון דער פרייד איז געוואָרן איין גרויסער פלאַם. די שול איז געוואָרן פול מיט פייער און די פלאַמען האָבן זיך אַריבערגעכאַפּט צו זייער הויז.

דער שוואַרצער און רויט־פלאַמענדיקער רויך, וואָס האָט זיך אינעווייניק געשטיקט, האָט געשפּאָלטן די ווענט, זיי האָבן געקראַכט און דאָס הויז איז איינגעפאַלן. בלויז אַ האַנט האָט אַרויסגעשטעקט פון דער קופּע שטיינער און געהאַלטן פאַרקוועטשט אַ גאָלדן קייטעלע.

ער מיט דער מאַמען און נאָך אַ סך מענטשן זענען געלאָפן צו דער באַן. און אויך די באַן האָט זיך באַלד אָנגעכאַפּט פון פייער און זי איז שנעל געפאָרן אַן אָנגעצונדענע, אַ ברענענדיקע. ווען זיי זענען פאַרבייגעפאָרן צווישן וועלדער האָבן זיך פון דער ברענענדיקע באַן אָנגעצונדן די ביימער. פון איין זייט וואַלד איז געוואָרן אַ גרויסער פלאַקער און אַז מען האָט געגעבן אַ דריי אויס דאָס פּנים האָט מען געזען אויך פון דער צווייטער זייט וואַלד אַ גרויסן פלאַקער. אויבן זענען די פלאַמען פוןביידע זייטן וואַלד זיך צוזאַמענגעגאַנגען און די ברענענדיקע באַן איז געפאָרן אונטער אַ פייערדיקן דאַך. די פלאַמען פון דער באַן און פון דעם פייערדיקן דאַך האָבן געטאַנצט אַרויף און אַראָפּ, זיך געלעקט איינס דאָס צווייטע, געקושט, זיך באַהאַפּטן אין איין גרויסן פלאַם. אויך פריִער אין דער שול האָט מען אַזוי געטאַנצט, געקושט די ספר־תורות און אַלץ איז געווען באַהאַפטן מיט דער פרייד.

אומעטום ווו זיי זענען פאַרבייגעפאָרן האָט זיך אַלץ אָנגעצונדן: די פעלדער, די דערפער, די שטעט. די וועלט איז געוואָרן בלויז פייער און ער, וועלוול, האָט זיך אויך אָנגעצונדן.

די מאַמע איז אַרויס מיט אַ געשריי:

— זעטס נאָר, מענטשן ליבע, לעשטס מיין קינד, ער ברענט דאָך אין גאַנצן...

ער האָט לאַנג געברענט ביז עס איז געוואָרן פון אים אַ סלופּ אַש. דערנאָך האָט זיך דאָס אַש צעשאָטן און עס איז געוואָרן דערפון אַ בערגל.

די מאַמע האָט געהאַלטן אין איין שרייען:

— ראַטעוועטס מיין קינד!!!...

אויף דעם בערגל אַש האָבן זיך גענומען גיסן שאַרפע, שפּיציקע שטראַמען וואַסער פון גומענע קישקעס. דאָס אַש האָט זיך צוביסלעך אונטערגעהויבן און ער, וועלוול, האָט זיך געשטעלט אויף די פיס. פון די פיס האָט זיך אַרויסגעהויבן דער קערפּער און אויף דעם קערפּער איז אַרויף דער האַלדז

און דער קאָפּ. ער האָט געפּענט די אויגן און געזען ווי די מאַמעס פּנים איז באַגאָסן מיט טרערן. די אויערן האָבן זיך אים אויפגעשטאָפּט און ער האָט געהערט ווי זי כליפּעט: „לעשטס מיין קינד, ער ברענט דאָך אין גאַנצן״... דאָס מויל האָט זיך אים געעפנט:

— מאַמע, איך בין שוין געלאָשן... זעסט דאָך איך בין גאַנץ און דאָס וואַסער רינט פון מיר.

וועלוול האָט נישט געוווּסט צי ער זעט דאָס אַלץ מיט אָפענע אויגן, צי פון הינטער די צוגעמאַכטע אויגן־דעקלעך, אויף וועלכע די זון האָט געגליט.

דימאַ האָט אים געגעבן אַ שלעפּ ביים אַקסל:

— וואָס פלוידערסטו, וואָוואַ סאָלאָמאָנאָוויטש ?!...

וועלוול האָט געטאָן אַן עפן די אויגן. ער האָט נישט געקאָנט קוקן. די אויגן זענען אים פול געווען מיט דעם פייער פון דער זון.

— אוי, וואָס מיט מיר איז געשען! זעסט ווי נאָס איך בין ?... — ער האָט זיך אויפגעזעצט, געקוקט אויף די פיס, אויף די קני, זיך אין גאַנצן באַטאַפּט.

— וואָס איז מיט דיר, וואָוואַ ?...

— איך ווייס נישט. פון מיר איז געווען אַש און איך בין אין גאַנצן גאַנץ. עס בריט מיך גאָרנישט און דאָס אָנטועכץ איז צומאָל נישט אָנגעזונקט, איך בין נאָר נאָס... זע נאָר ווי נאָס איך בין ?...

— אַוודאי ביסטו נאָס, דוראַק, שוטה. ביסט געלעגן אויף דער זון, באָדסטו דיך אין שווייס... היידאַ, געגאַנגען אין שאָטן אַריין, וועסטו טרוקן ווערן...

— אָבער איך האָב דאָך אין גאַנצן געברענט, איך בין געווען אַש, און זע, אַלץ איז גאַנץ אויף מיר.

דימאַ האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ און געזאָגט אין דער לופט אַריין:

— אָט בעלעבעטשעט ער... די נאַראָנים פון דאָרט...

ז

ביידע יינגלעך האָבן זיך מיט יעדן טאָג בעסער פאַרשטאַנען. גאַנצע טעג זענען זיי געווען צוזאַמען און וואָס זיי האָבן נאָר געטאָן האָט דימאַ געלערנט

וועלוולען זיין שפּראַך, דימאַס. יעדע זאַך האָט ער אָנגערופן ביים נאָמען. די חיה דאָרט מיט די הויקערס איז אַ קעמל, און יענע גרויע באַשעפעניש מיט די גרויסע אויערן, וואָס הײַלט אַזוי מיט אַזאַ אויסטערליש ריטשען איז אַן אייזל. און דאָס הייסט אַזוי און יענץ הייסט אַזוי... און וויפל קאָן מען אין דער צייט פון אַ לאַנגן זומער־טאָג, ביים פלוידערן, אָנזאַמלען אַזעלכע ווערטער ?... און וועלוול האָט זיי געזאַמלט מיט גרויס חשק.

דער טאָג איז פאַר זיי טאַקע געווען לאַנג. די מאַמעס גייען אַוועק פאַר־טאָגס צו דער אַרבעט און מען זעט זיי גאָרנישט צוריק. אַ מאָל גייען זיי אַרויס ביים אָנהויב פון ליכטיק ווערן און קומען צוריק ביים אָנהויב פון פינצטער ווערן. און דער טאָג איז אַזוי גרויס און די נאַכט — בלויז אַ פּיצעלע. עס פּאַסירט אויך, אַז זיי גייען אַרויס אין נאַכט און קומען צוריק אין דער דריטער נאַכט. מערסטנס אַרבעטן זיי אפשר פערצן אָדער זעכצן שעה, און דער אַהין און צוריק געדויערט אויך געוויס לאַנג — און צו פאָרן איז נישטאָ מיט וואָס — אַזוי זאָגן די מאַמעס. און מען זאָל אַזוי גאָרנישט טאָן און נישט פלוידערן, קאָן מען דערווייל פון דער הויט אַרויסקריכן פון ליידיק גיין.

צוערשט איז דאָס שמועסן בלויז מיטן מויל ביי זיי צוגעגאַנגען שווער־לעך, שטומפּיק. אַ מאָל האָט מען געדאַרפט וואַרטן אַ מינוט אָדער צוויי ביז וועלוול האָט געפינען דאָס וואָרט וואָס האָט אים פונקט צעגעפּעלט. דערווייל האָט דער צווייטער יענעם געקוקט אין די אויגן אַריין צו דערגיין וואָס ער מיינט, געוואָלט צוהעלפן אַרויסשלעפּן דאָס וואָרט פון מויל. נאָר שפּעטער איז שוין צוגעגאַנגען וואָס אַ מאָל גלאַטיקער.

וועלוול האָט אַמבעסטן ליב געהאַט צו ליגן אונטערן בוים און אַרויפקוקן צו די עפּל. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער זעט ווי די זון דרינגט אַריין אין זיי, מאַכט זיי רויטער, ווערן גרעסער אויפן קוק, אָנגעבלאָזן ווי באַלאָנען און אָנגעפּילט מיט פייער.

— עס וואָלט גוט געווען ווען דאָס זאָלן זיין באַמבעס, וואָס, דימיטרי ?

— וואָס זאָלן זיין באַמבעס ? — דימאַ האָט אַ צי געטאָן מיט די פּלייצעס, אַז ער פאַרשטייט דאָ גאָרנישט.

וועלוול האָט אָנגעוויזן אויפן בוים :

— נו, די עפּל דאָרט אויבן, זעסט דאָך.

— פאַר וואָס זאָלן זיי עפּעס זיין באַמבעס? לויט וועלכן שׂכל?

— איך מיין... זיי זענען אַזעלכע גרויסע און רויטע, און ווען אינעווייניק זאָל זיין פייער, וואָלט מען זיי געקאָנט אַ שאָט טאָן אויף דער היטלעריסטי־שער חיה. דער בוים ליגט זיך אויפן עראָפּלאַן, און ווען ער קומט אָנצופליען אויפן פראָנט, נעמען אים צוויי שטאַרקע זעלנער, איינער פון איין זייט, ביים וואָרצל, און דער צווייטער פון דער אַנדערער זייט, ביי די צווייגן, און גיבן אַ שאָט אַראָפּ די באַמבעס. דער שׂונא אַנטלויפט און עס איז אויס מלחמה.

אין דער רגע האָט וועלוול געגעבן אַ בייג אַוועק דעם קאָפּ — אַ גרויסער עפּל איז אַראָפּגעפאַלן פון בוים און אַ זעץ געטאָן אָן דער ערד.

— נאַ, כאַפּ אַ באַמבע!... — האָט דימאַ אַ וואָרף געטאָן צו וועלוולען דעם עפּל.

ווען ער האָט טיף איינגעביסן די ציין אינעם עפּל, האָט דימאַ אַ געשריי געטאָן:

— פאַרזיכטיק, פאַרזיכטיק! עס וועט נאָך אַרויס אַ פייער...

וועלוול האָט זיך צעלאַכט. דער זאַפט איז אים גערינען איבערן מויל.

— גוטע עפּל דאָ ביי אייך, דימיטרי, שמעקעדיקע, פול מיט זאַפט.

— אונדזער שטאָט הייסט „דער פאָטער פון די עפּל" — איז דימאַ געוואָרן גרויס ביי זיך.

— אַזוי הייסט זי טאַקע?

— אַוודאַי! מען רופט זי אויף קאַזאַכיש „אַלמאַ אַטאַ", און דאָס הייסט „דער פאָטער פון עפּל", אָט־וואָס! דו ווייסט וויפל עפּל דאָ זענען פאַראַן? אָ, דו וועסט דאָס גאָרנישט פאַרשטיין. אַז מען זאָל אָנשיטן זיי אַלע אויף איין אָרט, וואָלט פון זיי אויסגעוואַקסן אַ גאַנצער באַרג, אָט העכער פון יענעם דאָרט... — דימאַ האָט אָנגעוויזן אויף איינעם פון די העכסטע בערג, וואָס האָט געהייסן אַלאַ־טאַו. פון דער ווייטנס האָט אויסגעזען ווי ער זאָל אָנרירן דעם הימל, איז געווען בלוי, און דער שניי, אַ באַגאָסענער פון דער זון, האָט אַראָפּגעגלאַנצט מיט ווייסן גאָלד. די זון האָט געשיינט אויף אים און דער שניי איז נישט צעגאַנגען.

— אַזעלכע עפּל זענען אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ! — איז דימאַ

געוואָרן וואָס אַ מאָל שטאָלצער ביי זיך און אַרויפגעקוקט צום בוים, ווי ער זאָל זיין, די עפּל, האָבן געמאַכט מיט די אייגענע הענט.

ז

אין אָוונט זענען אַהיימגעקומען די מאַמעס. אַלע זענען אַריין אין שטוב. צוליב די געסט האָט מען אָנגעצונדן דאָס קאָפּעטשל, אַז מען זאָל נישט זיצן אין דער פינצטער. ס׳איז געווען מער קאָפּעטש (רויך) ווי ליכטיקייט. אין דער מיט פון אַ האַלב פלעשל, אָנגעגאָסן מיט נישט גערייניקטן נאַפט, האָט געציטערט אַ פלעמל, וואָס האָט צעטראָגן איבערן צימער אַ פאַרחלשטע שיין און דער קרענקלעכער רויך האָט פול געמאַכט די העלדזער און נעזער. דאָס ליכט איז געווען ווייניק צו קאָנען זען עפּעס צו לייענען, אָדער לייגן אַ לאַטע אויף אַ שטיקל וועש, און פון רויך האָט מען זיך געמוזט רייבן די אויגן. די טונקלקייט איז נאָר געווען גוט צו בענקען נאָך עפּעס בעסערס אָדער צו עפּעס שיינס פון אַ מאָל.

ווע לוול איז געווען זייער נייגעריק ווי אַזוי מען קאָן אַ פלעשל אַדורכ־שניידן אַזוי פּינקטלעך גלייך, אין דער מיט, אַז דער אונטערשטער טייל פון פלעשל זאָל ווערן אַ גלאָז, וואָס אַזעלכע גלעזער האָט מען דאָרט אויך גענוצט צום טרינקען. דימאַ האָט אים געוויזן די קונץ ווי אַזוי מען מאַכט דאָס. מען טונקט איין אַ שנירל אין קעראָסין, און מען בינדט עס אַרום אין דער מיט פונעם פלעשל. דאָס שנירל ווערט אָנגעצונדן, אַ פלעמל גיט אַ לויף אַרום דעם פלעשל, דערנאָך נעמט זיך לייכט אַראָפּ דער אויבערשטער טייל פון פלעשל און דער אונטערשטער טייל בלייבט מיט אַ גלייכן ראַנד — פאַרשטאַנען ?... וואָט־טשטאָ !...

פונקט ווי ביי טאָג האָט געבלענדט די ליכטיקייט, וואָס איז געווען אַ סך העלער ווי ערגעץ אַנדערש, אַזוי האָט דאָ ביי נאַכט געדריקט די פינצטערניש. די פינצטערניש איז געווען אַזוי געדיכט, אַז מען האָט געקאָנט דערשטיקט ווערן פונעם זיין אַרומגעקלאַמערט דורך איר. זעלטן ווו האָט מען פון אַ פענצטער, פון אַ גאַס, צי פון אַ וויטן פונקט אין דער שטאָט געזען בלינצלען אַ פונק ליכט.

פון זינט דעמאָלט ווען אין דעם גרויסן לאַנד איז אויפגעגאַנגען די בייע

זון, די סטאַלין־זון, איז אין די שטובן, אין די גאַסן, אין שטעטלעך און דערפער, אַפילו אין גרויסע שטעט, ביי נאַכט געוואָרן שטאַרק פינצטער. ביי טאָג האָט די זון געשיינט ליכטיק, נאָרמאַל, די סטאַלין־זון האָט בלויז פאַרטונקלט דאָס געמיט, אָבער ביי נאַכט — חושך! עס האָבן געפעלט דראָטן צו ציִען עלעקטריע, לעמפּלעך האָט מען נישט געקריגן צו קויפן, אַ ביסל קעראָסין צו שפּייזן דאָס קנייטל פון נאַפט־לעמפּל האָט מען געמוזט אַפּהיטן אויפן באַזאַר, אויב עמעצן איז געלונגען צו גנבענען אין אַ מאַגאַזין אָדער ערגעץ אַנדערש און אַנגיסן אַ פלעשל. אַזאַ מציאה האָט געקאָסט טייער, וואָרעם דער פאַרקויפער האָט דאָס געלט געדאַרפט אויף אַ שטיקל ברויט פון וואָס דער פּרייז איז געווען אַ הויכער. אויף אַ שטיקל חלב צו ציִען אַ ליכט זענען געווען הונדערטער מיילער. צו געבן עפּעס אין מאָגן אַריין איז געווען אַ סך וויכטיקער ווי צו געבן ליכט פאַר די אויגן.

ליכטיקער איז נאָר געווען ווען די לבנה איז געשטאַנען אַ פולע. צוליב די לאַנגע צייטן פון פינצטערניש האָט פון דער לבנה־שיין די שטאָט אויך אויסגעזען מער באַלויכטן ווי אומעטום. מען האָט גאָרנישט געדענקט, אַז עס זאָל אַ מאָל ערגעץ זיין געווען אַזוי ליכטיק ווי דאָ. אַזעלכע נעכט זענען געווען דער יום־טוב פון ליכט, מענטשן האָבן זיך דערלויבט צו מאַכן אַ שפּאַציר פאַרן הויז, מען האָט געקאָנט זען נישט אַריינצופאַלן מיט אַ פוס אין אַ גרוב אַריין, נישט געשטרויכלט צו ווערן אין אַ שטיין אָדער אין אַ פניאַק פון אַ בוים און זיך געבן אַ צי אויס. מען האָט אויך געקאָנט זיך היטן צי עמעצער קומט נישט אַנטקעגן מיט אַ דראָנג און דיר געבן איבערן קאָפּ, כדי אַראָפּצוציִען דאָס ביסל נעבעכדיקע אָנגעטועכץ.

אין די פינצטערע נעכט האָבן אין דער שטאָט זיך נאָר באַוועגט מענטשן וואָס זענען געגאַנגען צו דער אַרבעט. די אַרבעט האָט געמוזט גיין ביי טאָג און ביי נאַכט. די מענטשן האָבן געבלאָנדזשעט איבער די גאַסן ווי שאָטנס, טאַפּנדיק מיט די הענט אָן די סלופּעס, אָן דיביימער, אָן די ווענט. זייער לעבן איז געווען איינגעשטעלט, אָבער אַז זיי זאָלן נישט גיין צו דער אַרבעט וואָלט געווען דאָס זעלבע ווי פאַרן פאַרברעכן פון נישט וועלן אַרבעטן. אַזוי צי אַזוי איז זייער לעבן געווען איינגעשטעלט.

דאָס אויפגיין פון דער לבנה ביי נאַכט איז געווען אַ גרויסער יום־טוב.

אויף דעם ליכט האָט דאָס געזעץ נישט געהאַט קיין קראַפט צו באַפעלן עס אײַנצושפּאָרן. עס װערן שױן היינט אַפילו געמאַכט קונצן עפּעס דאָרט בײַ דער לבֿנה, אָבער דאָס ליכט אירס װעט מען אַװדאַי אַזױ שנעל נישט קאָנען צונעמען, פּונקט װי מען האָט נישט געקאָנט באַפעלן, אַז די עפּל אױף די ביימער זאָלן נישט באַקומען קיין פֿאַרבן און זיך אָנגיסן מיט זאַפטן.

דאָס ליכט פֿון דער לבֿנה אין דער שטאָט איז געװען דער יום־טובֿ פֿון בײַ נאַכט. מענטשן האָבן צו איר נישט געדינט װי צו אַ גאָט, אָבער די ליכטיקייט איז פֿאָרט געװען אַ געטלעכע.

די מאַמע איז נישט חסר דעה...

(מעשיות פון צוויי טויזנט צוויי הונדערט
און איין נאַכט, נאָר יידישע און וואָרע)

א

דאָס זענען די אַוואַנטורעס פון אַ גוטער ייִדישער פרוי אין די יאָרן טויזנט נײַן הונדערט נײַן און דרייסיק ביז טויזנט נײַן הונדערט זעקס און פערציק. זי האָט געוואָלט האָבן אַ רויִק לעבן, צוזען איר מאַן ר׳ יאַנקל, אַז ער זאָל קאָנען געבן פרנסה און זיצן און לערנען, זי זאָל קאָנען שטענדיק זען די קינדער, זיך פרייען מיט די אייניקלעך, וואָס וועלן איר באַשערט ווערן און האָבן צייט פאַר זיך אַליין צו דאַווענען און זאָגן תחינה צו גאָט.

זי האָט געפאַסט יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק און אים געבעטן ער זאָל טאָן מיט איר דעם חסד.

אין זיך האָט זי אויך געבעטן, אַז דער יצר־הרע זאָל נישט האָבן קיין שליטה איבער איר, זי זאָל זיין אָפגעהיטן בלויז צו איר מאַן ר׳ יאַנקלען, וואָרום איר לייב איז נאָך געווען פריש און מאַנצבילן האָבן געלייגט זייערע בליקן אויף איר פנים און קליידער, און געזוכט אַרייַנצוקוקן אין אירע אויגן. זי האָט אויסגעמיטן די בליקן, אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, אים אַראָפּגעלאָזט. עס זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן געזאָגט אָן בושה:

— רבקהלע, וואָס האָבן זי מורא צו לאָזן אַריינקוקן אין די שיינע, ליכטיקע ביר־אויגן: מ׳עט חלילה פון דאָרט גאָרנישט אַרויסגנבענען. אירע מלבושים זענען געווען אין גאַנצן פאַרמאַכט, אָן שאַרפע פאַרבן, שטילע, אַז מען זאָל זי נישט אַזוי אָנזען.

איצט, זאָגט זי, אויב עמעצן איז באַשערט נישט צו שטאַרבן, העלפן נישט קיין צרות. מ'האַלט אויס און מען לעבט.

אין די ערשטע טעג, ווען דאָס האָט זיך אָנגעהויבן, די קינדער זענען אַנטלאָפן פון די היימען, אַרויס פון די שטעט, געבלאָנדזשעט איבער די וועגן און שטעגן, איז זי, ווי אַנדערע מאַמעס, געלאָפן איבער די גאַסן, געריסן זיך ביי די שייטלעך, ביי די האָר פון קאָפּ און געשריגן: ווו זענען מיינע קינדער!?... קינדער, ווו זענט עטץ!?

ב

אין אַ פּאָר נאַכט האָב איך זי געטראָפן אויף אַן אָרט, וואָס איז אַ מאָל געווען אַ גאַס, נישט ווייט פון דער ווייסל. דער הימל און דער טייך האָבן געפלאַמט פון דער פאַרגייענדיקער זון און אָפּגעשלאָגן אויף איר פּנים אַ לייכטע רויטקייט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ס'איז נאָך נישט געוואָרן אויסגעלאָשן אויף איר דער אָפּשיין פון דער ערשט נישט לאַנג פלאַקערנדיקער שטאָט.

זי איז געבליבן שטיין אַנטקעגן מיר מיט אַ ביסל אַן אויפגעלעבטן בליק, ווי אין אירע אויגן זאָל האָבן אויפגעשפּראָצט עפּעס אַ האָפענונג. זי האָט אויפגעהויבן אַ געל, געריינצלט הענטל און עס געפירט איבער די באַקן מיינע, איבערן שטערן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זי וויל פון דאָרט אָפּווישן די פרעמדקייט, די אומבאַקאַנטקייט פאַר איר, און געפינען שפּורן פון אירס אַ קינד, סימנים פון איר שטאָם.

— מאַמע, אַ סך קינדער האָט איר געהאַט?

— „געהאַט" — ריכטיק געזאָגט — „געהאַט"... אפשר וועט נאָך אָנקומען אַ בת־קול פון עמעצן פון ערגעץ אין דער גרויסער וועלט...

זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, קוים האַלטנדיק זיך אויף די פיס. פון דעם ברוכוואַרג דערנעבן האָב איך אויסגעגראָבן אַ ביסל ציגל און געמאַכט אַ געזעס. מיר זענען ביידע געזעסן און געקוקט אויף די אויסגעהוילטע היימען, אויף דער שטאָט, וואָס איז געלעגן פאַר אונדז אַ צעשיטע, אַ צע־קרישלטע. איך בין געווען איר קינד און נישט קיין קינד, אָבער אַן אייגענער, פאַר וועמען מען קאָן אַראָפּוואַרפן דעם שטיין, דעם גליוועה פון האַרצן.

פון דער וויטנס איז געפלאָסן די ווייסל ווי אין די אַמאָליקע צייטן, נאָר די לאָמפּן וואָס פלעגן זיך אין די אָוונטן באָדן אין אירע וואַסערן זענען געוואָרן אויסגעלאָשן אָדער דערטרונקען. עס איז דאָ צו אונדז אַהערגעקומען דער שטילער גערויש פון דעם פליסן, אָן אויפהער, אָן ענדערן דעם טאָן, כּסדר די זעלבע מוזיק, דער זעלבער ניגון.

די נאַכט איז צוביסלעך אָנגעקומען, די טונקלקייט האָט וואָס אַ מאָל געדיכטער זיך געלייגט אויף די חורבות און דערנאָך אין גאַנצן זיי צוגעדעקט.

ווו אַהיימצוגיין איז נישט געווען. דאָרט ווו מען איז געשטאַנען איז געווען די היים. עס איז נישט געווען ווו זיך צו איילן. דאָ זיצט מען און שפּעטער וועט מען דאָ אַוועקלייגן דעם קאָפּ און איבערשלאָפן אָדער איבערליגן די נאַכט. שוין לאַנגע יאָרן אַזוי, זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן. דאָרט ווו מען איז געווען, ווו מען האָט זיך געפונען, דאָרט האָט מען זיך געלייגט.

פּחד וואָס מורא צו האָבן איז נישט געווען. אַז מען געוויינט זיך צו אַזוי פיל יאָרן צו מורא, און עס איז געקומען דאָס פּחד וואָס מען האָט מורא געהאַט, האָט מען מער נישט קיין מורא.

די ווייסל האָט טרויעריק געזונגען און זי האָט טרויעריק דערציילט.

דאָס בלוט, וואָס די ווייסל האָט אין די זעקס יאָר אַריינגענומען אין זיך האָט געהאַט אַן אָפּפלוס, דורכן באַלטישן ים, אין אַלע עקן וועלט — און דאָס וואָס עס איז געלעגן אין דער מאַמעס האַרץ האָט געהאַט אַן אָפּפלוס אין אַ צווייט האַרץ אַריין.

ג

ווען דאָס פייער פון דער מלחמה האָט געצונדן די שטאָט, האָט זי מיט ר׳ יאַנקלען, דעם מאַן אירן, זיך געלאָזט איבער די וועגן, אַזוי ווי פריִער די קינדער זייערע. זי האָט נישט געקאָנט נאָכאיילן די גרויסע טריט פון די לויפערס און מען האָט זי כּסדר געמונטערט:

— רבקהלע, רבקהשי, שטעלן זי אַ טריט. עס איז נישט שבת נאָכמיטיק וואָס זי שפּאַצירן זיך אַזוי.

ביי די אַלע צרות האָט מען נאָך געזאָגט אַ ווערטל אויך. אַ ביסל אין גוטן און אַ ביסל אין שטרענגקייט. געווען אויך אַזעלכע וואָס האָבן געשריגן:

— לאָזט זי איבער, אַז זי קאָן נישט! וואָס, מיר וועלן זיין די כּפּרה פאַר איר?!

אָבער שטענדיק זענען דאָ גוטע הערצער, וואָס האָבן זי נישט פאַרלאָזט.

אַלע האָבן זי אַזוי גערופן: רבקהלע. אומעטום האָט מען זי אַזוי גערופן. ביי די שכנים האָט זי נאָך געהייסן: רבקהלע די ריינע, ווייל אַלץ ביי איר אין שטוב האָט געמוזט גלאַנצן. אין דער גאַנצער געגנט האָט מען וועגן דעם געוווּסט.

אויפן הימל זענען אַרומגעפלויגן עראָפּלאַנען און געברילט ווי די חיות. פון יעדן זעץ וואָס אַ באָמבע האָט געטאָן אָן דער ערד איז זי אומגעפאַלן. איין עראָפּלאַן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק, אַריבער האַרט איבער די קעפּ פון די לויפנדיקע און האָט עטלעכע מאָל אַ גרעגער געטאָן. מענטשן זענען געפאַלן און אויך איר ר׳ יאַנקל. אפשר איז עס געשען צוליב איר, ווייל ער האָט זי נישט געוואָלט לאָזן פון הינטן. ער איז געלעגן מיטן פּנים צו דער ערד און פונעם פאַלטן אויף דער פּלייצע איז גערונען בלוט. איין האַנט איז געווען אויסגעצויגן, ווי אַ פינגער זאָל ווייזן: — און דו רבקהלע גיי ווייטער.

אַ פּאָר ייִדן דערנעבן האָבן זיך מוסר־נפש געווען און געהאָלפן איר צוטראָגן דעם מאַן צו אַ ישוב, געשאָפן אַ רידל און אים קובר געווען.

נישטאָ מער ר׳ יאַנקל. ייִדן, לומדים, שיינע ייִדן, פלעגן קומען צו אים פרעגן אַ שווער שטיקל אין לערנען. ער האָט אַ סך מאָל זיי באַלד געזאָגט פון אויסנווייניק. דערנאָך האָט ער אויפגעמישט דעם דף, יענעם דף און געוויזן:

— עטץ זעט, ס׳איז אַזוי.

טייל מאָל האָט מען זיך געשפּאַרט, געאַמפּערט אין לערנען און צום סוף געוואָרן צוריק גוט צו זיך און גענומען עפּעס שטאַרקס אויף אַ לחיים צו מאַכן.

זי האָט אים אויך קיין מאָל נישט גערופן אַנדערש ווי ר׳ יאַנקל. ער איז טאַקע איר מאַן, אָבער ווי קאָן זי זיך גלייכן צו אים? ער איז דאָך אַ גרויסער לערנער. פאַר דער באָרד אַליין האָט מען געהאַט דרך־ארץ.

זי איז געבליבן זיצן ביי זיין קבר, זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון זיין גוטסקייט צו איר, פון זיין געלאַסנקייט און גוטן שמייכעלע ביי יעדער זאַך.

וועמען האָט זי יעצט? ער איז דאָך נאָך צומאָל נישט געווען אין גאַנצן גרוי! ווער וועט שוין קוקן אויף איר אַזוי מילד מיט זיינע גרויע אויגן ווי זילבער? זי וועט שוין מער נישט הערן ר׳ יאַנקלס ניגון אין לערנען, די קלוגע רייד. זי האָט דאָס אַריינגערעדט מיט טרערן אין דעם בערגל זאַמד און האָט געהערט אַן ענטפער: „דו, רבקהלע גיי ווייטער, גיי אויף די וועגן ווו אַלע גייען... זוך די קינדער, מען וועט דיך דאַרפן האָבן״.

אָבער זי האָט זיך נישט אויפגעהויבן.

איר זיין צוגעוואָקסן צום אָרט האָט סיי ווי נישט געהאָלפן. באַלד האָט זיך דאָ ווידער אַראָפּגעלאָזט דאָס פייער, אָנגעצונדן דעם ישוב און מענטשן האָבן זי מיטגעשלעפּט מיט זיך ווייטער, איבער פייערן, איבער גרענעצן, אונטער באָמבעס. אין קאָפּ האָט זי מיטגענומען סימנים: אַ גרין הייזל מיט בלויע לעדן, אַ בוים, אַ בערגל. אָבער ווו וועט זי דאָס שוין געפינען?... איבערגעלאָזט אין אַ גרוב ערגעץ אין דער גרויסער וועלט — ווו זוכט מען אים?

ד

אין איין שטאָט, אין דער ברויט־קראָם, ווו זי האָט געאַרבעט אַלס אויפ־רוימערין האָט זי עטלעכע מאָל באַמערקט ווי איינער, מיליטעריש אָנגעטאָן, קוקט זיך שטאַרק איין אין איר. יעדעס מאָל ווען ער איז אַריינגעקומען און זי אַרומגעזוכט מיט די אויגן האָט זי אויך געמוזט קוקן אויף אים. זי האָט זיך געוווּנדערט: דאָ זעט מען דאָך נישט דעם מענטש, נאָר מען קוקט צי ער אַרבעט. אַוודאי, זי טוט וואָס זי קאָן, נאָך מער ווי זי האָט דעם כוח און קריגט דערפאַר דאָס שטיקל ברויט אויפצוהאַלטן דאָס חיות... אָבער דער מיליטערישער, וואָס קאָן ער וועלן פון איר?

איין מאָל איז ער צוגעגאַנגען, אָנגענומען זי מיט ביידע הענט ביי די אַקסלען, זי אויסגעגלייכט, און ער, מיט אַ קאָפּ העכער, האָט אַראָפּגעקוקט איר גלייך אין די אויגן. אַלע ווילן איר קוקן אין די אויגן אַריין, און זי וויל דאָס נישט. אָבער ער האָט איר מיט די פינגער אונטערגעהויבן ביי דער גאָמבע און זי האָט נישט געהאַט קיין עצה.

— באָבעשי, איר קאָנט מיר זאָגן ווו כ׳האָב אַ מאָל געזען אייערע אויגן?

— באַבעשי, זאַגסטו, טייערינקער... יאָ, איך בין אַ באַבעשי. איין איינציק אייניקל, שלמהלע, צען יאָר אַלט. ניין, דעמאָלט איז ער אַלט געווען צען יאָר, היינט איז ער שוין אַוודאי צוועלף... און אפשר דאַרף ער שוין ווערן בר־מצווה? איך געדענק שוין נישט די צייט, דער קאָפּ קאָן מער נישט האַלטן דעם רעכענונג... אָבער צי בין איך נאָך אַ באַבעשי? ווו איז ער איצט, שלמהלע? ער האָט ביים טאַטן געוווינען אַלע שאַך־שפּילן און ביי מיר האָט ער געוווּנען צען זלאָטעס פאַר זאָגן אַ פּאָר בלעטלעך חומש פון אויסנווייניק.

— ניין, איך מיין עפּעס אַנדערש, באַבעשי. איר קאָנט מיר נישט זאָגן ווו איך האָב אַ מאָל געזען אייערע אויגן?

זי האָט געקוקט אויף אים פאַרגלאָצט, פאַרגאַפט, פאַרחידושט — וואָס וויל ער זי דאָ משוגע מאַכן!

— וואָס זאָגסטו אויגן? וואָס סאַרע אויגן האָסטו געזען?

— האָט איר נישט אויפן פּראָנט עמעצן פון אייער משפחה, מיט אַזעלכע אויגן ווי איר און אויפן פּנים אויך עפּעס ענלעכס?...

— דאָס איז דאָך מיין קינד, מיין ליפּע!... — האָט זי אַ געשריי געגעבן, ווי זי זאָל פּלוצלינג האָבן דערזען איר זון...

— הייסט ער נישט גוטנער? ליפּע שלאָמאָוויטש גוטנער?

— ליפּע, אַוודאי ליפּע! וואָס פאַר אַ שמייעוויטש? צו דער תורה האָט מען אים אויפגערופן אליעזר בן ר׳ שלמה... אָבער אַזוי האָט ער געהייסן ליפּע. נאָכן זיידן עליו השלום... אַוודאי ליפּע, דו האָסט אים געזען?...

— איך האָב אים געזען און גערעדט מיט אים. ער איז געזעסן אין אַ טאַנק... איך האָב אין אייערע אויגן אים דערקענט, מאַמע... פּונקט אַזעלכע אויגן... איך האָב געשמועסט מיט אים. ער האָט מיך אַליין געבעטן איך זאָל געדענקען זיין נאָמען... אויפן פּראָנט — היינט דאָ, מאָרגן דאָרט... אפשר טרעפט מען עמעצן, אָפּגעבן אַ גרוס... מ׳איז אין דער לופט, ווו דער ווינט יאָגט... ער האָט ביי מיר אויך גענומען מיין נאָמען: גריגאָרי יאַקאָוולעוויטש טיגאַן...

זי האָט זיך דעם נאָמען אויסגעלערנט, טויזנט מאָל איבערגעזאָגט אין קאָפּ.

— געהערט אַ זאָגן! אין דער מאַמעס אויגן האָט ער דערקענט איר

קינד... די מאַמע האָט אים נישט אויפגעהערט צו זוכן, האָט זיך אויסגעקוקט די אויגן אויף אים, איז ער געבליבן ליגן אין אירע אויגן. און דער מיליטער־רישער, דער גריגאָרי, האָט אים דאָרט געפונען... ס׳איז אַוודאי געווען אליהו הנביא...

אין דער שיל ווו זי איז געווען די פירזאָגערין פון סידור און מחזור פאַר די ווייבער, האָט מען טאַקע אַזוי געזאָגט: די מאַמע אויסן אויג. ווען ער איז נאָך געווען אַ ייִנגל און איז דאָרט אַ מאָל אַרויפגעקומען צווישן שחרית און מוסף האָט מען זיי באַרעדט צום גוטן, זיי אָפּגעמאָלן: אַ פּנימל פון מילך מיט אַ ביסל ציקאָריע, ברוין, מיט אַ זיידענער הויט און שטראַלנדיקע ביר־אויגן — פונקט אַזוי ווי די מאַמע. מען האָט איר נאָך צוגעשמייכלט, אַז רבקהלע דערזעט אים שיינט זי און בלענדט ווי איר ליכטיקער אוצר.

— נישט דער מענטש אַליין שיינט און בלענדט — האָט זי זיי צוריקגעזאָגט — אַז מ׳איז שבת און יום־טוב אין דער שיל שיינט מען און מ׳בלענדט.

— איין מאָל קומט ער צו, ליפּעלע: — מאַמעשי, לאָמיר שפּילן אין מענטשעלעך.

— ווי אַזוי?

— איך על דיר קוקן אין די אויגן אַריין און דו עסט מיר קוקן אין די אויגן אַריין, און איך על מיך זען און דו עסט דיך זען. איך מיך אין דיינע אויגן און דו זיך אין מיינע אויגן... — אַוודאי געברענגט דאָס שפּיל פון חדר.

— מאַמעשי, פאַר וואָס זאָגט דער פעטער באָטע, אַז דו לאָזסט דיר נישט קוקן אין די אויגן אַריין, האָסט מורא מ׳זאָל דיר נישט אַרויסגנבענען די ברילִיאַנטן, זאָגט ער.

— איך וויל נישט מ׳זאָל דיך פון דאָרט אַרויסגנבענען... — ער האָט זיך פאַרשעמט, האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס קעפּל... ער האָט פאַרשטאַנען, אַ קלוג קינד...

— טאַקע דער גריגאָרי האָט אים דערזען אין אירע אויגן. ס׳איז געווען אליהו הנביא אָדער אַ למד־וואָווניק. הייסט אַוודאי גרשון האָט ער זיך פאַרשטעלט פאַר אַ גריגאָרי, נישט אַנדערש... ער האָט איר געברענגט די בשורה טובה, אַז איר קינד לעבט.

די לופט אַרום איר איז געוואָרן וואַרעם, ווי זי זאָל זיין אַדורכגעהויכט מיט איר זונס אָטעם. דאָס איז פאַר איר געווען אַ סימן, אַז זי זאָל דאָ וואַרטן — ער וועט דאָ אַהערקומען צו איר... און אפשר וועט ער אויך עפּעס וויסן פון שלמהלען?

ה

זייער פרי איז דאָס געווען, זי איז נאָך געלעגן אויף דער האַרטער באַנק. דאָרט אין דער קראָם, ווו זי איז געווען אַן אויפּרוימערין, האָט זי געקריגן אַ ווינקל אויף ביי נאַכט. זי האָט געחלומט מיט אָפענע אויגן און וואָך געווען אין שלאָף. עפּעס אַזאַ צעמישעניש אין קאָפּ. אַן אויסטערליש לעבן דאָ! נישטאָ אַ ביסל בעטגעוואַנט פאַר אַ מענטש, מ׳גיט נישט אַ שטיקל היים, ווו עפּעס אָפּצוקאָכן, ווו צו האַלטן אַ מלבוש.

אַ נאַטשאַלניק האָט אַ מאָל רחמנות געקריגן אויף איר און געבראַנגט אַ זאַק אונטערצולייגן אויף דער באַנק. די באַנק איז האַרט און די ביינער זענען האַרט, נישטאָ מער קיין פלייש אויף זיי. איין נאַכט בלויז האָט דער זאַק געגעבן אַ ביסל ווייכקייט צווישן דער באַנק און איר גוף. ווייך איז נישט געווען, אָבער בעסער ווי גאָרנישט. שוין צו מאָרגנס, זי גיט נאָר אַ דריי אָוועק דעם קאָפּ — דער זאַק איז שוין נישטאָ. ניין, נישט קיין גנב, חס־וחלילה, איז דאָס געווען — אַן אָרנטלעכער אַרבעטאָרער. ער האָט אַוודאי געדאַרפט זיך צוזאַמענשטיקעווען אַ פּאָר הויזן, אָדער מאַכן אַניצעס צו די פיס.

אַ זאַק איז דאָרט געווען אַ טייער שטיקל סחורה. מען האָט דערפון געקאָנט מאַכן אַ סך נוצלעכע זאַכן. איר האָט מען אויך געגעבן, צום רייניקן די קראָם, איין מאָל אין חודש אַ שטיקל זייף און אַ פּיצל צעריסענע שמאַטע, גרויס ווי אַ שניפּ־טיכל. אַלץ איז דאָרט לויטן דין. אַזוי איז באַרעכנט אין זייערע ביכער. ס׳איז אַן איינשפּאָרעכץ אויף אַלצדינג, אַחוץ אויפן מענטש. ווען מען האָט זיך געזשאַלעוועט, אַז מען האָט נישט גענוג מיט וואָס ריין צו מאַכן, איז געקומען אַ געשריי: „אונדזער ראָדינאַ מוז זיין ריין!״.

די אַרבעט פון די אויפזעערס איז געווען בלויז דאָס שרייען. מען האָט געמוזט ריין מאַכן בלויז מיט דער מורא.

טאָקע דעמאָלט אין דער פרי הערט זיך אַ קנאַל און אַ דונער און נאָך אַ מאָל אַ קנאַל און אַ זעץ. זי איז שוין אין דרויסן, און בליצן און פייערן פליען אַרום איבער די גאַסן. שטיקער פאַרגליווערטע סמאָלע, מיט וואָס די גאַס איז געווען אויסגעפּלאַסטערט, האָבן אויפגעריסן, אויפגעשפּרינגען אין דער לופט, איר אַנטקעגנגעשפּרינגען אין פּנים אַריין, געהאָגלט אויף איר מיט זאַמד און שטיינער.

זי איז געלאָפן, געלאָפן, אַרויס פון די גאַסן, אַרויס פון דער שטאָט, געלאָפן איבער פעלדער, מענטשן זענען זיך צעלאָפן אין אַלע זייטן, אויף פאַרשידענע וועגן. זי איז געבליבן ערגעץ אַליין און די כּוחות האָבן זיך אויסגעלאָזט. מער האָט זי נישט געקאָנט. זי וויל נישט וויסן וואָס עס וועט זיין און איז אַוועקגעפאַלן אויף דער ערד.

ו

אויב עס זענען באַשערט צרות שטאַרבט מען נישט אַזוי לייכט.

אָפּגערוט אַ טראָפּן, אָפּגעאָטעמט אַ ביסל, אויפגעקומען און געגאַנגען ווייטער. זי איז געווען אויף אַ וועג צווישן פעלדער. אין דער מיט פון גרינס זענען געווען גאַנצע שטיקער מיט פאַרברענט גראָז — גרויסע ראַנעס, לישייעס, מכּות אויפן לייב פון אַ בליענדיק לעבן. אויך צווישן די תּבֿואות, שטיקערווייז נאָך בליענדיק און שטיקער שוין רייפע, פאַרטיקע, זענען געווען אויסגעברענטע גריבער. מען האָט פאַרטיליקט אַ סך וואָס האָט שוין געהאַט אויפגעלעבט און אַ סך וואָס האָט געהאַלטן אין אויפלעבן, אָן האַרץ און אָן רחמנות.

פון אַ שטאַל אין אַ זייט האָט זי געהערט אַ מרוקען, פון דעם מו־מו־ען איז געגאַנגען אַזאַ יאָמער פון אַ בהמה, וואָס צעררייסט דאָס האַרץ ווי דאָס וויינען פון צען מאַמעס, געטראָפענע פון איין אומגליק.

זי איז אַריינגעגאַנגען אינעווייניק. אָבער דאָס גיהנום איז איר נאָכגעלאָפן אומעטום. ווידער אַ דונערן... דורך די שפּאַרעס צווישן די ברעטער פון די ווענט האָבן אַריינגעבליצט שנירעלעך פייער, ווי דאָס זאָל זיין דאָס רינענדיקע בלוט פון דער פאַרוווּנדעטער שטאָל, פון דער אויפגעפּלאַצטער הויט אירער. וואָס טאָן? זי האָט זיך מיט די הענט פאַרשטעלט ס׳פּנים:

— אוי, הייליקער באַשעפער, איך בין אַ פאַרזינדיקטער מענטש, פאַרגיב מיר מיינע חטאים — איך האָב שוין אַ סך פרייטיקס נישט געצונדן ליכט, איך האָב נישט געוווּסט ווען עס איז פרייטיק און ווען עס איז די צייט פון ליכט־בענטשן, און איך האָב קיין ליכט נישט געהאַט. יעצט זע איך ליכט — עס האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אַלע פלעמלעך וואָס די יידישע ווייבער האָבן פאַרפעלט צו צינדן — בענטש איך יעצט פאַר זיי אַלע...

— טאַטע ליכטיקער אין הימל, טו מיט דיין ליכט באַלייכטן דעם וועג פון אונדזערע קינדער, זיי זאָלן זען ווו צו לויפן. מאַך זייערע הענט שטאַרק און האַרט, אַז די פלאַמען זאָלן זיי נישט ברי̇ען, זיי זאָלן קאָנען מיט דעם פייער שלאָגן די שׂונאים און דאָס פייער זאָל גיין פון זייערע מלבושים און טריפהנע לייבער. — אָ, דערבאַרעמדיקער, האַרציקער, פאַרגיב אַ זינדיקע יידענע וואָס זי ווייסט נישט וואָס זי רעדט. טו, אַז דאָס ליכט זאָל נישט ווייזן די פייניקערס דעם וועג ווו אונדזערע קינדער טוען לויפן, און פאַרבלענד זיי די אויגן מיט דעם ליכט. זאָלן אונדזערע קינדערס אויגן לייכטן און זייערע זאָלן בלינד ווערן, אַלמעכטיקער גאָט אין הימל, דו קאָנסט דאָך אַלץ...

— מאַך אַזוי ווי מיט דעם ים פאַר די יידן פון מצרים, דאָס זיי זענען אַדורך די טריקעניש און די שׂונאים זענען דערטרינקען געוואָרן אין וואַסער. מאַך מיט דעם פייער אויך אַזוי, דאָס פאַר אונדזערע קינדער זאָל עס צולייכטן, מאַכן ליכטיק אין קאָפּ צו זען ווו צו גיין און וואָס צו טאָן, און זיי, די רשעים, זאָלן פאַרברענט ווערן פון דעם פייער... זיי מוחל אַ שוואַכע, זינדיקע יידענע. אַ מאַמעס פאַרבלוטיקט האַרץ בעט דאָס ביי דיר... זאָל די מצווה פון מיין ליכט־בענטשן אָנגענומען ווערן און טו מיט דיין ליבן פאָלק און מיט אַלע אונדזערע קינדער דעם חסד, גאָט אין הימל...

ז

זיך אויסגעוויינט, אַ סך געבעטן ביי זיין ליבן נאָמען, האָט זי דערנאָך אָוועקגענומען די הענט פון די אויגן. זי האָט זיך אַרומגעקוקט אין דער שטאָל. עס איז דאָרט געווען גענוג ליכטיק, פון דער אָפענער טיר און פון די שפּאַרעס. אַ גרויסע, געפלעקטע קו איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט, ווי נישט אומצופאַלן. דעם קאָפּ האָט זי געהאַלטן אויפגעהויבן, אים

צוגעדריקט צו דער וואַנט און די ציין איינגעביסן אין דעם האַלץ. פון די אויגן איז גערינען אַ פליסיקייט, זי האָט געדעכעט מיטן בויך און געהעשעט מיטן האַלדז.

אַ קעלבל איז געשטאַנען אונטער איר בויך, האָט צוגעשטעקט דאָס מאָרדעלע צו די וואָרצלען פון אייטער, אַ ביסל אַ צי געטאָן און באַלד אויס־געדרייט דעם קאָפּ. דאָס קעלבל האָט זיך אַרומגעקוקט מיט טרויעריקע צערפולע אויגן.

זי, רבקהלע, האָט גענומען דאָס הילצערנע מעלק־שעפל וואָס איז גע־שטאַנען דערנעבן, אָפּגעצויגן מילך פון דער קוס אייטער. די קו האָט גע־דריגעט מיט די פיס, ווי אַ ווייטיק זאָל אַדורכגיין איבער איר לייב, אָבער זיך געלאָזט מעלקן. רבקהלע האָט דערנאָך אונטערגעשטעלט דאָס שעפל מיטן ביסל מילך אונטער דעם קעלבלס מאָרדעלע. דאָס קעלבל האָט איינ־געטונקען דעם שפּיץ פון פּיסקל אין דער מילך, אַ שמעק געטאָן און באַלד אַרויסגענומען דעם קאָפּ.

זי האָט צוגעטראָגן דאָס שעפל צו דער טיר, ביי דער פאַרגרעסערטער ליכטיקייט אַריינגעקוקט אין דער מילך און אַ זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר האַרץ:

— אוי, רבונו של עולם, באַשעפער פון דער גאַנצער וועלט! אַ קינד איז הונגעריק און די מאַמע וויל עס אָנזייגן, אָבער עס וויל נישט טרינקען דאָס בלוט פון דער מאַמעס האַרץ... רויטע פעדימלעך באַפלעקן די ליכטיקע, ווייסע מילך — די גוטע שפּייז וואָס די מאַמע וויל געבן דעם קינד. דאָס קינד וויל עסן און בייגט אַוועק דאָס קעפּל. עס וויל זיך נישט אָנזעטיקן מיט דער מאַמעס ווייטיק...

דאָס האַלץ פון דער פאַדערשטער וואַנט האָט גענומען פלאַקערן, דאָס פייער האָט אין גאַנצן אַרומגעכאַפּט די ברעטער, שטיקער פלאַמען זענען געפאַלן פון דער וואַנט, ביז די שטאַל איז געבליבן אין גאַנצן אָפן... דאָס קעלבל האָט זיך צוגעדריקט צו דער מוטער, דערנאָך געגעבן אַ שפּרונג אַרויס פון פייער און די מוטער איז עס נאָכגעלאָפן.

אין דרויסן האָבן אויך געפלאַקערט בערג מיט פייער. די פלאַמען האָבן געטאַנצט, געשפּרונגען, זיך געוואָרפן איינס אויף דאָס אַנדערע, ווי

צעשטורעמטע כוואַליעס. דאָס קעלבל איז געשפּרינגען איבער די פלאַמען ווי אַ טרענירטער הונט איבער הויכע באַריערעס. נישט פון שפּיל און פאַר־געניגן איז עס געשפּרינגען, נאָר אין אימה און בהלה.

וואָס האָט זי געקאָנט טאָן מער, רבקהלע, ווי בעטן הילף ביי איר באַשיצער?

זי איז געלאָפן און איינגעטענהט מיט אים:

— איך האָב דיך שטענדיק געבעטן, אַז אונדזער פינצטערניש זאָל פון אונדז אָפּגעטאָן ווערן און איצט גיסטו אונדז צופיל ליכט, גיסט אונדז יאָמען מיט פייער. דו האָסט דער ערשטער געזאָגט „יהי אור", האָסט אַרויסגעשיקט די זון איבער דער וועלט און געזען, עס איז גוט... יעצט זעסטו אויך, אַז ס'איז גוט?! איך האָב דיך געבעטן, עס זאָל אונדזערע קינדער זיין ליכטיק אין אַלע ווינקעלעך און יעצט שיקסטו פייער אין אַלע ווינקעלעך. האָסט געמאַכט פון דיין ערד אַ ים פון נאַפט און דיינע קינדער זענען די קנויטן... אָט לויפט אַ קינד, אַ באַשעפעניש דיינס, אַן אומשולדיק קעלבעלע, עס שפּרינגט איבער די פלאַמען, באָדט זיך אין די פייערן — די מאַמע, די קו, לויפט עס נאָך, וויל עס באַשיצן און עס איז נישטאָ ווו צו אַנטרינען... די מענטשן און די לעבעדיקע באַשעפענישן גייען אויף צו דיר מיטן רויך פון זייערע לייבער — צו וואָס דאַרפסטו דאָס, ליבער גאָט אין הימל?!...

פייערן האָבן זיך אַנגעצונדן אונטער אירע פיס, זי אַנגעכאַפּט ווי ווילדע פיסקעס ביי די צויטלען פון די מלבושים. שפּרינגען האָט זי נישט געקאָנט, רבקהלע, מאַכן ברייטע שפּרייזן אויך נישט. האָט זי אויסגעמיטן די פייערן ווו עס האָט זיך נאָר געלאָזט. די פייערלעך אויף אירע מלבושים האָבן געטאַנצט ווי די שדים אין גיהנום... זי האָט דערזען אַ גרוב מיט וואַסער, נישט אויסגעטרוקנט נאָך אַ רעגן אַוודאי, און זי האָט זיך געגעבן אַ וואָרף אַריין. דאָס וואַסער איז געווען וואַרעם, צי פון דער ברענענדיקער ערד, צי פון דער גליִענדיקער זון?... די אויגן האָבן זיך איר באַלד צוגעמאַכט. שלאָף, אויסגעשעפּטקייט, צרות — אַלץ איז געלעגן אין איר... זי האָט נאָך מיט די הענט אונטערגעשאַרט די בלאָטע אונטערן קאָפּ, געמאַכט אַ העכער בערגל, אַז דאָס פּנים זאָל זיין איבערן וואַסער. אויף אַ רגע, שוין אין דרימל, האָט זי דערפילט אַ מחיה פון רו. זי האָט נאָך געמורמלט „בידך אפקיד רוחי"

און כדי ער זאָל ריכטיק פאַרשטיין, אפשר מאַכט זי אַ טעות, האָט זי פאַר־טייטשט אין איר לשון: „און אין דיינע הענט, ליבער גאָט, טו איך איבער־ענטפערן מיין נשמה", און איז באַלד איינגעשלאָפן.

ח

אַז עס איז באַשערט נישט צו שטאַרבן העלפן נישט קיין צרות.

אַ מילד, וואַרעמלעך ווינטל האָט געגלעט איר פנים. די שטראַלן פון דער נאַר־וואָס אַרויסקומענדיקער זון, צו מאָרגנס באַגינען, האָבן ווי מיט גאָלדענע שפּיזלעך איר געעפנט די אויגן, אַריינגעלויכטן אין זיי. אין לייב איז איר אַרומגעלאָפן אַ קאַלטע, נאַסע ציטערניש. שטיקלעך לייב אויף עט־לעכע ערטער האָבן געברענט ווי פייער, און דאָס וואַסער האָט זיי אַ ביסל געקילט. ווען אין קאָפּ איז איר קלאָרער געוואָרן, זיך דערמאָנט ווו זי געפינט זיך, האָט זי געזאָגט „מודה אני — — — איך דאַנק דיר, ליבער גאָט, וואָס האָסט מיר געטאָן צוריקקערן די נשמה..."

זי איז אַרויס פון וואַסער און זיך אָפּגעטרייסלט ווי אַן אָפּגעצוואָגן הינדל. עס האָט זי נישט געוווּנדערט וואָס זי איז געשלאָפן אין וואַסער. זי איז שוין לאַנג אָפּגעוווינט פון אַ בעט. יעדע נאַכט ליגט זי ערגעץ אַנדערש. אַ מאָל אין אַ וואַלד, אַ מאָל אין אַ שטאַל צווישן בהמות, אַ מאָל אויף די שטעכיקע שטרויעלעך פון אָפּגעשניטענער תבואה אויפן פעלד. ווי קאָן זי געדענקען ווו זי איז איבערגעלעגן די אַלע נעכט זינט זי האָט דאָס לעצטע מאָל פאַרלאָזט דאָס בעט אין איר היים?

עס איז גאָרנישט דערגאַנגען צו איר טראַכטן, אַז עס טוט איר עפּעס וויי, אַז איר איז עפּעס. אין קערפּער איז געלעגן ווייטיק אין אַ סך ערטער, אָבער דער קאָפּ האָט עס נישט אויפגענומען. ער האָט בלויז אויפגענומען דעם ווייטיק וואָס איז געלעגן אין איר האַרץ... ר' יאַנקל איז שוין באַגראָבן, די קינדער ווייסט זי נישט ווו זיי זענען, און אויב זיי לעבן נאָך — זי האָט זיי פאַרלוירן און זוכט זיי... וואָס סאַרע צרות שטייען זיי יעצט אויס!?...

ווי קאָן זי זיך איבערנעמען מיט די ווייטיקן פון איר לייב? פון די צרות איז איר לייכטער ווי פון אַ רגע רו. דעמאָלט כאַפּן זי אָן די גרוילן וואָס צערייסן איר האַרץ, שפּאַלטן דעם קאָפּ.

שטענדיק ווען זי הייבט זיך אויף גייט זי זיך איר וועג וואָהין די אויגן טראָגן. דאָס מאָל איז זי נאָך אַ ביסל געבליבן, איבערגעשווענקט די מלבושים אין וואַסער, דערנאָך אָן אויסגעטועגע זיך טובל געווען. קיינער האָט זיך דאָ נישט געפונען, זי איז געווען אַליין. זי האָט צו מאָל נישט געקוקט וואָס ס'איז געוואָרן פון איר אייגן לייב. שטייענדיקערהייט האָט זי זיך נישט געקאָנט טובל זיין ווי אין אַ מקווה, איז זי אַריין אין וואַסער, זיך טובל געווען ליגנדיקערהייט, זיך אויפגעזעצט און אַוועקגעלייגט, אַזוי עטלעכע מאָל, און דערנאָך זיך אַרומגעוואַשן. די זון האָט געוואַרעמט איר לייב, עס האָט זיך אַרויסגעריסן אַ קרעכץ פון פאַרגעניגן, אַ מחיה פון איר אייגענעם גוף.

פריִער נאָך האָט זי געהאַט אויסגעשפּרייט די מלבושים, דאָס ביסל שמאַטעס אירע, אויף דער ערד, זיי צו לאָזן אויסטרוקענען. די זון האָט אויסגעפּאַרעעט דאָס וואַסער און אויפגעהויבן אַ רויך איבער זיי.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ הויכן שטיין, געוואָלט אַרויסנעמען פון אַ טאָרבעלע פון די שטיקלעך און ברעקלעך עסן, אַלט ברויט, אָבער ליגנדיק אין וואַסער איז פון דעם ברויט געוואָרן אַ קלעבעדיקע פּאַפּקע. עס איז נישט געווען אין גאַנצן שיטער — שוין אַ ביסל אויסגעפּאַרעוועט פון דער זון. זי האָט אָנגענומען אַ ביסל מיט די פינגער, געמאַכט אַ „המוציא" און עס גענומען אין מויל אַרייך. דאָס קייען איז איר איצט אָנגעקומען לייכ־טער. די ציין האָבן איר נישט ווייט געטאָן ווי שטענדיק ווען זי עסט אַ האַרטע זאַך. אין אירע טאָרבעלעך זענען דאָך נאָר געלעגן האַרטע רינדלען, פאַרדאַרט ברויט און אַנדערע אַזעלכע שטיקלעך.

עס איז איר גוט געווען אַזוי צו זיצן אויפן שטיין. זי האָט פאַרגעסן אין אַלעם. די זון וואַרעמט, די ביינער רוען זיך אָפּ. זי האָט נישט געוווּסט ווער זי איז, ווי זי הייסט, ווו זי געפינט זיך, וואָס זי טוט דאָ. אין קאָפּ האָט בלויז גערוישט, האָט אָבער גאָרנישט געטראַכט. אין איר לייב האָט בלויז געריזלט אַ לעבן ווי אין אַ פלאַנץ, ווי אין אַ בוים. אין גערויש פון איר קאָפּ האָט זיך אַ מאָל אין דרימל עפּעס אַ רודער געטאָן, געטאָן אַ לעב אויף אַ פאַר־פלאָנטערטער, פאַרנעפּלטער געדאַנק: אַ ליידיקע וועלט, נישטאָ מער קיינער, איינע אַליין געבליבן אויף דער וועלט — אפשר זיך לאָזן איינשלעפערן פון דער וואַרעמער זון בנשיקה?...

ט

זי איז טאַקע פעסטער איינגעשלאָפן, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף דער ברוסט, אָבער באַלד אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד, זיך אויפגעכאַפּט און געבליבן זיצן. זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו זען וואָס עס טוט זיך אַרום איר. נישט ווייט איז געווען אַ גרויס שטיק פעלד מיט אויפגעוואַקסענער תּבֿואה. ווייטער פון דעם — אַ געזעמל פון אַ סךביימער. נעבן תּבֿואה־פעלד האָט זיך געצויגן אַ לאַנגער, ברייטער וועג און ביי דער זייט — פלעצער מיט באַקעטער ערד און אויך שטיקער באַוואַקסענע מיט גראָז און פעלד־פלאַנצן. אויף אַ סך ערטער פון דעם וועג האָט מען געזען טונקעלע פלעקן, בערגלעך, פעקלעך באַגאָסן מיט דעם זונען־ליכט... וואָס איז דאָס?! עס האָט איר עפּעס אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ אַריין און זי האָט געעפנט אַ פּאָר גרויסע אויגן. אַ כּוח פון אינעווייניק האָט אַ שפּאַר געטאָן אין איר, זי געשטעלט אויף די פיס און זי איז געגאַנגען זען וואָס דאָס איז. אויף איין אָרט האָט זי לויטן שוואַרצן פלעק ביים אויג דערקענט דאָס קעלבל וואָס האָט נישט געוואָלט טרינקען די מילך צוזאַמען מיט דער מוטערס בלוט. דער ווידל איז געווען פאַרברענט ביז צום לייב און שטיקער קערפּער, שטיקער פעל זענען געווען אויסגעברענט. צוגעדריקט צום קעלבל איז געלעגן די מוטער. דער אייטער פון דער קו איז געווען צוגעקלעבט צום גראָז מיטן פאַרטרוקנטן בלוט. די ליגנדיקע מענטשן, די געהרגעטע, האָט זי געקוקט אין די פּנימער אַריין. אפשר וועט זי עמעצן דערקענען? אַז דאָס פּנים איז געווען נישט צו דער־קענען האָט זי געזוכט סימנים אויף די מלבושים.

פּלוצים איז זי אַ פאַל געטאָן אויף אַ יונגען מענטש, אַרויס מיט אַ יללה און אויף אים באַוויינט איר קינד. זי האָט זיך באַלד אַ ריס געטאָן פון אָרט, צוריק אויפגעשטעלט און געשריגן צו זיך אַליין: ווי מעג איך באַוויינען מיינע קינדער?!! זיי בלאָנדזשען דאָך ערגעץ און זוכן אַ וועג צו דער מאַמען...

— ניין, מיין ליפּע איז נישט געשטאָרבן, חיימל לעבט! קינדער ווו זענט עטץ?! זיי זענען ערגעץ אין דער וועלט — אָבער ווו?! קינדער, שרייט אין דער וועלט אַריין און איך וועל אויך שרייען — אפשר וועלן מיר זיך דערהערן...

זי האָט געוואָלט אַוועק פון דאַנען, גיין אין דער וועלט אַריין און די פיס האָבן זי צוגעהאַלטן אויף אַן אָרט. זי איז געגאַנגען און געגאַנגען, געדרייט זיך דאָ, דאָרט, געקראָכן מיט קליינע טריטעלעך, געטשאַפּעט מיט די פיס, זיך איינגעקוקט אין די בערגלעך:

— פון אויבן לעבעדיקע מלבושים, פעל מיט ראַנעס, און אינעווייניק טויטע גופים!

די זון האָט געבלענדט, געגליט, נאָר פאַרברענט צו ווערן. זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זיך געלאָזט אויסשטעכן די אויגן פון דער בלענדע־ניש, געקוקט אַ בלינדע, און געשריגן אין הימל אַריין:

— וואָס וועט ווערן מיט דעם אַלעם?! די זון וועט צעשמעלצן די לייבער, אַריינטריפן זיי אין דער ערד אַריין, און די שמאַטעס, די ביינער, די פעל און דאָס איבערבלייבעכץ אינעווייניק וועט זיך אַרומוואַלגערן פאַר וועלף און שאַקאַלן... כ'האָב אַלע שבת געזאָגט די הייליקע מוסר־ספרים אויף עברי־טייטש, און די אַלע צרות און יסורים, דאָס האָסטו דו געסטראָשעט די רשעים, די וואָס זענען געגאַנגען קעגן דיר און קעגן דיין מיין, זע איך דאָ אויסגעגאָסן פאַר מיינע אויגן, און דו ווייזט דאָס נאָך מיט אַזאַ ליכטיקייט... וואָס זענען שולדיק דאָס קינד, דאָס קעלבל, דאָס הינדל?!... טו אָפּ די ליכטיקייט פון מיר, ליבער גאָט, און פאַרשטעל די פורעניות מיט דער פינצטערניש, מאַך צוריק פינצטער און זאָג „כי טוב", רבונו של עולם פון הימל...

גרויסע, קאָכעדיקע טראָפּנס, אויפגעקאָכטע פון דער זון, האָבן זיך געגאָסן פון אירע אויגן. נישט פון וויינען, נאָר פון ברי־ענניש אין די אויגן.

י

נאָך דער מכה קומט די רפואה און דער מענטש לעבט ווייטער.

ווען זי האָט שפּעטער געקוקט אין אַן אַנדערער זייט האָט דאָס לעבן געבליט מיט פולער רייפקייט. די זון האָט שוין נישט געגליט, נאָר געוואַרעמט. די לופט איז געווען בלוי און דורכזיכטיק. אירע אויגן האָבן זיך צוביסלעך אויסגעלייטערט, אַ קילקייט און אַ ווינטל האָט אַרויסגענומען דאָס ברענעניש פון אינעווייניק.

פון די פעלדער מיט תבואה זענען שטיקער געווען אויסגעברענט, אָבער

אין ברייטע שטחים איז זי, די תבואה, געשטאַנען הויך אויף די נאָך לעבע־דיקע, זאַפטיקע שטרויען, גרינע, וואָס טייל פון זיי האָבן שוין אָנגעהויבן געל צו ווערן. טייל זאַנגען האָבן שוין אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, געוואָרן אַראָפּ־געשוווערט פון די פולע, מעליקע קערנער. זיי האָבן געוויינט מיט האַריקע טרערן וואָס קיינער שניידט זיי נישט און וועלן מוזן איינגעטרוקנט ווערן לעבעדיקערהייט. פאַר וועמען זענען זיי אויפגעוואַקסן, פאַר וועמען ווערן זיי רייף?

אַזאַ שפע! די וואָס דאַרפן עסן ליגן טויט און דאָס עסן האָט נישט וועמען צו שפּייזן. ערגעץ אַנדערש שטאַרבן מענטשן פון הונגער און דאָ שטאַרבט דאָס עסן. דאָס עסן גייט איין ווי די קו מיט פולע אייטערס. אינע־ווייניק קוועטשט די מילך, דרענגט נאָר אויפצופּלאַצן און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל זי זייגן און ווער עס זאָל זי מעלקן.

אין די פריִערדיקע יאָרן האָט זי, רבקה, געהערט וואָס עס זאָגט דער צאינה־וראינה, דער קב־הישר, זי האָט געהערט די קלוגע רייד פון ר׳ יאַנקלען, גערעדט מיט שכנטעס, מיט די ווייבער אין דער שיל און זיך עפּעס דערוווסט פון דער וועלט. יעצט איז זי געקומען צו אירע אייגענע טראַכ־טענישן. די טראַכטענישן זענען איר אַ רפואה פאַר דער נשמה וואָס מאַכן זי פאַרגעסן אין אירע ווייטיקן.

אַזאַ ים מיט תבואה דאָ! פאַר וועמען דאָס געוועקס איז דאָס געבוירן געוואָרן? צי קומט עס אויף דער וועלט פאַר עמעצן, פאַר עפּעס, אָדער גאָטס גאָב גייט אויף גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין?

זי האָט איצט געזען אין גאַנצן אַנדערש דעם גורל פון דעם, וואָס קומט אַרויס פון גאָטס האַנט.

דאָס הינדל, דאָס קערנדל, דאָס קעלבל קומען אויף דער וועלט, אַז זיי זאָלן העלפן דעם מענטשן לעבן... און דער מענטש נאָך וואָס? ער זאָל קאָנען דינען דעם באַשעפער... בלויז צוליב דעם? די, וואָס טוען מצוות און מעשׂים טובים ברענגט ער אום — ר׳ יאַנקל צום ביישפּיל...

די קערנער דאָ וועלן ווערן אויסגעטריקנט, צוריקפאַלן אין דער ערד אַרייַן, אַליין זיך צוריק איינפּלאַנצן און אין אַ יאָר אָדער צוויי אַרום וועט דאָס אויפגיין אויף ס׳ניי. עס וועט קומען אַ נייער גילגול פון זיי.

דאָס איז דער גילגול פון די קערנער.

אָבער דער מענטש וואָס איז געשטאָרבן וועט מער נישט פאַרפלאַנצן אַ צווייטן מענטש.

דאָס יינגל וואָס איז נאָך קיין מאָן נישט געוואָרן און דאָס מיידל וואָס איז נאָך קיין ווייב נישט געוואָרן — ווּעמען וועלן זיי באַשאַפן אויף ס'ניי?... און עס זענען דאָך נאָך פאַראַן אַנדערע וואָס ווערן געבוירן און שטאַרבן און עס איז נישטאָ קיין לעבן צווישן דעם. און אויב עס איז נישטאָ קיין לעבן אין דער מיט, נאָך וואָס דאָס געבוירן ווערן? בלויז צו שטאַרבן?

עס איז איר שווער געווען ווייטער צו טראַכטן. די מחשבות האָבן גע־אַרבעט, טייל פון זיי זענען אַרויסגעקומען קלאָר ווי די זון־שטראַלן פון אַ ריינעם הימל און אַנדערע זענען געווען פאַרנעפּלט ווי די זון־שטראַלן פאַר־שטעלט פון אַ פאַרוואָלקנטן הימל.

זי האָט אויסגעקליבן אַ פולע, רייפע זאַנג, שוין געל, נאָך מיט אַ שאָטן פון העלער גרינקייט. די קערנער זענען געווען פריש, אָנגעקוואָלן און האָבן זיך געלאָזט לייכט אַרויסציפּן פון זייער שאָל. איידער זי האָט זיי גענומען אין מויל אַריין האָט זי געמאַכט אַ בורא מיני מזונות און דערביי געטראַכט: אפשר דאַרף מען גאָר זאָגן המוציא לחם מן הארץ? אָבער דאָס איז דאָך נאָך נישט קיין פאַרטיק ברויט. ר' יאַנקל וואָלט איר שוין געזאָגט ריכטיק ווי אַזוי... דערנאָך האָט זי מיט די ליפּן איינגעזיפּט די קערנער פון דער האַנט־פלאַך. די ווייכע שאָלן האָבן זיך לייכט אויפגעקנאַקט צווישן די ציין און יאַסלעס און אין מויל איז זיך צעגאַנגען אַ טעם פון זאַפטיק מעל, וואָס דאַרף ווערן ברויט. אָבער פון דעם וועט שוין קיין ברויט נישט אויסגעבאַקן ווערן, האָט זי געוואָלט מטיב זיין מיט דער תבואה, מהנה זיין מיטן מאַכן אַ ברכה, אַז זי זאָל נישט פאַרלוירן גיין אָן אַ ציל. אויב עמעצער האָט הנאה דערפון און אַ הונגעריקער ווערט זאַט איז עס שוין נישט געקומען אויף דער וועלט גלאַט אַזוי.

דאָס איז פאַר איר אויך געווען די מצווה פון חלה נעמען און דערמיט אָפּגעבן דעם באַשעפער דעם מעשׂר פון זיין גאָב. די קערנער האָבן איר טאַקע געשמעקט און זי האָט געגעסן נאָך, ביז צום אָנגעזעטיקט ווערן. נאָר דאָ איז עס אַרויסגעקומען אין אַ פאַרקערטער מאָס. דער מעשׂר איז געווען

די גאַנצע תּבֿואה און דער געניס פֿון דער שפּייז איז געווען דאָס ביסל מיט וואָס זי האָט זיך אָנגעזעטיקט און הנאה געהאַט.

יא

דאָס פֿעלד מיט די הויכע שטרויען און גאָלדענע און גרינע זאַנגען־קרוינען אין די שפּיצן איז געווען אין דער מיט אַדורכגעטיילט מיט אַ שמאָל וועגל. רבֿקה איז אַדורכגעגאַנגען דאָס וועגל און געהאַלטן אויסגעשפּרייט די הענט איבער דער תּבֿואה פֿון ביידע זייטן. זי האָט אַליין נישט געוווּסט צי זי בענטשט זי אָדער באַוויינט זי, די תּבֿואה. זי האָט געטאָן ביידע.

אויף דער אַנדערער זייט איז זי צוגעקומען צו אַ גרויס געזעמל פֿון ביימער, גאַנצע קופּעס. דאָס איז געווען אַ סאָד פֿון אויבס, אַרומגערינגלט מיט אַ צוים פֿון שמאָלע ברעטלעך מיט שפּיצן פֿון אויבן. אויף טייל ערטער זענען די צוימען געווען צעבראָכן. יעדע צוים איז געווען אָן אָפֿן טויער.

נאָך וואָס יעצט די צוימען? זיי זענען דאָך געמאַכט געוואָרן, אַז עס זאָל נישט אַריינקומען קיין פֿרעמדער און עפּעס אַראָפּגנבֿענען פֿון די ביימער. און יעצט דאַרפֿן דאָך די ביימער, אַז עס זאָל יאָ אַריינקומען עמעצער און רייסן די פּרוכטן.

פֿון איין בוים אָן אַ זייט האָבן פֿון אַ באַהעלטעניש צווישן בלעטער אַרויסגעקוקט רויטע קאַרשן ווי פֿאַרגאָסענע אויגן מיט בלוט. זי האָט טאַקע אין זיי געזען מאַסן אויגן פֿון באַהאַלטענע מענטשן, וועלכע האָבן זיך דאָ געשיצט פֿון אומקום. זי איז געגאַנגען אַרום דעם בוים און זיי געזוכט. די מענטשן זענען געווען ווי צעגאַנגען אין דער לופֿט און עס זענען געבליבן בלויז די אויגן. טויזנטער דערשראָקענע אויגן, בלויז אויגן, אָן מענטשן, קוקן אַרויס פֿון דער באַהעלטעניש צווישן די בלעטער.

זי האָט זיך דערנענטערט צו אַנדערע ביימער. אַ סך האָבן אויסגעשטרעקט זייערע צווייגן באַהאָנגענע מיט עפּל, וועלכע האָבן ווי פֿאַרגעלייגט: נאַט, נעמט, האָט הנאה, טוט מיט אונדז אַ חסד. אַנדערע צווייגן האָבן שוין נישט געהאַט קיין כּוח אַזוי לאַנג צו זיין אויסגעשטרעקט און האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט, געוואָרן אַראָפּגעשלעפּט פֿון דער משׂא. זיי זענען אַראָפּגע־האָנגען פֿאַרחלשטע, די פּרוכטן האָבן געחלשט מען זאָל זיי אַראָפּנעמען פֿון

דער תּליה, נישט אויסצוגיין גלאַט, אומזיסט. טייל עפּל זענען אַליין אַראָפּ־געפאַלן.

זי איז דאָ איצט, רבקה, נישט געווען אַליין אויף דער וועלט — איז געווען מיט עפּעס לעבעדיקס, צו וועמען מען קאָן טראַכטן, אַפילו רעדן דערצו, און דאָס ענטפערט מיט פאַרבן, מיט דעם אייגענעם גורל, מיט די פריידן און ליידן פון זייער לעבן.

דריי דורות עפּל האָט זי דאָ געזען, ווי זיי ווערן געבוירן, לעבן, ליידן און שטאַרבן.

עס זענען דאָ געווען שיינע, געראָטענע, אַנטוויקלטע עפּל, געזונטע, מיט רויטע און גאָלדענע בעקעלעך, געמישט מיט אַנדערע באַחנטע קאָלירן.

זי האָט געזען צווייגן, דינע, אָן בלוט, אָן זאַפטן — קראַנקע אברים פון ביימער. זיי האָבן זייערע פּרוכטן נישט אויסגעטראָגן ביז צום פולן לעבן. עס זענען געהאָנגען אויף זיי פאַרשעמטע קליינע עפּעלעך, וואָס זייער וואַקסן און אַנטוויקלען האָט זיך פאַרהאַלטן, זענען געבליבן קליין איינגעדאַרט, איינגעטריקנט, אָן פליש, בלויז הויט און קערעלעך. די צייט איז נישט געשטאַנען, האָבן זיי זיך געעלטערט, באַקומען אַלטע, צעקנייטשטע, גרינע געריצלטע פּנימלעך, אָבער קליינע, ווי נאָר־וואָס געבוירענע.

עס זענען אויך דאָ געווען עפּל אויף וועלכע מען האָט נאָך אָנגעזען, אַז זיי זענען אַ מאָל געווען שיין, געזונט. איצט האָבן זיי אָנגעהויבן צו באַקומען קראַנקע ערטער אויפן לייב, אָנגעהויבן פוילן און דאָס פוילעכץ האָט זיך אַריינגעקריגן וואָס אַ מאָל טיפער אין זיי. זי האָט אַראָפּגעריסן אַזעלכע עפּל, מיט אַ האַרט צווייגל אויסגעגראָבן גריבלעך און זיי באַגראָבן. — וואָס זאָלן זיי זיך מאַטערן אַזוי לאַנג, הענגען ווי פאַרוווּנדעטע, צעפוילטע שטיקער לייב פון בוים?

פון די שיינע עפּל האָט זי אָפּגעריסן עטלעכע און נישט פאַרגינען זיך זיי באַלד צו עסן. זי האָט גערעדט צו זיך אַליין און גערעדט צו דעם אין הימל: ווי שיין דו האָסט די פּרי באַמאָלן — רויט און גאָלד און האָסט אין איר אַריינגעגעבן אַ ריח, אַז עס פאַרשמעקט אין דער נאָז און עס איז אַ גלוסטונג צו פאַרזוכן איר טעם. בלויז דער גוטער גערוך אַליין דערקוויקט שוין דאָס האַרץ.

זי האָט שוין פאַרגעסן, אַז ערשט האָט זי געזאָגט „— — — בורא פּרי העץ״ און נאָך אַ מאָל געמאַכט די ברכה. די ציין האָבן זיך איר געשאָקלט פון נישט דערעסן און פון פעלן גאַרונג אין די יאַסלעס. לאַנגזאַם און מיט ווייטיק האָט זי איינגעביסן אין דער שיינער, רייצנדיקער פרוכט, וואָס איז נאָך געווען געגנוג האַרט. צוביסלעך האָט זי געציפּט מיט די ציין און ליפּן, געגנאָגט דעם טעם אין מויל און ס'האַרץ האָט זיך איר דערכאַפּט. זי האָט אָנגעריסן אַ שפּאָר ביסל פון די שענסטע און בעסטע פּירות און אָנגעלייגט דערמיט די טאַשן, די טאַרבעס, די פאַלדן פון די מלבושים. זי איז געווען באַהאָנגען מיט זיי ווי אַ בוים, נאָר פאַרשטעלט מיט די שמאַטעס. אַ לאַנגע צייט וועט זי זיך קאָנען מיט זיי אונטערלעבנען דאָס האַרץ, און אפשר וועט גאָט העלפן און עמעצן צושיקן צו קאָנען טאָן אין אים אַ מצווה... אוי, רבונו של עולם, ווי זעט מען דאָ אַ לעבעדיקן מענטשן ?...

יב׳

קיינער נעמט זיך גאָרנישט אַליין, אַלץ קומט לויט אים איז באַשערט.

די זון האָט שוין אַ שפּאָר ביסל זיך אָוועקגערוקט פון דער מיט הימל. די שטראַלן האָבן זיך גענומען שפּילן מיט גלאַנצנדיקע זאַכן. אין שויבן, אין מעטאַלענע שטיקלעך, האָט זיך געצונדן שטראַלנדיק גאָלד, געצאַפּלט, געבליצט, געוואָרפן פייערלעך, בליאַסקן, און פון דער ווייטנס אַהערגעוווּנקען צו איר, רבקהן.

פון דעם האָט זי באַמערקט, אַז נישט ווייט, ביים צווייטן עק פון תבואה־פעלד, אויפן פלאַכן לאַנד, געפינען זיך הייזער, נידעריקערע, העכערע. טייל פון זיי זענען ענג צוזאַמענגעפּאַקט און אַנדערע, ביי די ברעגן, שיטער צעשטעלט, איין הויז אָפּגערוקט פון צווייטן.

אַז מען דאַרף און דאָס לעבן פאָדערט, זעט מען זייער ווייט און קלאָר. זי האָט דאָרט אַהינגעקוקט און נישט געזען, אַז עמעצער זאָל זיך דרייען אַרום די הייזער. קיינער איז נישט אַרויסגעקומען פון קיין טיר און קיינער איז נישט אַריינגעגאַנגען אין אַ טיר אָדער טויער. דאָס ערשטע איז איר געקומען אין קאָפּ אַריין:

— דאָרט איז אַוודאי פאַראַן אַ בעט מיט בעטגעוואַנט.

זי איז געגאַנגען לאַנגזאַם, שווער, באַלאָדנט מיט די עפּל, אָנגעשטאָפּטע אין די טאַשן, טאָרבעס און אין די פון אונטן פאַרנייטע לעכער אין אירע מלבושים. ווי לאַנג דאָס איז דאָרט געלעגן האָט זי געהאַט דאָס געפיל, אַז די אָראָמאַטן און זאַפטן זענען מחיה דעם גוף נישט בלויז דורכן מויל, ווען מען עסט די עפּל, נאָר ווען דאָס לייב איז אַרומגעלייגט מיט זיי, דרינגט דאָס חיות אויך אַריין אינעם מענטש דורך דער גאַנצער הויט.

צוקומענדיק נענטער האָט זי געהערט אַ קרעכץ. נעבן אַ הויז איז געלעגן אַ סאָלדאַט מיטן קאָפּ אויף אַ טרעפּל און דער קערפּער אויף דער ערד. ער האָט זיך געקאָרטשעט, אויסגעצויגן זיך, אונטערגעהויבן דעם מיטלסטן טייל קערפּער, צוריק אַראָפּגעלאָזט. דער שינעל אויפן אָרט פון בויך איז געווען מיט אַ פלעק פון פאַרהאַרטעוועט בלוט.

דערהערט טריט האָט זיך אין זיין אויג געעפנט אַ שפּעלטל:

— אוי... מאַמע... איך קום אום...

— באַרויק דיך קינד, זעסט דאָך די מאַמע איז נעבן דיר וועט זי דיר העלפן...

זי האָט אַרויסגעלייגט פון די טאַשן, פון אומעטום אַלץ וואָס האָט זי באַשווערט, אַראָפּגענומען פון זיך וואָס זי האָט נאָר געקאָנט, עס זאָל איר לייכטער ווערן, און אים געפּרוווט אויפהייבן.

ער איז געווען צו גרויס און צו שווער פאַר אירע כוחות. אָבער ווען מען דאַרף ראַטעווען אַ קינד ווערן די כוחות שטאַרקער.

קודם מוז מען אים אַוועקנעמען פון דער זון און באַקוועם אַוועקלייגן. זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן, אַרומגעלייגט זיינע הענט אַרום איר האַלדז, איינ־געדרעדט, געבעטן ער זאָל זיך נאָכגעבן. זי האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן און אַזוי אים מיטגעצויגן. ווען זי האָט זיך שוין געהאַט אין גאַנצן אויפ־געשטעלט, איז זיין אויבערשטער האַלבער קערפּער אוממעכטיק אַריבער־געפאַלן איבער איר אַקסל, און אַזוי איז זי געגאַנגען מיט אים. אַ ביסל האָבן זיך זיינע פיס נאָכגעשלעפּט און אַ ביסל האָבן זיי געשטעלט טריט.

זי האָט אים דערטראָגן צו אַן אָרט, וואָס איז ערשט נישט לאַנג געווען אַ שטוב, אַ שטיק דאַך האָט געפעלט. פון אַ פענצטער איז נאָך געבליבן הענגען בלויז אַ שמאָל לייסטל אויף אַ זאַוויעסע. אין וואַנט איז געלעגן

אַ צעשיטע אויף די שטוב־זאַכן. זי האָט אַראָפּגעוואָרפן די ציגל פון אַ בעט, אָפּערגעצויגן דעם מאַטראַץ, ריין געמאַכט אַ ווינקל פון דער פּאָדלאָגע און אויסגעבעט אַ געלעגער. דורך די שפּאַרעס פון אַ שענקל, אַ צעקוועטשטס אונטער אַ שווערן באַלקן, האָט זי אַרויסגעריסן שטיקער פון ריינע וועש. זי איז געגאַנגען איבער די שכנותדיקע שטובן און געפונען ביסלעך וואַסער, אין אַן עמער, אין אַ כּלי. זי האָט געפּרוּווט די קראַנען, וואָס האָבן זעלטן ערגעץ געשטעקט אין אַ וואַנט. זיי זענען געווען ליידיק. בלויז איין קראַן האָט יאָ געענטפערט, געלאָזט אַ ביסל פּאַרזשאַווערט, רויטלעך וואַסער דערנאָך געגעבן אַ כאָרכל, אַ שפּריץ און שטיל געבליבן ווי אַ געשאָכטן הינדל. אויף אַ הויף האָט זי אויך געפונען אַ ברונעם. זי האָט געדרייט מיט דער קאָרבע און די קייט האָט אַרויפגעצויגן אין אַ הילצערנעם עמער ביסלעך וואַסער.

נאָכן אַרומוואַשן דאָס בלוט האָט זיך ביי אים אויפן בויך אָפּגעדעקט אַ ווונד, ווי מען זאָל מיט אַ צוואַנג האָבן אַרויסגעריסן אַ שטיק פלייש. די ווונד האָט זי אַרומגענומען מיט קלאָרע לייוונט און ער איז געבליבן ליגן אַ פּאַרהלשטער. זי איז געזעסן נעבן געלעגער און געקוקט אויף זיין אָפּגע־ברענט לאַנג פּנים, געדיכט באַוואַקסן מיט אַ פּאַרונדיקטע באַרשט פון ברוינע הערעלעך. איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי קען שוין דעם יונגן מענטשן פון זינט ער איז געבוירן געוואָרן. ער איז געוואַקסן אויף אירע אויגן און האָט מיטגעלעבט אַלע זיינע יאָרן.

יג

שפּעטער איז די קאָליר פון זיין פּנים געוואָרן לעבעדיקער, דאָס האַרץ האָט גענומען שטאַרקער קלאַפּן, אַרום דעם מויל האָט זיך באַוויזן אַ גריי־מאַסע פון ווייטיק און האָט געעפנט די אויגן. ער האָט געקוקט אויף איר מיט אַ פאַרנעפּלטן בליק און שוואַך אַ שמייכל געטאָן מיט אַן אויסגעקרומטן מויל:

— מאַמע, דו ביסט דאָ?... — און איז צוריק איינגעשלאָפן.

געפעס האָט זי געפונען אין פּאַרשידענע שענקלעך, שופלעדער, אויף די טישן, אויף די קיכן. זי האָט אויפגעשניטן אַן עפּל, אויסגעשאָבן מיט אַ לעפעלע און אין שלאָף אים אַריינגעקוועטשט אין מויל.

וואָס טוט מען ווייטער? ווו נעמט מען אַ רפואה, ווער קאָן אים העלפן און מיט וואָס קאָן מען אים העלפן? זי איז אַרומגעגאַנגען איבער די הייף, איבער די שטובן, געזוכט, און אַליין נישט געוווּסט וואָס זי זוכט. פון אַ ווינקל אויף אַ הויף איז געגעבן אַ שפּרונג אויף אַ דערשראָקענע הין, אונטער־געפלויגן מיט צעשפּרייטע, פלאַטערנדיקע פליגל, אַפּגעפלויגן אַ ביסל, בענ־קענדיק געקוואָקעט מיט אַ צעפּיצלט קרעכצן אין האַלדז, דערנאָך זיך אַראָפּ־געלאָזט אויף דער ערד און גענומען גיין לאַנגזאַם, מיט שפּאַצירנדיקע טריט אויף די הינערישע פיסלעך.

— וואָלט געווען אַ שוחט קאָן זיין אַ גוט ביסל יויך — האָט זי, רבקהלע, גערעדט צום הינדל, און געטראַכט וועגן אַ רפואה פאַר דעם קראַנקן.

— נישטאָ דער שוחט און דיר איז באַשערט צו לעבן. וואָס דזשאָביעסט דו ווערעמלעך און שלענגעלעך פון דער ערד? גיי דאָרט אַהין — אַ גאַנץ פעלד מיט קערנער וואַרט אויף דיר. זאָלסט נאָר קאָנען אַזויפיל עסן וויפיל דאָס פעלד וויל דיר געבן.

דאָס הינדל איז נישט אַוועקגעגאַנגען, ווייטער זיך דאָ אַרומגעדרייט.

— געבליבן נעבעך איינס אַליין... אַרויס פון פייער־מבול פון נחס תיבה אָן אַ פּאָר. עס וועט זיך נאָך אפשר געפינען פאַר דיר אַ העגדל. גיב נאָר אַ גוטע קוואָקע וועט עס קומען צו דיר צו לויפן, אויב עס זשיפּיעט נאָך ערגעץ...

פון נעבן אַ וואַנט האָט עפּעס ווייסעס איר אַ בלענד געטאָן אין די אויגן. יאָ, ס'איז געווען דאָס וואָס זי האָט געמיינט — אָן איי, נאָך אַ ביסל וואַ־רעמלעך.

— גוט וואָס כאָטש דאָס!

זי האָט אויפגעהאָקט אַ לעכל אין דער שאָל, אַרויסגעגאָסן אַ ביסל אויף אַ לעפעלע און טראָפּנווייז אַריינגעגאָסן דעם קראַנקן אין מויל אַריין. עס האָט געדויערט געגוג לאַנג ביז זי האָט אים איינגעגעבן דאָס גאַנצע איי. אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן.

דערנאָך האָט זי זיך געפּאָרעט צווישן די צעקנייטשטע טעפּ און צע־בראָכענע קעסטלעך נעבן דער קיך — אפשר וועט זי געפינען עפּעס צו עסן. איבערלייגנדיק די זאַכן פון איין אָרט אויפן צווייטן האָט זי, פון צווישן ציגל

און קאַלך, האַלץ און שמאַטעס, אַרויסגעגראָבן אַ פּאַרטריקנטע זעמל. זי האָט דאָס אָפּגעריייניקט פון זאַמד און קויט און איינגעווייקט אין וואַסער.

ווען ער האָט זיך איבערגעוועקט איז זיין מויל געווען צוגעקלעבט און אויף די ליפּן אַ ווייסער פאַרטריקנטער שוים, אַדורכגעוועבט מיט רויטע שניירעלעך. נאָכן אַרומוואַשן אים דאָס מויל האָט זי דאָרט אַריינגעטריפט דאָס וואַסער פון דער זעמל ווי מיט אַ שוואָם, און ער איז געוואָרן מונטערער. פון זיינע ברוינע אויגן, נאָך פאַרשטעלט מיט שלאָף אָדער פונעם אָפּגעשוואַכטן לעבן אין זיך, האָט אַרויסגעקוקט אַ בליק פון אומבאַהאָלפנקייט, ווי ביי אַ קליין, קראַנק קינד, וואָס מיינט, אַז ער איז שולדיק, וואָס ער טוט די אַרומיקע אָן צער מיט זיין קראַנק זיין. ער האָט געבעטן מיט די בליקן, אַז זי זאָל זיך זעצן נעבן אים.

עס איז צו זיי נישט דערגאַנגען דאָס אויפרייסן פון די באָמבעס אין דרויסן, דאָס וויען פון די פייערדיקע שטיקער, וועלכע האָבן איינגעלייגט הייזער אַרום. זי האָט נישט געוווסט צי עס איז נאָך דער זעלבער טאָג, צי עס איז שוין צו מאָרגנס, אָדער אין צוויי טעג אַרום ווי זי איז דאָ אַהערגעקומען. ליכטיק איז געווען אַ מאָל פון דער זון און אַ מאָל פון די פלאַמען אין דרויסן. וועגן אַנטלויפן האָט זי גאָרנישט געטראַכט. מיטנעמען אים קאָן זי נישט און אים איבערלאָזן וועט זי נישט. וואָהין קאָן זי אים שלעפּן און ווו קאָנען זיי זיין זיכערער?

די מאַמע איז געווען אַליין, זי האָט געזוכט אירע קינדער, און ער איז געווען אַליין און האָט גערופן דער מאַמען. אַ מאַמע מיט אַ זון זענען געווען צוזאַמען — איז דאָס ווינקעלע געווען פאַר זיי אַ היים, און אין דרויסן זאָל זיך טאָן וואָס עס טוט זיך...

זי איז געזעסן אויף אַ בענקל נעבן זיין געלעגער, אויף דער ערד איז געלעגן אַ באַרג מיט עפּל, אויף איר שויס איז געשטאַנען אַ טעלער. זי האָט אַדורכגעשניטן די עפּל, אויסגעשאָבן די העלפטן און אַריינגעגאָסן דאָס שיטערס אין זיין מויל. אַ מאָל האָט זי אַליין אויך גענומען אַ ביסל אין מויל אַריין, אָבער מערסטנס געגעבן אים. אַפילו אין שלאָף האָט זי אַריינגעשטופּט דאָס לעפעלע צווישן זיינע פאַרמאַכטע ליפּן און ציין.

— דאָס היגדל איז אַריינגעקומען פון דרויסן, זיך אַוועקגעשטעלט נעבן זיי —

אויך געוואַלט זיין צווישן לעבעדיקע באַשעפענישן, אפשר אַ ביסל מיט־שמועסן. פון האַלדז האָט זי אַרויסגעבראַכט אַ דראַבנע קרעכצנדיק קוואַקען, געריעדט אויף איר שפּראַך. אפשר ווײנט זי וואָס זי איז געבליבן אַליין, אפשר גאָר פריידט זי זיך וואָס זי איז געבליבן לעבן, און אפשר האָט זי טענות וואָס מען האָט ביי איר צוגענומען דאָס איי, זי האָט דערפון געוואָלט אויס־ברי׳ען אַ הינדל, אַ דור נאָך זיך. מען האָט דאָ געדאַרפט האָבן אַ שלמה המלך, וועלכער האָט פאַרשטאַנען די שפּראַכן פון חיות און עופות, אַז ער זאָל זאָגן וואָס דאָס הינדל מיינט.

פון דעסטוועגן האָט זי יעדעס מאָל אַריינגעשטעקט דעם שנאָבל צווישן דעם עפּל־שאָלעכץ, אָפּגעוואָרפן דאָ אַ שטיקל, דאָרט אַ שטיקל, געפּיקט די קערעלעך, אויפגעהויבן דאָס קעפּל און זיי אַראָפּגעשלינגען, מורמלענדיק אָן אַ קול מיט די צוויי העלפטן פון שנעבעלע: — אָבער לעבן מוז מען דאָך!

זי, רבקהלע, האָט דאָס אויסגעטייטשט אַנדערש: דאָס הינדל וויל אַוודאי העלפן דעם קראַנקן, שטרעקט עס דעם האַלדז פאַר אים...

— אָבער נישטאָ דער שוחט, דער שוחט איז געשאָכטן, וועסטו לעבן — אַזוי איז דיר באַשערט.

אין אַ וואָכער מינוט האָט דער קראַנקער עפּעס געמאַכט מיט די ליפּן. זי האָט קוים געהערט זיין קול, און האָט נישט געוווּסט צי דאָס איז דערפאַר וואָס ער רעדט אַזוי שוואַך, אָדער אירע אויערן זענען פאַרשטאָפּט מיטן גערויש פון דרויסן.

זי האָט אים געבעטן:

— רעד נישט, מ׳דאַרף נישט. וועסט געזונט ווערן, וועסטו שוין אַלץ דערציילן.

אָבער דאָס האָט אים דווקא צוגעגעבן כּוח און ער האָט אַרויסגעזיפּצט:

— אוי... וואָס פאַר אַ מאַמע... דו ביסט...

— אַלע מאַמעס זענען אַזוי, קינד מיינס. און אפשר זיצט אַזוי דיין מאַמע יעצט ביי מיין ליפּען און היילט אים מיט איר מאַמיש האַרץ?

דאָס מלבוש אויפן אָרט פון בויך איז ווידער פייכט געוואָרן מיט בלוט. ביים אַוועקוואַשן דאָס בלוט אויפן לייב האָט זי ביי אים באַמערקט דעם סימן

ייִד. זי האָט דערפילט אַ קוועטש אין האַרץ און אַ זעץ אין קאָפּ. די הענט האָבן זיך איר אַראָפּגעלאָזט און זי איז געפאַלן אויף דער ערד.

אַן אינערלעכער רוף, אַ מוז, אַ התחיבות פאַר עפּעס, האָט זי געוועקט, געמונטערט. אין דער טונקלקייט פונעם פאַרנעפּלטן קאָפּ האָט זיך עפּעס אַליין גערעדט:

...אַ ייִדיש קינד, מיטן האַרץ פון דער מאַמען און באָבען, פון טאַטן און זיידן — אַ פאָדעם וואָס ציט זיך ביז אַברהם אָבינו... דאָס לעצטע ייִדישע קינד, נאָך אין מונדיר פון אַ קעמפער, גייט דאָ אויס אויף אירע הענט...

זי האָט נאָך אויף אַ רגע געעפנט די אויגן... צוויי וועגטלעך פון דער שטוב האָבן זיך אַ וואַקל געטאָן, אַן אייזערן טיגעלע איז געגעבן אַ שפּרונג אַראָפּ פון דער וואַנט, אַ פּלי געטאָן אונטערן באַלקן און אַרויפגעפאַלן אויף דעם אָנגעוואַלגער אין מיטן דער שטוב. דורך אַ שפּאַרע האָט זיך באַוויזן אַ בליק ווי אַ גליִענדיק מעסער וואָלט אַדורכגעשניטן די וואַנט אויף צוויי... די אויגן האָבן מער גאָרנישט געזען. זי האָט מער נישט געוווּסט אויב זי האָט אַ קאָפּ, אַ לייב. גאָרנישטאָ.

יד

זי איז ווידער נישט געשטאָרבן, רבקהלע. דער גורל האָט נישט געלאָזט. מסתמא איז זי נאָך נישט גענוג אָפּגעקומען פאַר אירע חטאים. דער מענטש זינדיקט און ווייסט נישט וואָס ס׳איז זיין חטא.

אין איר קאָפּ, ווו עס איז לאַנג געווען פינצטער, ווי אָנגעשטאָפּט מיט טונקעלער וואַטע אָדער מיט קנוילן וואָלקן, האָבן זיך אָנגעהויבן צו עפענען ליכטיקע שפּעלטעלעך, אַדורכשלענגלען בליצעלעך, אויפגיין פונקען. זי האָט שוין דערפילט, אַז איר קאָפּ איז באַהאָפטן מיט אַ קערפּער, וועלכע ליגט אויף עפּעס ווייכס, עפּעס אַזעלכעס אויף וואָס זי איז שוין לאַנג נישט געלעגן. אין קערפּער ריזלט עפּעס, פליסט עפּעס וואַרעמס, לעבעדיקס, זינגט שטילער־הייט, און אונטער דער ברוסט טיקט עפּעס, אַ טיק, אַ קלעפּעלע און ווידער אַ קלעפּעלע, לאַנגזאַם, כּסדר. עס איז שוין דערגאַנגען צו איר מוח, אַז זי האָט הענט, פיס, פינגער און די וואַרעמע פליסיקייט שפּאַצירט דאָרט אומע־טום אַרום. דער קאָפּ האָט געהייסן, מיט אַן אומקלאָרן באַוווּסטזיין, אַז די

הענט זאָלן אָנטאַפּן אויף וואָס דער קערפּער ליגט. די הענט האָבן געטאַפּט און צוריק געענטפערט צו איר מוח, אַז דאָס איז אַ שעניק, אַ שטרויזאַק.

זי האָט פריִער נישט געוווסט, רבקהלע, אַז אין דעם באַראַק, ווו עס שטייען בעטלעך צו געבן היילונג קראַנקע מענטשן, וועלכע מען האָט געפונען אין שטובן, אויף וועגן און האָבן נאָך געהאַט אַ לעבעדיקן אָטעם אין זיך, איז אויך געווען אַ פרוי, אַזאַ אַנטלאָפענע ווי זי. די פרוי איז אויך דאָ אַריינ־געקומען, זיך געדרייט צווישן די באַדינערינס, כּדי אומצוגיין מיט די קראַנקע. ווען זי האָט נאָר געהאַט אַ פרייע רגע, די פרוי, האָט זי זיך געזעצט ביי איר, רבקהלעס בעט, געגעבן עפּעס אין מויל אַריין, אַ ביסן, אַ שלוק, אַ רפואה, זי געמונטערט, געוועקט איר קאָפּ, זי זאָל קאָנען אַרויסברענגען פון מויל אַ קלאַנג, אַ וואָרט.

און עס איז געקומען דערצו. זי, רבקהלע, האָט געעפנט די אויגן. צו ערשט צו ביסלעך און דערנאָך זיי שוין געהאַלטן אין גאַנצן אָפן.

— ווער זענען זי? — האָט די פרוי געפרעגט שוין מיט אַ צייט שפּעטער, ווען אין איר קאָפּ איז שוין געווען קלאָרער און דאָס מויל האָט שוין געקאָנט אַרויסברענגען אַ וואָרט. זי האָט גערעדט מיט אַ ייִדישער שפּראַך ווי אַ מאָל אין דער היים.

— ווער איך בין? אַ נס מן השמים. איך בין דאָס לעבן פון אַ סך געשטאָרבענע. אַלע שטאַרבן און איך מוז לעבן.

— און ווער זענען זי, האַרציקע מיינע? אין מיין פאַרחלשטקייט, אין מיין הינערפלעט, האָב איך געפילט אינס פינגער אויף מיינע ליפּן, זי האָבן אַלע מאָל דאָרט עפּעס אַריינגעלייגט.

— איך בין אַזאַ איינע ווי זי זענען, זיכער אַן אַנטלאָפענע? איך בין אויך אַן אַנטלאָפענע, רחלע הייס איך.

— רחלע? מיין שוועסטער הייסט אויך רחלע, און איך הייס רבקהלע.

— יאָ, ביי אונדז ייִדן האָבן מיר אַ סך רחלעך און רבקהלעך, אַ סך אַזעלכע שוועסטערס... גוט וואָס מיר האָבן זיי.

— מיר האָבן זיי? ווער ווייסט? איין רחלע און איין רבקהלע זע איך פאַר מיינע אויגן, מער ווייס איך נישט.

רבקהלע האָט זיך איינגעקוקט אין רחלען, געוואָלט דערגיין צי זי איז

יונג אָדער אַלט. אין יענע צייטן האָט מען דאָס נישט געקאָנט אָנזען אויף אַ מענטש. יעדער איז געווען אויסגעמאַטערט, אויסגעשעפּט, הונגעריק, מיט אַן אָפּגעפאַלן לייב און דאָס פּנים האָט אויך נישט געהאַט קיין גלאַטקייט, קיין קאָלירן, געווען מיט אַ לויזער, צעקנייטשטער הויט.

— מיינען זי נישט, רבקהלע, עס זענען דאָ גוטע מענטשן אויך. נישט אַלע נעמען נאָר צו ביי יענעם דאָס לעבן. עס זענען דאָ אַ סך וואָס ראַטעווען אויך יענעמס לעבן.

רחלע האָט איר דערציילט, אַז צווישן איין שטורעם און דעם צווייטן, האָבן מענטשן צוזאַמענגענומען ווו ס׳איז געווען אַ וועגעלע, אַ פורל מיט אַ שקאַפּע, אָדער מענטשן האָבן זיך אַליין איינגעשפּאַנט. די גרויסע מאַשינען זענען אַוועק אויפן פראָנט, איז מען מיט די פורלעך דאָ אַרויסגעפאָרן אויף די וועגן צוזאַמענצונעמען די טויטע, עס זאָל, חלילה, אַ מגפה זיך נישט פאַרשפּרייטן, גאָטס באַשעפעניש זאָל נישט ליגן אויף הפקר און עס זאָל נישט פאַרשעמט ווערן דער קערפּער פון מענטש אין וועמען אַ נשמה האָט פריִער דאָרט געלעבט... און עס האָט זיך אַ מאָל געפונען אויך עמעצן אָפּצו־ראַטעווען — „אָט איהן, אַ שטייגער, רבקהלע״.

פאַר די בהמות האָט מען באַלד אויסגעגראָבן אַ גרוב, פאַרשיט. און די מענטשן האָט מען אָפּגעלייגט אין אַ זייט אויפן שאָטן צו זוכן ביי זיי אַ פּאַפּירל, אַ נאָמען, אַן אַדרעס.

— אונדז אָמער געאַרבעט אַ ביסל ווייטער דאָרט, געהאַלטן אין איין זוכן, איז געקומען צו לויפן זאָיאַ, דאָס בלאָנדע שיקסל, און געשריגן: יעָי באָגו, איך האָב געהערט אַ קרעכץ״. דאָס זענען זי געווען, רבקהלע, און זי געפינען זיך טאַקע דאָ.

— צ׳האָט נישט געפונען דאָרט איינעם אַ זעלנער מיט אַ ברוין פּנים, אין גאַנצן באַוואַקסן מיט אַ רונדיקער באָרד, מיט אַ פלעק פון בלוט אויפן בויך? און אויך אַ קעלבל מיט אַן אָפּגעבערענטן עק און די מאַמע דערנעבן?

— ווער האָט דאָס אַלץ געקאָנט דערזען, רבקהשי, אַ סך האָבן שוין קיין פּנימער נישט געהאַט, אפשר וואָלט די זאָיאַ עפּעס געדענקט?...

— און ווו איז זי יעצט, דאָס שיקסל?

— ווער ווייסט? די שטורעמס, די פייערן, האָבן אַלץ צעשיידט, צע־

טראָגן, אָפּגעריסן איינעם פון אַנדערן... אַ גוט שיקסל געווען. צווישן ס׳גייעס געפינט זיך אויך אַ גוטער מענטש, אַפּילו פאַר אַ יידיש קינד. זי האָט באַלד געזאָגט אויף איהן: „דאָס איז אַ יעווריקאַ״... זי האָט געאַרבעט צו ראַטעווען אַ מענטשן, אַז דער שווייס איז גערונען פון איר, און — אַ פריילעכע געווען. זי האָט אָנגעפירט מיט דער פור, געשמיסן דאָס פערד און נאָך געזונגען הימלעכע לידער.

— כ׳פאַרשטיי נישט דאָ ס׳ווערטשאַפט. מ׳פאָרט אויף אַ פור מיט מתים און מ׳זינגט ווי מ׳זיצט אויף די סנאָפּעס שטרוי מיט די קערנער אין די זאַנגען ווען מען פאָרט פון שניט. אַלץ איינס... מ׳שמייסט מיט די בייטשן, אַז מ׳זאָל פריילעך זיין און לאַכן.

— רבקהשע, רעדן זי נישט קאַ׳זאַ סך. כ׳זאָג איהן, רבקהלע.

— דעם מענטש איז טרויעריק אויף דער נשמה, מוז ער פריילעך זיין! עס איז אים ביטער ווי די גאַל און מוז זאָגן, ס׳איז זיס, ווויל ווי די וועלט...

— רבקהלע, כ׳האָב איהן שוין געזאָגט, ס׳טויג נישט אַזוי צו רעדן...

— אונטערגעשניטענע לעבנס איז נישט דאָס אייגענע וואָס אונטער־געשניטענע תּבואה, טרויעריק איז נאָר ווען די אונטערגעשניטענע תּבואה גייט איין און קומט נישט צו קיינעם אין לייב אַריין...

— רבקהלע, דאָ ברויכט מען נישט צו זיין צו קליג...

— כ׳זע שוין, רחלע, זי האָבן זיך שוין אויסגעלערנט די קינץ צו פאַרשטעלן וואָס ס׳טוט זיך ביי איהן אין האַרצן, איך קאָן דאָס נישט...

טו

זי איז שוין אַרומגעגאַנגען אויף די פיס און אויך דאָרט צוגעהאָלפן די קראַנקע מיט וואָס זי האָט נאָר געקאָנט. זי איז פונקט געזעסן אויפן הויף, אויף אַ קלאָץ, קומט אָנצולויפן רחלע:

— כ׳האָב פאַר איהן אַ גוטע בשורה, רבקהלע. אַלע אַנטלאָפענע ׳עט׳מע׳ לאָזן אַהיימפאָרן פון וואַנען זיי זענען. מ׳ברויכט נאָר צו האָבן אַזאַ פּאַפּירל, אַז מ׳שטאַמט פון דאָרטן. כ׳האָב איהנס אַזאַ פּאַפּירל... געפינען אין אַ פאַלד פון איהנס אַ שטיקל מלבוש דעמאָלט... ס׳איז שוין דאָ אַזאַ פאַראיין וואָס וועט צוהעלפן.

— אַ גוטע בשׂורה! טאַקע אַ גוטע בשׂורה... און וואָס וועט זיין מיט ר׳ יאַנקלען? זי וויסן גאָרנישט, רחלע, וואָס דער ר׳ יאַנקל איז געווען. ר׳האָט געהאַט בירושה אַזאַ יחוס־בריוו ביז דוד המלך חי־וקים. נאָך אונדזער חתונה האָט ער מיך באַלד צוגעשריבן צו דעם יחוס. ס׳איז נאָר געבוירן געוואָרן אַ קינד, אַן אייניקל אין דער משפּחה, האָט ער יעדן באַלד צוגעשריבן און געלאָזט דעם בריוו נאָך אַ מאָל אָפּדרוקן ביי ר׳ נתנען אין דער דרוקעריי. אַזוי האָט ער געצויגן ווייטער אונדזער יחוס. אַ ביסל בריוו האָט ער געלאָזט דרוקן מיט גאָלדענע אותיות און אַ ביסל מיט זילבערנע. ער האָט ליב געהאַט אַלץ זאָל אַרויסקומען שיין, ס׳זאָל זיך הנאה האָבן.

מ׳איז אַ סך געקומען צו אים קויפן די בריוו. אַפילו פון אַנדערע משפּחות זענען געלערנטע ייִדן געקומען און געזוכט זייערע זיידעס און עלטער־זיידעס — אפשר וועלן זיי געפינען אַ ליניע צו זיך אַליין. פון טויזנטער יאָרן האָט זיך דער בריוו געצויגן, האָט ער געהאַט אַ סך ליניעס. ר׳ יאַנקל האָט זיי געהאָלפן זוכן. ער האָט זיך בעסער פאַרשטאַנען אין דעם. ווען מען האָט עפּעס געפינען האָט ר׳ יאַנקל שוין דאָס גוט צוזאַמענגעשטעלט מיט די נייע נעמען און גוט אָפּגעהיטן, ס׳זאָל נישט אַריינפאַלן קיין טעות און ס׳זאָל, חלילה, נישט געמאַכט ווערן עפּעס אַן אומריכטיקייט אין דעם יחוס.

ר׳ יאַנקל האָט זיך נאָך אַלץ נישט געוואָלט פאַרלאָזן אויף זיך אַליין, און געבעטן דעם ר׳ נתנען פון דער דרוקעריי, ער זאָל נאָך אַ מאָל נאָכזוכן און איבערקוקן. דער ר׳ נתן איז אויך געווען אַ גרויסער קאָפּ־מענטש. ער האָט יעדעס יאָר אַליין צוזאַמענגעשטעלט אַ לוח ווען יעדן ערב שבת אָנצו־צינדן ליכט פּונקט צו דער רגע, אויסגערעכנט די נעכט מחדש צו זיין די לבנה, און ווען ס׳פאַלן אויס אַלע יום־טובים... אוי, ווו זענען זיי אַלע, ווו איז אונדזער יחוס?

— אָבער זי ווילן אַהיימפאָרן? זאָגן זי מיר, רבקהלע.

זי האָט איר געענטפערט, אַז זי וויל אַהיימקומען אין איר לאַנד אַריין, אין איר שטאָט אַריין. — און זי וועלן פאָרן מיט מיר צוזאַמען, רחלע, זי וועלן מיר העלפן דאָרט אַהינקומען?

רחלע האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן איר אויפן קלאָץ, געזעסן שטיל, ס׳איז איר שווער געווען עפּעס צו ענטפערן.

— וואָס זאָל איך איהן זאָגן, רבקהלע, אַ שווערע זאַך... שווער און ביטער אויף מיין געמיט.

— וואָס אַזוינס ?

— איך מוז וואַרטן אויף אַהרנען, מיין מאַן.

זיי האָבן ביידע געשוויגן. רבקהלע האָט שוין עפּעס פאַרשטאַנען.

— דאָ זע איך נישט קיין ווענט וואָס האָבן אויערן, אָבער אפשר האָט די לופט דאָ אויערן, די ביימער, דער קלאָץ אויף וועלכן מיר זיצן ? עס קאָן זיין, אַז די פייגעלעך וואָס זינגען אויף די ביימער זענען גאָרנישט קיין פייגעלעך — עס זענען דאָרט אַריינגעזעצט אַזעלכע מאַשינקעלעך צו זינגען, אָפּצוגענאַרן, אַז זיי זענען נישט קיין אויערן... ס׳איז אַלץ מעגלעך... איך וועל רעדן בלויז אין איהנס אויערן אַריין, רבקהלע. זיי גלייב איך... מיין אַהרן איז אַוועקגעשיקט, פאַרשיקט, ער זיצט. איך מוז וואַרטן אויף אים.

— וואָס איז געשען ?

— אַ קשיה ! ס׳מוז דען זיין עפּעס געשען ? ער האָט נישט געוואָלט נעמען קאָ׳פּאָס דאָ צו בלייבן. ער איז אַ פרומער ייִד — האָט ער זיי געזאָגט. „דאָ צו בלייבן איז נישט פאַר מיר״.

— און וואָס האָסטו דאָרט געטאָן אין דיין לאַנד ? — האָט מען אים געפאָרשט.

— איך האָב פאַרקויפט כּשרע מילך פון דער מעלק.

— אַהאַ, אַ סוחר, אַ בורזשוי !

— און ווייסן זי וואָס סאָרע סוחר און בורזשוי ער איז געווען, מיין אַהרן ? אויפגעשטאַנען אין מיטן דער נאַכט, געגאַנגען צו דער מעלק, און דערנאָך, פאַר טאָגס, מיט די צוויי קאַנען אין ביידע הענט, געקראָכן אויף די הילצערנע שטאָקן און אָנגעקלאַפּט אין די טירן. מירן נישט געווינט אין די רייכע געגנטן ווו מען האָט געטרונקען מילך צו גאַנצע גלעזער מיט אַ מאָל. מ׳האָט פאַר אים געעפנט די טיר, אַרויסגעשטעקט אַ טעפּל, אַ פענדל און זיך געהייסן איינגיסן אַ קוואַרטירל פאַר אַ קינד, פאַר אַ קראַנקן. אַ האַלבע קוואַרט איז שוין געווען אַ גוט לייזעכץ. און אַז מ׳האָט אים געזאָגט ס׳איז יעצט נישטאָ צו באַצאָלן, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: עט זיין מאָרגן, אַנישט ׳עט גאָט שוין באַצאָלן.

— אַהרן האָט זיי דאָס פֿאַרציילט, האָבן זיי אַ געשריי געטאָן: „ווי־אַש! (טשאַקעסט, זאָגסט ליגן). דיין געל בערדל זאָגט, אַז דו ביסט אַ ליגנער. מען קאָן שוין אייערע מעשׂיות און אייער בלאָפֿן צו פֿאַרשטעלן דעם אמת... נאָך וואָס ביסטו געקראָכן אין די נעכט אויף די שטאָקן? אין געהיים צו בונ־טעווען קעגן אונדזער מאַכט! אַהאַ, זיך אַליין פֿאַררעדט... קעגן אונדז זענען נישטאָ קיין חכמים, עס גייט נישט אָן דאָס אַליין זיך מאַכן פֿאַר אַ נאַר. זאָג בעסער וויפֿל מ׳האָט דיר באַצאָלט זאָלסט דאָ אַהערקומען און האָבן טענות ווילסט דאָ נישט בלייבן, ביסט אַ פּרומער, ס׳זאָל זיין אַ תּירוץ צו קאָנען צוריקפֿאָרן און זיי אַלץ איבערגעבן?...״ — — — — ער האָט זיי פֿאַר־ציילט, אַהרן, ווי מיר זעמער געלעגן ביי דער גרענעץ מיט אָפּגעפּרוירענע הענט און פֿיס און געוואַרט מ׳זאָל עפֿענען דעם שלאַבאַן צו קאָנען אַרי־בערגיין...

— יאָ, עפֿענען דעם שלאַבאַן, ווי מען וואַרט ביי תּיקון־שבֿועות, אַז דער הימל זאָל זיך שפּאַלטן און אַראָפּשיקן ישועות פֿאַר אונדזער פֿאָלק — האָט רבקהלע אַריינגעוואָרפֿן אירס אַ זאָג.

— ער האָט זיי געוויזן, אהרן, די אָפּגעפּרוירענע פֿינגער פֿון די פֿיס, האָבן זיי אים אויף דעם נאָך אָנגעטאָן צרות און געלאַכט, אַז ער האָט זיך דאָס אַליין געמאַכט אָפּצוגעבן זייער „וולאַסט״... „פֿאַר געלט טוט, אײַר׳ אַלץ״... אונדז האָ׳מיר דעמאָלט געגעכטיקט אין אַ שטאַל, נישט געהאַט קיין אַנדער אָרט, און ביז אין דער האַלבער נאַכט האָט ער מיר אַלץ פֿאַר־ציילט ווי דאָס אַלץ איז דאָרט פֿאַרגעקומען און מירן נאָר אָנגעהויבן איינצו־דרימלען, רייסט מען זיך אַריין, מיט די עלעקטרישע לעמפּלעך גלייך אין די אויגן אַרייַן, און מ׳האָט אים צוגענומען... מ׳זאָגט מ׳לאָזט זיי יעצט אָפּ. איך מוז וואַרטן אויף אים!

— און פֿון די קינדער ווייסן זי עפּעס?

— אונדז האָבן נישט קאָ׳קינדער, רבקהלע. מירן אָפּגעוואַרט די צען יאָר לויטן דין און ער זאָגט צו מיר: „איך בין דער שולדיקער, כ׳וועל דיר געבן אַ גט און וועסט האָבן קינדער פֿון אַ צווייטן מאַן״. זאָג איך צו אים „אַהרעשי, איך בין די שולדיקע, וועסט מיר געבן אַ גט, וועסט חתונה האָבן און האָבן קינדער פֿון יענעם ווייב״. איך האָב נישט געוואָלט און ער האָט

נישט געוואָלט און אונדז זענען ווייטער געבליבן אַזוי ווי ס'איז געווען... וועל איך יעצט פאַרן אַליין און איבערלאָזן אַהרלען! כ'וועל אומעטום נאָכ־פרעגן — אפשר וועט מיר דער פאַראיין צוהעלפן?...

— זאָל איהן גאָט העלפן... דאָס לאַנד דאָ איז אַ יַם, טיף און גרויס, שווער עפּעס צו געפינען, און דער מענטש איז דער קלענסטער עפּעס, דערפאַר אַמשווערסטן אַרויסצונעמען... נאָר דער אין הימל קאָן איהן העלפן, רחלע...

טז

רחלע האָט זיך אויפגעשטעלט, אַוועקגעגאַנגען ערגעץ אין אַ ווינקל ווו קיין אויג זאָל דאָרט ניט דערגרייכן און צוריקגעקומען מיט אַ פאַרקוועטשט פּאַפּירל אין דער האַנט:

— רבקהלע, זי קאָנען בעסער די אותיות, לייענען זי איבער וועלן זי וויסן און איך וועל אויך בעסער וויסן.

רבקהלע האָט אַרויפגעלייגט דאָס פּאַפּירל אויף דער האַנט און עס אויסגעגלעט מיט דער צווייטער האַנט. עס איז איר אָנגעקומען שווערלעך דאָס לייענען, דאָס אַרויסבאַקומען די אותיות און די ווערטער. אַחוץ וואָס די אויגן זענען שוין נישט אַזוי גוט געווען, געוואָרן שוואַכער צו לייענען — און ווו קריגט מען דאָ אַ פּאָר ברילן? — איז דאָס בריוול געווען געשריבן אויף אַ שטיקל צייטונג־פּאַפּיר, צווישן די שורות פון רוסישע ווערטער. זי האָט עס געהאַלטן אַ ביסל פון דער ווייטנס, שטאַרק אַריינגעקוקט אין דעם און אירע, רבקהלעס, קלוגע און געלערנטע אויגן, האָבן זיך שוין אַן עצה געגעבן, אַרויסגעקריגן דאָ אַן אות, דאָ אַ וואָרט, און האָט עס צוזאַמענ־געשטעלט:

„לזוגתי היקרה — והצנועה מרת רחל'ע שתחיה, זיי דיך נישט מצער — איך עס נישט קיין טרפות. איך עס דאָס שטיקל ברויט וואָס מען גיט מיר פאַרן אַרבעטן און דאָס וואָס זיי רופן אָן זופּ — איז אַריינגעטאָן אין וואַסער עפּעס אַזאַ מין בלאָטע, אַז ס'איז מיאוס און מוקצה צו קוקן דערויף, טרינק איך פּשוט וואַסער. ——— וואַרט אויף מיר, השם יתברך וועט העלפן און איך וועל דיך אם ירצה השם געפינען———".

— רבקהלע, הערן זי, נאָר איהנס אויערן גלייב איך... איך ווייס נישט ווי אַזוי ער האָט מיך געפינען... ניסים... דאָס פּאַפּירל האָט מיר געגעבן אַ שטעק אונטער איינער, אַ מיליטערישער, שיין אָנגעטאָן, זיכער אַן עלטסטער ביי זיי. „נאַ, נעם און שווייג". — איך האָב אים געוואָלט עפּעס פרעגן, האָט ער אַ געשריי געטאָן: „מאַלטשאַט!", האַלטן דאָס מויל, הייסט דאָס, און ער איז שוין פאַרשווונדן — מ'האָט עמעצן געזען אָנקומען פון דער ווייטנס.

— זעען זי, רבקהלע, ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט און ער האָט אים צוגעפירט צו מיר, און שוין נישטאָ מער ביי וועמען צו פרעגן... פון אויבן אָנגעטאָן קאַזיאָנע מיט אַ „מאַלטשאַט!" אין מויל, און אונטער דעם ליגט אַ האַרץ. דאָס שלעכטע איז דאָ פאַרשטעלט און דאָס גוטע איז דאָ פאַרשטעלט. אַז מ'וויל עמעצן שלעכטס טאָן שמייכלט מען צו אים, ער זאָל זיך נישט ריכטן וואָס מ'גייט מיט אים טאָן, און אַז מ'וויל עמעצן גוטס טאָן שרייט מען: „מאַלטשאַט!". דער „מאַלטשאַט!" איז פאַר איינעם גוט און פאַר איינעם אַן אומגליק... איידער מ'האָט אים צוגענומען האָט אַהרון מיר נאָך דערציילט, אַז נאָך דער אויספאָרשונג זענען זיי געוואָרן אין גאַנצן אַנדערש, גאָר געשמייכלט צו אים, געוואָלט אים געבן אַ פּאַפּיראָס, זאַקוריט', רופן זיי דאָס, און מיט אַ געלעכטערל געפרעגט אפשר וויל ער עסן אַ בולקעלע מיט אַ גוט שטיקל חזיר־פלייש, ס'איז כשר חזיר־פלייש. זיי האָבן אים שוין געזאָגט „איר". — „איר זענט דאָך הונגעריק". און אַז ער האָט נישט געוואָלט האָבן זיי צו אים געזאָגט: „אידי, אידי", גיי, גיי, הייסט דאָס, און האָבן אים אַרויסגעלאָזט און פאַר אים נאָך אַליין געעפנט די טיר, נאָר צוגעגעבן אַ „מאַלטשאַט!", ער זאָל פאַר קיינעם קיין פּיפּס נישט טאָן וואָס דאָ איז פאָרגעקומען... און... דערנאָך... ביי נאַכט... איך מוז וואַרטן אויף אַהרנען... פאָרן זי געזונטערהייט, רבקהלע, איך וועל איהן צוהעלפן...

רבקהלע האָט זיך אויסגעווישט אַ טרער מיט דער פּאָלע און האָט נאָך געהאַט עפּעס צו זאָגן רחלען:

— ...דער רב און דער דיין אַליין האָבן אים געגעבן סמיכה אויף דעם בריוו און געזאָגט ס'איז כשר וישר. אויך רבנים און לומדים פון אַנדערע שטעט האָבן געשריבן צו ר' יאַנקלען ווערטער פון לויב און שבחים דאָס ער איז אַ בקי אין די יידישע דורות און זיין יחוס־בריוו איז אַ וויכטיקער

זכרונות־באַווייז פון אונדזער פּאָלק און אַז ער שטעלט שיין צו די נייע דורות די קייט פון ייִדישן יִחוס זאָל פאַרלענגערט ווערן... זיי ווינטשן אים דערביי אַריכות־ימים און ער זאָל נאָך געהאָלפן ווערן מיט אַ סך אייניקלעך און אוראייניקלעך און — ס׳זאָל אייך באַשערט ווערן דאָס וויכטיקע געשריפטס נאָך אַ סך צו פאַרלענגערן...

ביידע ווייבער, רבקהלע און רחלע, זענען זיך געפאַלן אויף די העלדזער ווי אין די נעכט נאָך כּל נדרי און נאָך נעילה און מען האָט געהערט די ווערטער... „ר׳ יאַנקל... אריכות ימים... אייניקלעך און אוראייניקלעך... שלמהלע, איין איינציק אייניקל, ר׳ יאַנקלס... ווּ ביסטו, שלמהלע?..."

— ...אַהרן, ווי זעט מען דיך שוין פאַר די אויגן!...

יז

רחלע האָט פאַר איר באַזאָרגט אַלץ וואָס זי האָט נאָר געקאָנט און זי צוגעפירט צו דער באַן. זי האָט דאָרט געבעטן די ייִדן וואָס זענען אויך צוריקגעפאָרן זיי זאָלן אַכטונג געבן אויף איר, אויף רבקהלען, און צוהעלפן ווי ווייט מעגלעך.

אַמאָליקע צייטן, ערשט נישט לאַנג איז דאָס געווען, זענען אַזעלכע ייִדן אַנדערש געפאָרן אויף די באַנען. מערסטנס לייטיש אָנגעטאָן, מיט גוטע וואַליזקעס, מיט אַנדערע פּנימער. אַ סך פון זיי מיט בערד און בערדלעך, אַמאָל אויך געווען אַ ביסל פריילעך. צווישן דאגות און חלומות וועגן ישועות האָט מען זיך דערציילט מעשׂיות און גערעדט אָן אַ שיעור.

יעצט זענען די בערד נישט געווען קיין בערד, נאָר די פּנימער באַוואַקסן פון נישט האָבן קיין געמיט זיך צו גאָלן אָדער נישט האָבן מיט וואָס.

די זעלבע ייִדן, נאָר כּמעט אַלע האָבן זיי אויסגעזען ווי שלעפּערס, ווי בעטלערס, טייל אָנגעטאָן אין אַ געמיש פון מאָדעס און שטייגערס לויט פאַרשידענע לענדער, פון היינט און פאַרצייטנס מיט צענדליקער אָדער אַפילו מיט הונדערטער יאָרן צוריק. די זעק און פּעק זענען געווען צעריסענע, אַרומגעבונדענע און ייִדן זענען געזעסן אויף זיי מיט געמיטער פון אבלים, וואָס די באַוואַקסענע פּנימער, הגם נישט באַוואַקסן פאַר דער דאָזיקער כּוונה, האָבן שוין עדות געזאָגט אויף דער אֲבלות. די אויגן פולע מיט טרויער

און זאָרג, מיט דורשטיקן נייגער, פאַרצווייפלט פון פּחד, וואָס עס דערוואַרט זיי צו זען ווען זיי וועלן אַראָפּגיין פון דער באַן.

ביים סוף פון די סטאַציעס האָט זי, רבקהלע, אַן אומרויִקע, אַן אומגע־דולדיקע, זיך געהאַלטן אין איין פרעגן צי דאָ איז עס שוין?

מען האָט איר אַלץ געענטפערט: באַלד, באַלד, און זי איז געוואָרן נאָך אומרויִקער, ביז מען האָט איר געגעבן אַ זאָג:

— שוין, שוין, דאָ דאַרפן זי אַראָפּגיין, דאָס איז די שטאָט.

די באַן איז אַוועק ווייטער, זי איז אַדורכגעגאַנגען אַן אויף דערווייל אויפגעשטעלט הייזל און געבליבן שטיין אויף אַ פעלד. זי האָט געמיינט אַז זי וועט דערקענען די הייזער און וויסן ווו צו גיין, האָט אָבער גאָרנישט געוווּסט ווו זי איז. זי האָט עפּעס יאָ דערקענט אַ הויז הינטער דער שטאָט, אַפילו אַ בוים האָט זי דערקענט, אָבער ווו אַרום אַריינצוגיין אין דער שטאָט האָט זי נישט געזען. נישט די גרויסע הייזער, נישט די גאַסן. נעבן אַ בוים מיט אָפּגעברענטע צווייגן זיינען געזעסן צוויי יונגע מיידלעך. זי האָט געמיינט אפשר האָט זי פאַרבלאָנדזשעט, און געפרעגט:

— קינדערלעך, ווו גייט מען דאָ אין שטאָט אַריין?

— איר זענט דאָך אין דער שטאָט, באָבעשי.

— חוזקט נישט, קינדערלעך פון אַן אַלטער מאַמען. די מאַמע איז נישט חסר־דעה, נאָר פול מיט יסורים. זאָגט, איך בעט אייך, ווו גייט מען דאָ אין שטאָט אַריין?

די מיידלעך האָבן זיך אויפגעשטעלט. איינע איז געווען אַ טונקל־ברוינע, אַ שאַטינקע, רופט מען דאָס, און די אַנדערע מיט האָר ווי ווייצענע זאַנגען, רייפע, גאָלדענע, און פון דער ליכטיקער הויט אויפן פּנים האָט ראָזלעך אַדורכגעשיינט דאָס בלוט. די ערשטע האָט אַ געשריי געטאָן:

— מאַרישאַ, אַנטלויף, דאָס איז אַ מכשפה, זי וועט אונדז צוכאַפּן.

— קרישאַ, הער אויף, איך ווייס ווער דאָס איז. די מאַמושאַ זאָגט ס׳איז אַ רחמנות אויף „זיי״, — און זי, מאַרישאַ, דאָס העלע מיידל, האָט אַרויס־גענומען פון שולראַנ׳יעץ אַ זעמל און איר צוגעטראָגן, רבקהלען.

— יאָ, יאָ, דאָס איז די שטאָט. די הייזער זענען אומגעוואָרפן און די שטאָט ליגט אויף דער ערד.

די זעמל איז געווען אַדורכגעשניטן און זי האָט געוואָלט אַ שמעק טאָן אפשר איז זי אָנגעשמירט מיט עפּעס נישט כּשרס, אָבער כּדי געגונגן צו טאָן דעם גוטן מיידל האָט זי די זעמל צוגעטאָן צו די ליפּן בלויז פון דער דרויסנדיקער זייט.

— די מיידלעך זענען אַוועקגעגאַנגען און זי האָט זיי נאָכגעקוקט:

— מ׳קאָן שוין מער גאָרנישט וויסן ווער ס׳איז עמעצער! אַלץ איז אויסגעמישט. געמיינט, אַז די טונקעלע איז אַ ייִדיש קינד און די העלע פאַרקערט, און דאָ איז די טונקעלע אָנגעשטעקט מיט רשעות און די אַנדערע וואָס זעט אויס ווי אַן אמתדיק שיקסל האָט גאָר רחמנות.

יח

אַז מען וואַנדערט און מען וואָגלט דערוויסט מען זיך אַ סך.

זי האָט זיך דערנענטערט אַלץ מער צו די בערג מיט די צעבראָכענע שטיקער שטאָט, האָט זיך געהיטן נישט אַרויפצוטרעטן אויף אַ שערבל מויער, אויף אַ ציגל, ווי מען ציטערט נישט אַרויפצוטרעטן אויף אַ סידור, אַ מחזור, אויף אַ הייליק ספר. און טאָמער וועט דער פוס אָנטרעפן אויף עפּעס אויף וואָס עס איז געפאַלן אַ טרער אָדער איז באַקלעפּט מיט אַ פּיצל מענטשלעכן גוף?

זי איז געגאַנגען מיט וועגלעך און שטעגלעך, אַוועק זייטיק פון דער שטאָט, געהאַלטן זיך ביי די ברעגן, געקומען צו אַ ברייטערן וועג אויסער דער שטאָט, ווו עס האָבן זיך געצויגן שורות נידעריקע הייזער.

עס האָבן זיך געעפנט פענצטער, מען איז אַרויס פון טירן, איר נאָכגע־קוקט און אָנגעוויזן ווי אויף אַ בייז ווונדער:

— שוין ווידער איינע, ווידער אַ לעבעדיקע אַרויס פון קוימען!...

— טייוואָלאָנים, נישט קיין מענטשן...

— עפּעס אַ כּוח ליגט אין זיי, נישט צו פאַרשטיין.

מען איז אַפילו צוגעקומען צו איר אַ ביסל רעדן. טייל מיט רחמנות, טייל מיט הנאָה ווי אַזאַ מענטש האָט דעמאָלט אויסגעזען און ווי דאָס זעט איצט אויס. געוואָרן אין גאַנצן אַן אַנדער באַשעפעניש, אַז ס׳איז נישטאָ מיט וועמען זיך צו רעכענען. און ווי לאַנג האָט געדויערט? עפּעס ווי פון

נעכטן אויף היינט. טייל האָבן געקוקט אויף איר מיט האַס און חוזק און אַנדערע — בלויז מיט די אויגן זי צו פאַרגיפטן. יאָ, זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, רבקהלע, אַלץ פאַרטראַגן, אויסגעהערט, זיך אויסגעפרעגט און זייער אַ סך זיך דערוויסט, סיי פון די וואָס האָבן גערעדט מיט בייזקייט און סיי פון די וואָס האָבן הנאָה געהאַט צו קוקן אויף איר אויסזען, און נאָך מער פון די וועלכע זענען צוגעקומען פשוט רעדן, צו דערציילן וועגן די גליקן און אומגליקן, וועגן די אינטערעסאַנטע זאַכן וואָס זענען דאָ פאַרגעקומען, וואָס אַזעלכעס קאָן מען זען נאָר איין מאָל אין לעבן.

איינע מיט אַ טוך אויף די אַקסלען, אַ פשוטע פרוי, אַ הויז־באַלעבאָסטע, נישט קיין שטאַרק אַנגעגעסענע, נישט קיין דאַרע, מיט אַ בעסערן אויסזען, פון אירע בלויע אויגן האָט אַרויסגעשפּיגלט אַ גוטהאַרציקייט. זי האָט גערעדט מיט איר ווי מיט אַן אייגענע, לאַנג געשמועסט, אַפילו אַרויסגעברענגט פון שטוב אַ שטיקל ברויט, ווייל קיין זופּ האָט זי נישט געוואָלט, רבקהלע, אַ טרונק וואַסער יאָ. זי האָט געזען אַז דאָס איז אַ מענטש מיט וועמען מען קאָן זיך אויסשמועסן און זי, רבקהלע, האָט זי געפרעגט אויף פּויליש, אַזוי ווי זי האָט געקאָנט:

— זאָגן זי מיר?... איך פאַרשטיי שוין גאָרנישט! דאָס ביסל מענטשהייט איז אויסגעמישט ווי אַ טאָפּ געקעכטס. מען ווייסט נישט וועלכעס עס איז די גריץ און וועלכעס דאָס קליסקעלע?... זאָגן זי מיר, וואָס זענען זי?... אַ ???... אָדער אַ ???... — זי האָט נישט געקאָנט אַרויסברענגען די ווערטער פון מויל, אָבער יענע האָט פאַרשטאַנען און איר געענטפערט פשוט ווי זי איז געווען:

— מען מישט און מישט דאָס געקעכטס און מען מיינט, אַז זיי אַלע זענען שוין אַראָפּ אונטן, די זשידעס, מיין איך, און יעצט קומען זיי ווידער אַרויף אויבן.

יט

אַזוי איז זי אַרומגעקראָכן טעג מיט טעג. אויף ביי נאַכט האָט זי זיך אויסגעפונען אַן אָרט מיט אַ ביסל גראָז און דאָרט זיך אַוועקגעלייגט אין די מלבושים.

אַ צווייט מאָל האָט זי אָנגעטראָפֿן מענער מיט לאַנגע וואָנצעס אונטער דער נאָז, איינגעטיילט ווי צוויי שווענץ, איינער מיטן שפּיץ צו איין באַק און דער אַנדערער מיטן שפּיץ צו דער צווייטער באַק. זיי האָבן געטראָגן בלויע היטלעך מיט גלאַנציקע דאַשקעס, און פֿויערישע פֿאַרבלאָטיקטע שטיוול. אויסגעפּאַסט, אַז קיינער זאָל נישט זיין דערביי, האָבן זיי גערעדט צו איר פּשוט אויף ייִדיש.

— פֿון וואַנעט רעדט עטץ אַזוי גוט ייִדיש?

איינער האָט געענטפֿערט, אַז ער איז געווען אַ שבת־גוי אין ייִדישע שטובן און יעדן פֿאַר פּסח האָט ער אָפּגעקויפֿט דעם חמץ און דער אַנדערער האָט איר געזאָגט, אַז ער איז לאַנגע יאָרן געווען אַ סטרוזש אין ייִדישע הייזער.

אָבער זי האָט זיך פֿאַר זיי געהיטן, זיי נישט געגלייבט, הגם זיי האָבן זי געוואָלט צופֿירן צו ערטער ווו עס האָבן זיך שוין צוזאַמענגענומען צוריק־געקומענע ייִדן.

פֿאַרבייגייענדיק אַ הילצערן הויז, געמאָלן אויף רויט, האָט איר אַ קוועטש געטאָן ביים האַרץ. אפשר איז עס געמאָלן מיט ייִדיש בלוט?

אויפֿן פֿענצטער־ברעטל מיט די פּיס אינעווייניק אין דער שטוב אַריין און מיטן פּנים צום דרויסן, איז געזעסן איינער וואָס האָט געהייסן יאַנעק. ער האָט זיך געוואָלט מאַכן אַ שפּיל און צילן אין איר אַריין, ווי מען שיסט אין אַ פֿייגעלע אין דער לופֿטן אָדער אין אַ בלעטל אויפֿן שפּיץ פֿון אַ צווייג. גלאַט אַזוי צו פּרוּוון צי ער וועט טרעפֿן אין ציל.

ער האָט זיך אַוודאי געהאַט זיין אופֿן פֿון פֿאַרשטיין, דער יאַנעק. אַז מען פֿאַרכאַפּט יענעמס אַ הינדל איז עס אַ גניבה, מען שיסט אין אַ הינדל איז עס אַ שאָדן, אָבער אין אַזאַ ייִדישקע, אין אַזאַ שלעפּערין — וואָס פֿאַר אַ שאָדן איז דאָס?

נאָר די פֿרוי נעבן אים האָט זי אָפּגעראַטעוועט, רבקהן. זי האָט אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט:

— יאַנקו, שוטה איינער, דורען׳, זשאַלעוועסט איר די צרות, זיי זענען דיר אַ שאָד? זאָל זי זיך מאָרדעווען — וואָס לענגער איז בעסער... קיין געלט וועסטו ביי איר סיי ווי נישט געפֿינען...

און רבקהלע האָט גערעדט צו זיך אַליין, געגוג הויך, יעדער האָט געקאָנט הערן:

— ...האָבן מיר געשענקט די צרות, ווילן זיי נישט צונעמען ביי מיר... ריכטיק אַזוי! פאַר וואָס קומען מיר נישט קיין צרות? אונדזערע קינדער האָבן מער געליטן, פאַר וואָס קומט מיר געשווינט צו ווערן בעסער פון זיי?...

זי האָט זיך אומגעקערט, אַ ביסל צוריקגעגאַנגען און אַהינגעשריגן צו זיי דאָרט אין רויטן הייזל:

— אַ העלד זיך געפונען, מיר געשענקט די צרות... איך קאָן אים שענקען מיין געמיט און זאָל ער זיך אַרומדרייען אַ הפקרער צווישן וועלף — וועט ער זיין אַ גרעסערער העלד.

דער יאַנעק האָט געלאַכט צו איר, זיך גערייצט, געמיינט, אַז זי איז טאַקע חסר דעה, אַ שטיק משוגעת.

קליינוואַרג האָט איר נאָכגעשריגן, חוזק געמאַכט, נאָכגעוואָרפן שטיינד־לעך.

— גוט אַזוי, קינדערלעך, פאַרשעמט וואָס מער די ייִדישקע, פייניקט זי... אונדזערע האָט מען אָנגעטאָן מער חרפות, מער געפייניקט ביז זיי זענען אויסגעגאַנגען, פאַר וואָס קומט דאָס מיר נישט!?

אויף איין אָרט האָט מען אויף איר אָנגערייצט אַ הונט. ער איז געבליבן שטיין פון דער ווייטנס. מען האָט אים אונטערגעטריבן, אָבער ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. זי, רבקהלע, האָט אים דערמוטיקט:

— קום נענטער, כאַפּ אָן ביי אַ פּאָלע... אפשר וועסטו נאָך געפינען אַ אַ שטיקל פלייש אויף אַ פוס, אַנישט האָסטו דאָך אַ ביין אויך ליב...

דער הונט האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו קאָנען בעסער איר קוקן אין פּנים אַריין. די חברה האָט אַוודאי געמיינט, אַז ער קוקט אַזוי מיט ישוב הדעת און גרייט זיך צו געבן דעם שפּרונג אויף איר. אָבער ווי צו ווען בעסער אויסהערן אירע רייד, האָט ער אויסגעצויגן די שמאָלע, לאַנגע מאָרדע, זי ביסלעך, פלאַך געעפנט און פאַרמאַכט, אַרויסגעברענגט פון האַלדז קורצע, אָפּגעהאַקטע, קוויטשענדיק־דערשטיקטע בילעכלעך: האַו־האַו־האַו. ס׳איז געווען עפּעס אַזאַ ענטפערן ווי מיט מענטשלעכע ווערטער, נאָר מען פאַר־שטייט נישט די שפּראַך. דערנאָך האָט ער הויך אַ יאָמערדיקן האַווקע געטאָן,

זיך געגעבן אַ דריי אויס און אַנטלאָפן מיט אַ האַרצרייסנדיק וואָיען.

— כאָטש ביי עמעצן געפונען אַ מענטשלעך האַרץ — האָט זי, רבקהלע, אַ זאָג געטאָן... — אין מיין פנים אַוודאי זיך דערמאָנט ווי אַזוי מען האָט פאַרפייניקט דאָס יינגל אָדער מיידל, צי עמעצן אַנדערש, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט אים, געשפּילט, געקעכלט... אַזאַ הונט האָט אַ געפיל, רח־מנות...

כ

אַ טעפּעלע מילך קאָן אויך אַ מאָל באַשטימען דעם גורל פון אַ יידיש קינד.

פאַרבייגייענדיק אַ הילצערן הייזל, געפאַרבט אויף גרין, מיט ברוינע לעדן, האָט זי געהערט אַ רופן:

— מאַ — מאַ, מאַ־מאַ... וואַר — טן...

אין דער אָפענער טיר איז געשטאַנען אַ מיידעלע, אַרומגעהאַלטן מיטביידע הענט, מסתמא, אַ טעפּעלע אָדער אַ גלאָז, און לאַנגזאַם, פאָרזיכטיק נישט עפּעס צו פאַרגיסן, אַראָפּגעגאַנגען פון די דריי הילצערנע שטיגלעך. זי האָט זיך דערנענטערט צו איר, רבקהלען. לויטן פאַרקוועטשן דאָס פּנימל האָט מען אָנגעזען, אַז די הענטלעך פון מיידעלע ווערן אָנגעבריט ביז ווייטיק, האָט זיי אָבער נישט געוואָלט לויז מאַכן, כדי דאָס וואָס איז אין טעפּעלע זאָל נישט ווערן אָפּגעקילט.

— אי... אי... טרינ־קען... פריש מילך... — האָט זיך געהערט פון דעם מיידעלע שטיקלעך ווערטער.

זי האָט נישט באַלד גענומען דאָס טעפּעלע, נאָר מיט אירע הענט אַרומ־געהאַלטן דעם קינדס הענטלעך וואָס האָבן געהאַט די וואַרעמקייט עפּעס פון איידל, יידיש בלוט. דערנאָך האָט זי צוגעטאָן דאָס טעפּל צום מויל, געטרונקען אַ שלוק און אַ שלוק פון דער נאָך הייסער, מחיהדיקער מילך און ביידע האָבן זיך געקוקט אין די אויגן אַריין. דאָס מיידעלע האָט אויס־געזען פון אַ יאָר אַכט־ניין, פאַרנאַכלעסיקט, פאַרוואָרלאָזט, נישט ריין, צע־שויבערט, און האָט קוים אַרויסגעשטאַמלט אַ וואָרט צוגעמישט מיט נישט מענטשלעכע קלאַנגען.

— וואָס גאַפּיעסט דו זיך דאָרט! שוין אַהער גיי, שציערוואָ! — האָט מיט אַ בייז קול זיך געהערט אַ רופן דורכן פענצטער פון הייזל.

— שוין, שוין, טשאָטשאַ יאַנינאַ — די ווערטער האָט דאָס מיידל אַרויס־געזאָגט גלאָטיקער, פאַרשטענדלעכער.

זי, רבקהלע, איז געגאַנגען ווייטער. פאַרנאַכט איז איר געוואָרן קאַלט און האָט דורך די פענצטער און ביי מענטשן פאַר די שטובער געבעטן עפּעס אַ זאַך אָנצוטאָן זיך צו דערוואַרעמען. מערסטנס האָט מען איר געענטפערט: וואָן פון דאַנען! געגאַנגען ווייטער! געגאַנגען...

אין מיטן גיין איז איר אַ פאַל געטאָן אין קאָפּ אַריין אַ האַרט פּעקל, אַז זי איז אומגעפאַלן. — „נאַ, שלעפּעריך, פענטאַטשקאַ!"

זי האָט אויפגעוויקלט דאָס פּעקל און ס'איז געווען אַ פאַלטן פון טונקל־גראַנאַטענעם קאָרט מיט אַ בלוי, סאַמעטן קעלנערל. פונקט אַזאַ פאַלטן האָט אין די קילע טעג געטראָגן ר' יאַנקל, נאָר יענער איז געווען אויסגעפּוצט, ריין, נייער.

— ווען זיי האָבן צוגערויבט דאָס גאַנצע האָב און גוטס אונדזערס, זענען זיי געווען די בכבודיקע מענטשן, און יעצט ווען זיי וואַרפן צוריק אַן אַלטן פאַלטן איז זי די פענטאַטשקע, די שלעפּעריך. — האָבן רחמנות, שענקען צוריק אַ טראָפּעלע פון דער גזילה, נאָר מיט אַ זעץ אין קאָפּ אַריין און מיט דער הנאה פון דער באַליידיקונג אין דעם... ס'שאַדט נישט, ס'שאַדט נישט — האָט זי גערעדט צו זיך אַליין — זי וויל די חרפּות, זי דאַרף זיי, זאָל מען איר אויך פאַרגיסן דאָס בלוט — כאָטש אַליין אויך פילן אַ ביסל דעם טעם פון יענע...

דער פאַלטן איז געווען לאַנג אויף איר, געגרייכט ביז צו די קנעכלעך. זי האָט פאַרלייגט אַ פאָלע איבער אַ פאָלע, אים ענג צוזאַמענגעצויגן אַרום זיך, און ער האָט געוואַרעמט מיט אַ יידישער וואַרעמקייט, מיט ר' יאַנקלס וואַרעמקייט. אויך פון אַ מלבוש, אין וועלכן מען האָט מקיים געווען מצוות, גייט נישט אַרויס די וואַרעמקייט פון דער יידישער נשמה.

זי האָט שוין געפילט די מחיה פון ליגן אין דעם פאַלטן ביי נאַכט און נישט ציטערן פון קעלט. אַז ס'איז נאָר פינצטער געוואָרן איז זי אַוועק־געגאַנגען ערגעץ אין אַ זייט, אויסגעזוכט אַן אָרט און זיך געלייגט.

צי זי האָט שוין לאַנג געדרימלט אָדער געשלאָפן, צי דער קאָפּ איז איר געווען צעחושט, צעטומלט פון די טראַכטענישן, אָבער עמעצער האָט מיט אַ לייכט אָנרירן, איין מאָל און נאָך אַ מאָל, זי אויפגעוועקט:

— איך... זיין מיט דיר... זיין מיט דיר.

זי האָט זיך אויפגעזעצט, מיט די הענט צוזאַמענגעקוועטשט דעם שטערן צו זיך צו קומען און ביים ליכט פון האַלב־בייגעלע פון דער לבנה דערזען דאָס מיידעלע.

— ווער ביסטו?

— איך... טעפּעלע מילך... — דאָס קינד האָט קוים געשטאַמלט און זיך געטוליעט צו איר ווי אַן איינזאַם, אומבאַהאָלפן חיהלע.

— ווער ביסטו, קינד? — האָט זי נאָך אַ מאָל געפרעגט.

— איך... שטאָל... בהמה, הינער... מייז...

לאַנגע שעהען, ביז דער הימל האָט גענומען העלער ווערן, האָט זי אויסגעפרעגט דאָס מיידעלע און געהערט פון איר שטיקלעך, פּיצלעך ווער־טער, אַרויסגעברענגט מיט אַ פּישטשען, מרוקען, קוויטשען — עפּעס אַ געמיש פון קלאַנגען וואָס קומען אַרויס פון בהמות, עופות...

זי איז דערגאַנגען פון איר, אַז זי וווינט אין אַ שטאָל שוין אַ לאַנגע צייט, ווי לאַנג ווייסט זי נישט, ווער עס האָט זי דאָ אַהערגעברענגט ווייסט זי אויך נישט. צי זי דאַרף האָבן אַ טאַטע אָדער אַ מאַמע, דאָס ליגט גאָרנישט ביי איר אין קאָפּ. ווי זי הייסט? מען האָט זי גערופן שוויִניאַ, שציערוואַ, און ווען ס'זענען אַוועק די וואָס האָבן געהרגעט און געשלאָגן, האָט מען זי אויך אָנגעהויבן צו רופן: זשידוווּאַ. אַז זי האָט געוואָלט זיין אַ ביסל צווישן מענטשן, אָנוואַרעמען זיך ביים אייוועלע, האָט מען זי אַרויסגעיאָגט פון דער שטוב: וואָן פון דאַנען, בידלאָ, דיין אָרט איז אין שטאָל. ווען מען האָט זי מיטגענומען אין קאָשטשאָל אַריין, האָט מען זי געשטויסן, געשטורכעט, אַז זי קניט נישט גוט, פאַרלייגט נישט גוט די הענט...

איר רעדן איז געווען אַזאַ מעקען און רעווען מיט אַ שטיל קול, אַזאַ צונג ביי איר שוין געווען, זיך אָנגעשטעקט ביי די מיט וועמען זי האָט געוווינט אין שטאָל, געגאַנגען מיט זיי אויף דער פּאַשע, אָבער זי האָט אַלץ אַרויסגעברענגט מיט אַ מענטשלעכן שׂכל.

און דאָס קינד האָט זיך צוגעדריקט צו איר, רבקהלען, אַז זי וויל נישט קניִען אַזוי ווי זיי און נישט אַזוי פֿאַרלייגן די הענט.

— קינד מיינס, אונדזער גאָט ברוך הוא ליגט דיר אין בלוט און דיין קעפּל טראַכט ווי אַ מענטש.

און נאָך האָט זי זיך דערוווּסט פֿון דעם מיידעלע, אַז ווען זי, רבקהלע, איז פֿאַרבייגעגאַנגען דאָס הויז, האָט די טשאַטשאַ יאַנינאַ, זי גערופֿן: קום אַהער זשידוווקאַ, דאַרט גייט דיין מאַמע, די זשידוווקאַ, און טראָג איר אַהין אַ טעפּעלע מילך, האָט זי עס פֿאַרשטאַנען, דאָס קינד, אַז ס'איז דאָ נאָך אַ זשידוווקאַ און מען האָט איר געזאָגט זי זאָל גיין צו דער מאַמען. אַנדערע קינדער האָבן אויך מאַמעס, איז זי דאָ אַהערגעקומען זי זאָל אויך זיין צוזאַמען מיט איר... — „יאָ, ווען זי האָט געהערט, אַז מען רופֿט זי „זשידוווקאַ" און מיך אויך „זשידוווקאַ", האָט איר קינדיש הערצל שוין דערשנאַפּט, אַז מיר זענען איינס".

— און ווער איז דאָס די טשאַטשאַ יאַנינאַ, די פּאַני יאַנינאַ? האָט זי, רבקהלע, שוין געפֿונען עצות, פֿאַרטלען ווי אַזוי אויסצופֿרעגן און צו פֿאַר־שטיין וואָס די קליינע מיינט. שווערער איז געווען צו געבן דעם קינד צו פֿאַרשטיין. אָבער זי האָט איר געקוקט אין מויל אַריין און ווי אַזוי זי וויזט מיט די הענט, און עפּעס האָבן די אייגעלעך שוין אויפֿגעכאַפּט און דאָס קעפּל האָט באַנומען. דאָס איז געווען אַ שפּראַך וואָס מען קאָן נישט לערנען אין די אוניווערסיטעטן, נאָר אין לעבן.

די טשאַטשאַ יאַנינאַ אָדער די פּאַני יאַנינאַ איז געווען די, אין וועמענס שטאָל דאָס קינד האָט געוווינט. זי האָט שטענדיק זיך געבייזערט ווי אַזוי זי צו רופֿן. דערפֿאַר האָט זי די ווערטער אַרויסגעזאָגט גלאַטיקער, קלאָרער. פֿאַר זיך אַליין האָט זי שטענדיק איבערגעזאָגט „טשאַטשאַ יאַנינאַ", „פּאַני יאַנינאַ", שטענדיק, אַ סך מאָל. זי האָט אויך געוואָלט אַזוי רעדן מיטן מויל ווי די אַנדערע וואָס גייען אויך אויף צוויי פֿיס.

דאָס קינד האָט אויך זי, רבקהלען, באַרויִקט, אַז מען וועט זי נישט אַזוי שנעל נאָכיאָגן, אַ גאַנצע נאַכט נישט, נאָר קאָן זיין ערשט פֿאַר טאָגס, ווען מען וועט זי נישט זען אַרויסקומען פֿון שטאָל. און אפשר וועט מען זי אין גאַנצן נישט נאָכיאָגן — זי איז דאָך נישט אַ חזירל אָדער אַ קעלבל.

אַזוי רופט מען זי טאַקע „שוויניאַ", „בידלאָ", אָבער אַזאַ ווערט האָט זי דאָך נישט, אַז מען זאָל זי זוכן און וועלן האָבן צוריק.

אַ קעפּל און אַ הערצל האָט זי טאַקע געהאַט, דאָס קינד, נאָר אַ מויל אַ שווערס. אָבער פון יעדן ווייז, פון יעדן שטאַמל אירן, און יעדן טויש פון איר אויגן־גלאַנץ, האָט מען געקאָנט אַרויסנעמען וואָס זי מיינט און טראַכט.

— צרות, קינד, ברענגען אום מענטשן און צרות ראַטעווען מענטשן. דיך האָבן די צרות געראַטעוועט... ווו וועסטו זיין מיט מיר? זעסט דאָך ווו איך בין...

— ווו דו זיין — איך זיין... ווו דו שלאָפן — איך שלאָפן...

— קינד מיינס, אין דיין הערצל ליגן די מגילות וואָס דיין מאַמע האָט געליטנט ווען דו ביסט נאָך נישט געווען געבוירן. זי האָט דיר דאָס איבער־געענטפערט צוזאַמען מיט איר בלוט... אַזוי האָט גערעדט רות צו נעמין... טייער קינד, איך האָב אַן אייניקל שלמהלע — אפשר וועט גאָט אים נאָך צושיקן צו מיר אָדער מיך צופירן צו אים — דו וועסט הייסן ביי מיר שולמית.

דאָס מיידעלע האָט דאָס וואָרט נישט געקאָנט נאָכזאָגן. זי האָט בכלל גאָר ווייניק פאַרשטאַנען וואָס מען האָט גערעדט צו איר, האָט אָבער גוט געהערט און עפּעס איז איר אַריין אין קעפּל.

כא

ווען עס האָט נאָר אָנגעהויבן טאָגן, דער הימל איז אַ ביסל העלער געוואָרן, האָב איך זיך איבערגעוועקט. רבקהלע איז געשלאָפן אין די מלבו־שים, אויף די שטיינער.

איך בין צוגעגאַנגען נענטער צו דער ווייסל. אַ ברייטער, לאַנגער פּאַס, האָט רויק מיטן זילבער־גלאַנץ פון אַ חלף איבערגעשניטן די שטאָט. איך האָב דעם טייך געזען ווי אַן אָנזאַמלונג פון מיליאָנען גלאַנציקע אויגן־ווייסלען, שאַרפע נאָר צום קוילען. פון דעם איז אין מיינע אויגן אין דעם מאָמענט באַשטאַנען די ווייסל, וואָס האָט גענומען איר אָנהויב ביי די טאַטרען־בערג און זיך געצויגן איבערן גאַנצן לאַנד ביז צום באַלטישן ים,

און אויפן וועג האָט זי מיט איר חלפישער שאַרפקייט אויסגעקוילעט אַ פאַלק. אין אַ סך ערטער האָט די ווייסל אויסגעשטרעקט לאַנגע אָרעמס צו דער־גרייכן מיט איר שאַרפקייט אויך צו די ייִדן פון זייטיקע שטעט.

ווען איך בין צוריקגעקומען איז רבקהלע שוין געהאַט אַראָפּ פון געלע־גער, צוגעגאַנגען צו אַ גריבל מיט וואַסער און איינגעטונקען די שפּיצן פינגער. דאָס איז ביי איר געווען אַזאַ אופן פון אָפּגיסן נעגל וואַסער. זי האָט זיך אויסגעווישט די אויגן און עפּעס געמורמלט.

— רבקהלע, איר האָט געהאַט איינגעדרימלט אין מיטן דערציילן. פאַר וואָס איז די שולמית נישטאָ דאָ מיט אייך?

— ווו זי איז, מיינסטו?

— יאָ, ווו איז זי?

— זי איז שוין אַוודאי אין הייליקן לאַנד. ווי אַזוי דאָס איז געשען? איך האָב שפּעטער געהאַט איינגעזען, אַז די וואָס האָבן מיר געהאַט געזאָגט, אַז זיי זענען געווען שבת־גויִים אָדער סטרוזשעס אין ייִדישע הייזער, זענען גאָר געווען פאַרשטעלטע ייִדן, פאַרשטעלט פאַר גויִים. זיי זענען מיט מסירת־נפש אַרומגעגאַנגען איבער די שטעטלעך, איבער דערפער, אין קאָשטשאָלן אויסצולייזן ייִדישע קינדער פון פרעמדע הענט. מאַנכע פון זיי זענען אויך געווען פרומע ייִדן. צוליב קידוש השם האָבן זיי זיך אַראָפּגענומען די בערד, געלאָזט אָנוואַקסן וואָנצעס, אָנגעטאָן גויִישע מאַטשעיוווקעס אויף די קעפּ, פּויערישע שטיוול, און געזאָגט, אַז זיי קויפן אויף ייִדישע קינדער. זיי צאָלן הונדערט מאָל אַזוי פיל ווי פּיל די ימח־שמוניקעס האָבן געצאָלט. נישט איין קילאָ צוקער פאַר יעדן קינד, נאָר דעם ווערט פון הונדערט קילאָ, און אויב נויטיק — נאָך מער אויך... מען האָט אויסגעזוכט קינדער, איינס און נאָך איינס, און זיי געבראַכט. מאַנכע פון ס'גייעס האָבן געמיינט, אַז זיי קויפן די ייִדישע קינדער צו טאָן מיט זיי דאָס זעלבע וואָס די ימח־שמוניקעס — אפשר זענען זיי אַזעלכע געהיימע לייט וואָס ווילן פאַרענדיקן די „הייליקע" אַרבעט קעגן די ייִדן — אָבער אַנדערע האָבן פאַרשטאַנען אין וואָס עס גייט און האָבן גענומען דאָס געלט.

— און דאָס איז טאַקע צוגעגאַנגען אַזוי גלאַטיק?

— ניין, ניין, אומגליקן זענען געשען!... ס'האָבן זיך אָנגעהויבן סודות

און העצעס קעגן די פאַרשטעלטע יידן און צוויי זענען טאַקע שוין געגאַנגען פון דער וועלט אויף קידוש השם. איינעם האָט מען געפונען אין אַ וואַלד אויפגעהאָנגען אויף אַ בוים און אַ צווייטער איז געלעגן אויף אַ לאַנקע אַ צעהאַקטער מיט שטעקנס. אָבער אַנדערע האָבן ווייטער געטאָן די מצווה.

די פאַני יאַגינאַ האָט איינעם פון זיי פאַרציילט, אַז דאָ איז פאַרבייגע־גאַנגען אַ יידישע מכשפה און פאַרנאַרט אַזאַ יידיש קינד פון איר שטאָל.

— די מכשפה, דאָס בין איך טאַקע... — קומט צו צו מיר אַזאַ איינער פון די מיט די גרויסע וואָנצעס און באַלד אָנגעהויבן צו מיר אויף יידיש: „איך בין אַ ייד און איר זענט אַ יידישע פרוי, איר האָט געראַטעוועט אַ יידיש קינד... דאָס איז זי, דאָס מיידעלע?" — שולמית איז געזעסן נעבן מיר און ער האָט אויף איר געקוקט.

— דו ביסט אַ ייד? פון וואַנעט ווייס איך, אַז דו ביסט נישט אַן אונטערגעשיקטער מערדער צוצונעמען דאָס לעבן ביי דעם קינד. זאָג מיר אַ שטיקל פון חומש וועל איך האָבן אַ סימן.

וַיֹּאמֶר אֱלוֹקִים אֶל אַבְרָם לֶךְ־לְךָ מֵאַרְצְךָ וּמִמּוֹלַדְתְּךָ וּמִבֵּית אָבִיךָ אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר — — —

— שוין, שוין, גענוג... און וואָס וועסטו טאָן מיט דעם קינד?

— זי פירן אין דעם הייליקן לאַנד אַריין. איר קאָנט זיין זיכער, אומ־גליקלעכע יידישע פרוי, אייך איז באַשערט געווען אַ גרויסע מצווה צו העלפן מחיה מתים זיין אונדזער פאָלק, אַפילו בלויז מיט דעם איינעם קינד... זייט רויק וועגן איר — נאָר פאָר קיינעם קיין וואָרט נישט.

— דעמאָלט איז פון מיר אַרויס אַ געוויין, גרעסער ווי אין אַלע מיינע ביטערע און פינצטערע יאָרן, און איך האָב געזאָגט צו דעם ייד, צו דעם שליח פון הימל, און צו שולמיתן: „הייליקער מענטש, גוטער מלאך, און דו, קינד מיינס, וואָס גאָט האָט דיך צוגעשיקט צו מיר אין דער פינצטערער נאַכט — הערטס אויס: איך האָב גענומען אויף מיר, אין דעם ביסל גע־שענקטע צייט וואָס מיר איז נאָך באַשערט אויף דער זינדיקער ערד דאָ — און אַ סך מאָל זענען מיר געשענקט געוואָרן יאָרן — זאָל איך פון היינט און ווייטער פון קיין שום זאַך מער נישט קיין הנאָה האָבן, אַחוץ דער הנאָה פון דינען דעם רבונו של עולם. ווייטער איז מיר געבליבן בלויז צו טרויערן.

נאָך אַ מענטש טרויערט מען אַ יאָר און וויפיל יאָרן דאַרף מען טרויערן נאָך אַלע אונדזערע? און צום קינד האָב איך געזאָגט: דו, שולמית, דו ביסט עפּעס אַנדערש, דו האָסט דיין מאַמעס הענטלעך און דיין מאַמעס קעפּל. ווען דו וועסט גרויס ווערן וועלן זיי זיין גרויסע ווי אירע. דו וועסט ווידער ווערן אַ מאַמע ווי דיינע. אין דיין הערצל ליגן שוין די מגילות און תחינות וואָס זי האָט געליטענט נאָך איידער זי האָט דיך אויף דער וועלט אַרויסגע־געבן, אָדער ווען דו ביסט נאָך געווען אַ פּיצל. דיר וועט שוין באַשערט זיין צו געבן נייע דורות דיין מאַמעס... גיי, גיי, קינד מיט די מענטשן אין הייליקן לאַנד אַריין, צו דעם האָבן דיך די צרות געלאָזט לעבן.״

— און זי האָט געוואָלט גיין, דאָס קינד, די שולמית, ווי איר רופט זי אָן?

— זי האָט דאָך גאָרנישט פאַרשטאַנען און גאָרנישט געוווּסט וואָס איך מיין מיט מיינע ווערטער. זי איז שוין געווען אַזוי אויסגעלערנט, אַזוי אויס־געפּייניקט, אַז זי האָט זיך מער גאָרנישט אַנטקעגנגעשטעלט, האָט אַלץ געפאָלגט. אָבער נישט שטענדיק איז דאָס אַזוי געווען. אַ מאָל האָט זיך געקאָנט געבן אַ כאַפּ אויף אין איר דער יידישער שטאָלץ, אַפילו מיט מסירת נפש, און זי אַליין האָט נישט געוווּסט דערפון. דאָס איז אויך געווען דעמאָלט ווען זי איז אַנטלאָפן פון דער שטאָל און געקומען ביי נאַכט צו מיר. מיט דעם ניוד אין איר בלוט, אַ ניוד נאָך מער פאַרשאַרפט, אַזוי ווי ביי אַ חיהלע, האָט זי אין מיר דערפילט איר פאָלק. אין מיר האָט זי געגלייבט, מיר געקוקט אין די אויגן אַריין און געזען, אַז איך מיין נישט איר שלעכטס. ווען איך האָב איר געזאָגט, אַז איך וועל אַהינקומען צו איר, האָט זי זיך אַרומגעקלאַמערט אַרום מיר און דערנאָך אַוועקגעגאַנגען מיט דעם פאַר־שטעלטן ייִד.

— און וואָס וועט זיין מיט אייך, רבקהלע? — האָבן זיי מיך געפרעגט.

— וואָס דער אין הימל וועט מיט מיר טאָן. איך בין שוין עטלעכע מאָל געווען דאָרט ווו עס קומען זיך צונויף די צוריקגעקומענע ייִדן און געפרעגט און געפרעגט. און וואָס האָט מען מיר געקאָנט ענטפערן? דאָס אייגענע וואָס איך האָב געקאָנט ענטפערן יענע, וועלכע האָבן מיך געפרעגט — ״מען ווייסט נישט״.

— אָבער איר מוזט דאָך ערגעץ גיין, ערגעץ זיין.

— וווּ זאָל איך גיין, וווּ זאָל איך זיין? איך בין נישט קיין קינד ווי שולמית. זי ווייסט נישט, אַז זי האָט עמעצן געהאַט און עמעצן פאַרלוירן. איך גלייב באמונה שלימה, אַז זי וועט דאָרט צוריק ווערן אַ מענטש, אַ געזונטע יידישע טאָכטער. איך דאָ האָב מיר מתיר געווען צו זיצן אויף די שטיינער פון מיין היים. אין זיי ליגט דער ניגון פון ר' יאַנקלס לערנען, דאָ אונטן אויפן הויף האָט זיך שלמהלע געשפּילט... איך וועל דאָ וואַרטן און אויב מיינע קינדער זענען נאָך ערגעץ דאָ אויף דער וועלט וועל איך זיי צוציִען מיט מיינע תפילות, מיט דעם בענקען פון מיין האַרץ. און שפּעטער וועט גאָט מיר אָנווייזן דעם וועג.

פאַרענדיקט יאַנואַר 1980

איינע פון די אָמהות

איך האָב זיך אַרומגעדרייט איבער דער שטאָט און געוואָלט געפינען אַ באַקאַנטן מענטשן. קיינער האָט פון ערגעץ נישט געקאָנט אַרויסקומען, נישט פון קיין הויז, נישט פון קיין שטוב. אַלע גאַסן זענען געווען איינגעפאַלן. די שטאָט איז געווען וויסט, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע וועלט זעט אַזוי אויס. נאָר אַ ווייטע, באַהאַלטענע האָפענונג האָט מיך געטריבן און נישט געלאָזט אָפּשטיין אין מיין זוכן.

פון צייט צו צייט זענען צום אָרט, וווּ עס איז אַ מאָל געשטאַנען דער וואָקזאַל, אָנגעקומען באַנען מיט מענטשן. די אָנגעקומענע זענען נישט באַלד אַוועק פון דער סטאַציע. זיי האָבן זיך געדרייט אויף אַן אָרט און געפּישטשערט צווישן זיך מיט גיריקע אויגן, געזוכט אַ באַקאַנטלעך פּנים.

קיינער האָט קיינעם נישט אָפּגעוואַרט.

אַראָפּגייענדיק פון דער באַן האָבן יידן געקוקט אין דער ווייט צו זייערע אַמאָליקע היימען. עס האָבן זיך זיי דערמאָנט געפּאַרבטע ווענט, בעטן מיט בעטגעוואַנט, זיידעס און באָבעס, וואָס גייען אַרום קרעכצנדיקע פון דער לאַסט פון יאָרן, קינדער וואָס טומלען און פּילדערן, געדעקטע טישן, אַרום וועלכע מען האָט צוזאַמען מיט די פאַמיליעס געפּראַוועט יום־טובדיקע סעודות.

דאָס האָט נאָר געלעבט בלויז ביי זיי אין זכרון.

נישט האָבנדיק וווּ אַריינצוגיין, האָבן טייל פון די אָנגעקומענע דערווייל איינגעאָרדנט זייערע היימען אין וואַגאָנען, וואָס זענען געשטאַנען אין אַ זייט פון וואָקזאַל. טייל זענען אַוועק הינטער דער שטאָט און אויסגעזוכט אַ נישט צעשעדיקט הייזל. בלויז איינצלנע מענטשן איז געלונגען אויסצו־

געפינען אין שטאָט אַ גאַנץ־געבליבן ווינקל אין אַ חורבה, אַ נישט פאַר־שאָטענעם קעלער אונטער אַ באַרג ציגל.

איך בין געבליבן צווישן די מענטשן, וועמען עס איז געווען אַמשווערסטן אַוועקצוגיין פון דער באַן־סטאַציע. ווען די וואַגאָנען זענען שוין געווען אין גאַנצן ליידיק, פון אינעווייניק האָבן אַרויסגעקוקט די הוילע בענק און פּאָליצעס, האָב איך נאָך אַלץ געוואַרט, אַז עס זאָל זיך פון דאָרט באַווייזן דאָס געשטאַלט פון מיין מאַמען.

אפשר איז זי אָנגעקומען אין אַן אַנדערן וואַגאָן?

איך האָב אומעטום געזוכט, אין יעדן געזעמל פון מענטשן, האָב אַריינ־געקוקט אין די אויסגעהוילטע פענצטער־לעכער, זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדן ווינקל, געוואָלט זי זען אַרויסקומען פון ערגעץ אַ באַהעלטעניש.

שפּעטער, ווען אין שטאָט האָט זיך גענומען אָפּטער באַווייזן אַ מענטש, האָב איך טייל מאָל באַגעגנט אַ נידעריקע פרוי, אַ ביסל אַן איינגעהויקערטע. אויף איר לענגלעך פּנים מיט אַ דורכזיכטיקער, צעקנייטשטער הויט האָט זי געטראָגן אַ פּאָר רונדיקע ברילן־גלעזער, וואָס האָבן פאַרגרעסערט אירע אויגן, ווי זיי זאָלן מאַכן מער פּלאַץ פאַר דעם צער און פּיין, וואָס ליגן שטענ־דיק אין זיי. אַז איך האָב זי דערזען, האָט מיר דאָס בלוט אַ שלאָג געטאָן צום קאָפּ: אָט איז זי! נאָר באַגעגענענדיק זיך נאָענט מיט איר פּנים, איז מיר דאָס וואָרט „מאַמע” געבליבן שטעקן אין האַלדז אַ פאַרגליווערטס, אַ שטיקנדיקס. זי איז פון דעם זעלבן וווּקס, מיט די זעלבע קנייטשן אויפן פּנים, נאָר עפּעס־וואָס פעלט איר, אַז מיר זאָלן זיך דערקענען אַלס מאַמע און זון.

ביי נאַכט, ווען דאָס געשטאַלט פון מיין מאַמע האָט מיך נישט געלאָזט איינשלאָפן, איז מיר די איינגעהויקערטע פרוי כסדר געשטאַנען פאַר די אויגן. דער געדאַנק, אַז איך וועל צו מאָרגנס זי ווידער זען, איז ווי אַ זונען־שטראַל געלעגן אין מיין אינעווייניקסטער וויסטעניש.

מיר האָבן זיך אָפּטער באַגעגנט און מיט דער צייט זיך זייער צוגעוווינט איינער צום צווייטן. אויב עס האָט זיך אַ מאָל געמאַכט אַ טאָג, אַז איך האָב נישט געקאָנט קומען, האָט זי מיך צו מאָרגנס אָנגעקוקט מיט פייכטע, טרויע־ריקע אויגן און שטיל געפרעגט ווו איך בין נעכטן געווען.

ס׳איז פאַר אונדז געוואָרן נאַטירלעך, אַז יעדן טאָג זאָלן מיר זיך טרעפן. ווען איך בין צוגעקומען, איז דער נעפל אין אירע בלויע אויגן צעגאַנגען און די בליקן זענען שאַרפער געוואָרן. זי האָט מיך באַטראַכט, צי מיר איז נישט עפּעס.

איך האָב זי גערופן — רבקה, אַזוי ווי מיין מאַמע האָט געהייסן, און זי מיך — יצחק, אָדער קינד מיינס. ווען מיר האָבן זיך געטראָפן האָט זי געזאָגט:

— קום, קינד מיינס, וועלן מיר באַגלייטן די הייליקע נשמות צו זייער אייביקער רו.

אַ גאַנצן טאָג איז זי אַ הינקענדיקע, דראַפּנדיק זיך מיט די הענט און פיס, אַרומגעקראָכן איבער די פּלעצער מיט ברוכוואַרג, אַריינגעקריגן זיך אין די איבערגעבליבענע ווינקלען פון איינגעפאַלענע הייזער, געגאַנגען איבער ערטער פאַרוואַקסענע מיט גראָז און געזוכט, צוזאַמענגעקליבן אַ ביין, אַ שטיקל שמאַטע, געוואַנט פון אַ קלײדל, אַ באַשריבן פּאַפּירל. זי האָט צונויפגענומען יעדן איבערגעבליבענעם סימן פון אַ לעבעדיקן מענטשן און דאָס אַריינגעלייגט אין אַ זעקל, וואָס זי האָט געטראָגן פאַרנט אויף זיך, ווי אַ שירץ, מיט אַ שטריקל אָנגעהאָנגען איבערן האַלדז.

זי האָט אַראָפּגענומען דאָס זעקל פון זיך, עס אָנגענומען ביי איין עק, מיר האָט זי געגעבן צו האַלטן דעם צווייטן, און אַזוי גייענדיק מיט פּאַמע־לעכע טריט, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ לוויה.

אין יענע טעג איז די זון געשטאַנען זייער אַ הויכע, און די גאַנצע שטאָט האָט געגליט און געבלענדט פון ליכטיקייט. צוזאַמען מיט די מויערן, וואָס די מלחמה האָט אומגעוואָרפן, איז אויך אַוועקגעקומען דער שאָטן. די שטאָט איז געווען אָפן, פריי און קיין זאַך האָט נישט געשטערט דער זון צו פאַרפלייצן די פּלעצער מיט שטראָמען ליכט און אָנצוגליִען ווי אַ מידבר. אָבער אין דער צייט, ווען מיר זענען געגאַנגען מיט דעם זעקל, איז עפּעס די ליכטיקייט פאַרשוווּנדן, פון דעם זעקל האָט זיך געשפּרייט אַ קילע, לוויהדיקע טונקלקייט און אַלץ אַרום איינגעהילט. אויפן הימל האָט זיך פאַרצויגן אַ שאָטן, ווי עס זאָל אָנרוקן די נאַכט, און די געבליבענע שטיקער ווענט, די בערג גרוז זענען שוואַרץ געוואָרן. די איבערגעקערטע אויטאָמאָ־בילן, וואָס זענען אין ברוכוואַרג געלעגן צעשלאָגענע, געלעכערטע פון קוילן

און גראַנאַטן, האָבן זיך אין מײַנע אויגן גלײַכגעשטעלט, געגומען רירן און באַקומען דעם אויסזען פון שוואַרצע עגלות. די טראַמוויי־וואַגאָנען, שטייענ־דיקע אויף די שינעס אָפּגעשטאָרבענע, פאַרשטאַרטע, מיט אַרויסגעזעצטע שויבן, האָבן אָנגעהויבן גיין.

אויף אַלע פּלעצער אַרום, אויף די באַן־ליניעס האָבן דערוואַכט די צעשעדיקטע וואַגאָנען און מאַשינען, גענומען קריכן איבער די חורבות אָהער צו אונדז און אויסגעשטעלט זיך אין אַ צוג פון פאַרמאַכטע וועגענער. פון דעם זעקל צווישן אונדז האָבן זיך אַרויסגעהויבן לאַנגע, שטאַרע גופים און זיך אויסגעלייגט אין די פּאַמעלעך גייענדיקע עגלות, וואָס האָבן זיך געצויגן פאָרנט, פאַר אונדז, אין אַ לאַנגער שוואַרצער ליניע. הינטער אונדז זענען אַרויס פון גרוז און ברוך־שטיקער צעהאַקטע היימען און געגאַנגען נאָך דער לוויה. אינעם גאַנג פון די ציגל און שטיקער צעמענט האָב איך געהערט דעם אָפּהילך פון טריט, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עס רוישן און טרעטן מיליאָנען פיס.

מיר זענען געגאַנגען פון גאַס צו גאַס, פון חורבה צו חורבה און פון אומעטום, האָט זיך געדאַכט, נעמען מיר צו די מענטשן און פירן זיי אַוועק אין די עגלות. בלויז די פענצטער־לעכער און די שטיקער ווענט, וואָס זענען דאָ און דאָרט געשטאַנען, האָבן נאָכגעקוקט נאָך דער לוויה פון אַ שטאָט מענטשן.

אַ הויכער, פינפשטאָקיקער מויער איז אַ צעשאָטענער געלעגן איבער דער ברייט פון אַ גאַס און אונדז פאַרשטעלט דעם וועג. אַן אויסגעטראָטן וועגל, וואָס האָט געפירט איבער אַ באַרג ברוכוואַרג, האָט אויסגעזען, ווי אַ שניט איבערן קערפּער פונעם איינגעפאַלענעם הויז. מיר האָבן זיך אויפ־געהויבן איבער דעם שטעגל אַריבערצוגיין דעם באַרג. דאָס בילד פון דער לוויה איז פּלוצלינג פאַר מיר פאַרשוווּנדן. איך בין פּאַמעלעך געגאַנגען נעבן דער אַלטער פרוי און צווישן אונדז האָט זיך לייכט געהוידעט דאָס זעקל. קוקנדיק פון דער הייך האָבן זיך די פעלדער מיט ברוכוואַרג נאָך מער אויס־געברייטערט און עס האָט זיך נישט געגלייבט, אַז אויף דעם גרויסן שטח אַרום איז אַ מאָל געשטאַנען אַ שטאָט מיט גאַסן, מיט היימען. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אַ פיבער איז דאָ באַפאַלן די ערד, זי האָט זיך געטרייסלט

און געוואָרפן, ביז זי האָט גענומען אויפפלאַצן, און דאָס אַלץ וואָס ליגט דאָ האָט ווי אויסגעבראָכן פון איר אינגעווייד.

אויף דער צווייטער זייט פונעם באַרג, האָט די אַלטע מיך צוגעפירט צו אַ ליידיק שטיק פּלאַץ, וואָס איז אַ מאָל געווען אַ הויף. אין דריי זייטן אַרום זענען געלעגן בערג מיט שטיקער פון איינגעפאַלענע הייזער. בלויז די קוימענס זענען געשטאַנען ווי אויסגעצויגענע העלדזער, פון וועלכע מען האָט אָפּגעהאַקט די קעפּ. אין מיטן פון דעם פּלאַץ האָט זי אויפגעהויבן עטלעכע ברעטלעך און אָפּגעדעקט אַ גרוב. מיר האָבן דאָ אַוועקגעשטעלט דאָס זעקל. די אַלטע האָט זיך אויסגעצויגן אויפן בויך, אַראָפּגעלאָזט ביידע הענט אינעם גרוב און זיך דאָרט עפּעס געפּאָרעט. זי האָט אויסגעלייגט אויף צוויי זייטן פון גרוב, אַ ביסל אויף דער ערד, צוויי געשטרייפטע עקן פון אַ טלית. זי האָט דאָס געטאָן, ווי זי זאָל עפענען די טירלעך פון אַן אָרון־קודש. דאָ, אינעווייניק, האָט זי אַריינגעלייגט די צוזאַמענגעקליבענע איבערבלייבעכצן פון מענטשן, צוריק צוגעמאַכט די צוויי עקן פון טלית און ווען זי האָט אַרויפגעלייגט די ברעטלעך איבערן גרוב, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זי פאַררוקט דעם פּרוכת איבערן אָרון קודש.

דאָ דערנעבן האָט די אַלטע אויך געוווינט, ווי זי זאָל זיין די היטערין פון דעם קליינעם גרוב, וואָס איז געווען דער בית עולם פון אַ גאַנצער שטאָט מענטשן. איר וווינונג איז געווען אונטער איינעם פון די בערג ברוכוואַרג. דער אַריינגאַנג איז געווען דורך אַ לאָך ביים שמאָלן עק פון באַרג. עטלעכע צעהאַקטע טרעפּלעך, וואָס זענען נאָך געבליבן פון אַ מאָל, האָבן פאַרלייב־טערט דאָס אַראָפּגיין. אין דעם דאָזיקן קעלער האָט זי איבערגעלעבט די צייט, בעת די שטאָט האָט געברענט, געקראַכט, צעפּיצלט געוואָרן. ווען זי איז דאָ אַריין, האָט נאָך אין דרויסן געלעבט אַ וועלט, און אַז זי איז אַרויס, איז דאָס לעבן שוין געווען פאַרוויסט.

דער קעלער איז געווען זייער אַ לאַנגער, אַזוי לאַנג ווי דער באַרג איבער אים. וואָס טיפער מען איז אַריינגעגאַנגען, אַלץ טונקעלער איז געוואָרן. דאָ איז געשטאַנען אַ האַלב־איינגעפאַלן אייזערן בעטל, אַ פאַטעל געפלאָכטן פון שטרוי, און אַ וואַקלדיק, הילצערן בענקל. די פּאָדלאָגע איז געווען פול אָנגעשטעלט מיט טעפּ און קיך־געשיר. די אַלטע האָט נישט געקאָנט צוזען,

ווי אַ טאָפּ, אַ פּענדל, וואָס האָט אַ מאָל געגערט מענטשן מיט זיין וואַרעם געקעכטס, זיי מחיה געווען, זאָל זיך אַן אַוועקגעוואָרפענער אַרומוואַלגערן אין גאָס. זי האָט אים אויפגעהויבן און אַהיימגענומען.

ליכט איז אין דעם קעלער אַריינגעקומען בלויז דורך דעם אַריינגאַנג. נישט ווייט פון דער עפענונג איז געשטאַנען אַ הויכע וואַנט מיט דריי אויס־געבראָכענע פענצטער־לעכער און די זון, וואָס האָט געגליט און געבלענדט ביז שפּעט פאַר נאַכט, האָט דורך די לעכער אַריינגעשיקט שטראָמען גאָלד. אויף די טרעפּלעך איז געלעגן אַ גאָלדענער טעפּיך, און העלע שטיקער גאָלד האָבן געציטערט פאַרנט אויף די ברעטער פון דער פּאָדלאָגע.

אין די פאַרנאַכטן בין איך לאַנגע שעהן אָפּגעזעסן אויף דעם שטרויענעם פּאָטעל און געקוקט צו דעם ליכט. אַז אַ וואָלקנדל האָט אַ שווים געטאָן פאַרביי דער זון, האָט זיך דאָס גאָלד אָפּגעווישט פון די טרעפּלעך און באַלד צוריק אויפגעלויכטן. אַ טונקל שנירעלע האָט טייל מאָל איבערגעשניטן די ליכט־פלעקן אויף דער ערד, און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אַ פויגל איז פאַרבייגעפלויגן די פענצטער.

הינטער מיר, אויפן בעטל, איז געזעסן די אַלטע פרוי. איך האָב איר פּנים נישט געזען, בלויז געהערט שטילע ווערטער און אין זיי דערקענט מיין מאַמעס קול. יעדעס וואָרט איז געוואָרן אָנגעצונדן פון דער זון און מיך געוואַרעמט. די מאַמע האָט גערעדט, גערעדט און אירע ווערטער האָבן אויפגעמישט דאָס גאַנצע לעבן פון מיין היים.

איך האָב געזען אַ העלע ליכטיקייט פון אַ סדר־נאַכט. אויף אַ ווייסן טיש זענען געווען געגרייט מצות, חרוסת און וויין. פון אַ לענגלעכן טעלער האָבן פריש און פּיכט אַראָפּגעשמעקט שטיקלעך גרינס, מייערן און פּעטרישקע. דער טאַטע איז געזעסן אויפן הסב־בעט אין אַ ווייסן קיטל און מיט דער האַנט פאַרשטעלט דאָס מויל, אַז ער זאָל נישט לאָזן אַרויספאַלן קיין פּיצל פון דעם כריין־קאָפּ וואָס ער האָט גאַנצערהייט אַריינגענומען און געקייט. ער האָט זיך געשטיקט, געקרעכצט, דאָס פּנים איז אים געווען רויט און די אויגן זענען אים איבערגעלאָפן פון טרערן. ווען ער האָט שוין אַראָפּ־געשלונגען די גאַנצע האַרבקייט פון כריין, האָט ער אַ באַרויִקטער גענומען זינגען די הגדה, און די קינדער אַרום טיש האָבן מיטגעזונגען...

פון יעדן טריט וואָס די זון האָט געמאַכט אויפן הימל האָט זיך דאָס ליכט אין קעלער געענדערט. די דריי אויסגעבראָכענע פענצטער־לעכער זענען געווען ווי גרויסע באַוועגלעכע רעפלעקטאָרן. ווען דאָס ליכט פון איין רעפלעקטאָר איז פאַרשטעלט געוואָרן, האָט שטאַרקער אויפגעלויכטן דער צווייטער. די שטיקער ליכט האָבן זיך געהאַלטן אין איין בייטן, געוואָרן קירצער, לענגער, קיילעכדיקער, זיך געגליטשט טיפער אין קעלער אַריין, געקראָכן אין אַ ווינקל. אַ קאַנטיקער זונען־פלעק האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ וואַנט און דאָרט געצאַפּלט, געטאַנצט, געבלענדט די אויגן. פון דעם איז אין קעלער געוואָרן אַ מאָל העלער, אַ מאָל טונקעלער, און צוהערנדיק זיך צו דער מאַמעס רייד, האָב איך געזען פאַרבייגיין פאַר מיר אַלע צייטן פון יאָר.

איך האָב דערפילט דעם ריח פון פרילינגדיקער גרינקייט. אַרום די ווענט זענען געשטאַנען שענק, שפּיגלען, באַהאָנגען מיט גרינע לאַבאָנדזשעס, און עס האָט געשמעקט מיט מילכיקס פון שבועות. שפּעטער אין דער נאַכט־שטילקייט, ביי דער שיין פון ליכט, האָבן ייִדן געזאָגט תּיקון און יעדעס מאָל געקוקט צום פענצטער, צי עס טאָגט שוין, אַז זיי זאָלן אַרויסגיין אונטער דער שטאָט צום באַרג מקבל זיין די תּורה...

באַלד איז געוואָרן פייכט און האַרבסטיק. אויפן הויף זענען געשטאַנען פּרויען, אַריינגעקוקט אין די ליכטיקע שפּאַרעס פון דער סוכּה און זיך צוגעהערט צום קידוש מאַכן פון זייערע מענער.

איך האָב דאָ אין קעלער איבערגעלעבט די זומערדיקע פּרימאָרגנס, ווען עס זענען אויפגעגאַנגען די גאָלדענע טעג, די געמיטלעכקייט פון די לאַנגע ווינטער־נעכט, דעם זיסן אומעט פון די טונקעלע שבת־צונאַכטסן, ווען מען האָט אויסגעקוקט די ערשטע דריי שטערן אויפן הימל...

טייל מאָל, אַז די זון האָט שטאַרקער אַריינגעלויכטן אין קעלער, האָב איך זיך אויסגעדרייט און געקוקט דער מאַמען אין פּנים אַריין. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז יאָרן לאַנג קוק איך אַזוי און נעם נישט אַראָפּ פון איר די אויגן. זי האָט דאָ אונטער דער ערד איבערגעוואַרט די צייט, ווען די ייִדן זענען אומגעבראַכט געוואָרן, און ווי אַ שאַרפער, געדולדיקער בליק כאַפּט אויף דעם פאַמעלעכן גאַנג פון אַ ווייזער אויף אַ ציפער־בלאַט, אַזוי האָב איך

זיך צוגעקוקט ווי עס זענען אַרויסגעקומען אויף איר פּנים די שפּורן פון די ווייען, ווען זי האָט דאָס איבערגעלעבט. איך האָב געזען ווי יעדע האָר בייט די פאַרב, ווערט גרוי און דערנאָך ווייס. אירע אויגן זענען לאַנגזאַם אַרונטער־געקראָכן אונטערן שטערן און, וואָס טיפער זיי זענען אַריין, אַלץ מער האָט אַרויסגעקוקט פון זיי דער ווייטיק, וואָס איז אין שוואַרצע פלעקן פאַרגלי־ווערט געוואָרן אונטער אירע אויגן־לעכער. די קנייטשן אויפן שטערן האָבן זיך איינגעשניטן אַלץ טיפער, זיך איינגעדרייט ביי די שלייפן, אויסגעצויגן זיך אַראָפּ איבער די באַקן, און צוזאַמען מיטן גאַנג פון די קנייטשן איז דאָס פּנים געוואָרן איינגעפאַלענער און לענגער. נעבן יעדן שאַרפערן קנייטש האָבן זיך געזאַמלט אַ סך קליינע קנייטשעלעך, דיבענקע ווי הערעלעך. דער קראַמף פון יעדן אומגעקומענעם ייִד האָט זיך פאַרצייכנט אויף איר פּנים, איינגעשניטן אין לייב.

*

די בר־מצווה

שוין אַ לענגערע צייט ווי די מאַמע האָט מיך נישט באַשטעלט צו גיין מיט איר אויף אַ לוויה פון די צוזאַמענגעקליבענע הייליקייטן, אָדער זאַכן פון ייִדישן איבערבלייב.

איך האָב זי גאָרנישט געפרעגט. מיר האָבן זיך געפירט: זי האָט געהייסן און איך האָב געטאָן. זי איז געווען די באַפעל־געבערין און איך האָב געפאָלגט. איר אופן פון רעדן איז געווען ווי צו אַ ביסל צעפּיעשטשעטע קינד, האָט געוואָלט מ׳זאָל זי נישט אַזוי לייכט פאָלגן, נאָר זי זאָל אויספּועלן, מעג איר דאָס אָנקומען שווערלעך. ס׳איר נויטיק געווען מיט עמעצן גוטמוטיק איינ־צוטענהן, אַז מען זאָל איר נאָכגעבן, ווייל זי איז די מאַמע.

— איין מאָל ביים אָוועקגיין זאָגט זי:

— שוין נישט לאַנג, נאָך אַ ביסל, קינד מיינס...

איך האָב גאָרנישט געפרעגט, ווי שטענדיק.

אַז איך בין ווידער אַ מאָל אַריינגעקומען אין קעלער פאַר נאַכט צו — בין אָפּט געקומען פאַר נאַכט ווען עס בענקט זיך אַממערסטנס — האָב איך באַמערקט ווי פון דער ערד איז אַרויסגעהויבן אַ בערגל, פאַרדעקט מיט אַ טלית. פון איין אַהערקומען צום צווייטן איז דאָס בערגל געוואָרן העכער

און דער טלית פון אויבן רונדיקער ווי דאָס קליידל ביי אַ שוואַנגערנדיקער פרוי.

אַן אַנדערן אָוונט ביים באַגלייטן מיך צום אַוועקגיין האָט זי מיך פאַר־בעטן:

— ׳עסט זיין מיין גאַסט אויף דער בר־מצווה... קום דאַנערשטיק אינ־דערפרי, קום... — זי האָט אַ רגע געטראַכט און קלאָר געמאַכט איך זאָל קומען אויפן צווייטן דאָנערשטיק, באַלד האָט זי זיך ווידער מיַשב געווען:

— ניין, קום מיט אַ טאָג פריִער, מיטוואָך, ׳עסטו דיך בעסער אויסלערנען, צוגעוויינען צום לייענען.

געקומען אין דער צייט, איז דאָס בערגל אויף דער ערד שוין נישט געווען. אַ שטיק פון קעלער, דער טייל צום סוף צו, איז געווען אָפּגעצוימט מיט עפּעס פון וואָס איך בין געבליבן אַ צעמישטער.

— זעסט? איך האָב צוזאַמענגעהאָפטן דאָס פּרוכת.

אַוועקגעזעצט זיך אויף דער ערד האָב איך געקוקט אויף דעם וואָס זי האָט אָנגערופן דאָס פּרוכת. ס׳איז געווען צוזאַמענגעשטעלט אַזוי פאַרשידן און פאַרביק ווי אַ בילד פון דעם גאַנצן ייִדישן לעבן וואָס איז געבליבן אין זכרון און אין געמיט. דאָס פּרוכת איז געווען קאָלירט מיט זאַכן אָנצוטאַפּן. שטיקלעך פון טליתים, גלאַטע, געשטרייפטע, עטרות נאָך מיט טיילן פון די ברכות — בלויע, זילבערנע און גאָלדענע אותיות. אַ טייל פון אַ פּאָר ייִנגלע־רישע הויזן, אין דער לענג, בלויז אויף אַריינצושטעקן איין פוס. שטיקלעך מיט פאַרשידענע מוסטערן פון קינדערישע קליידלעך. סאַמעט — רויטער, גרינער, טינט־בלויער, נאָך מיט שפּיצלעך מגן־דוד פון טלית־זעקלעך. ס׳האָבן אַרויסגעגלאַנצט יאַרמלקעלעך פון שוואַרצן זייד, אַטלאַס, פון באַרדאָ און בלויען פּליוש, מיט שוואַרצע און קאָלירטע קנעפּלעך פון אויבן. טלית־קטנדלעך זענען געווען צוגעהאָפטן אין פאַרשידענע ערטער מיט אַראָפּ־הענגענדיקע ציצית ווי פראַנדזן. אויף אַנדערע ערטער האָט מען געזען בתּים פון של־ראש, של־יד, און די רצועות, געקאָרטשעטע און געדרייטע ווי פון ווייטיק, האָבן זיך לויז געוויגט. אַ בענדל פון אַ פאַריתומטן שיך נאָך אַן אומגעבראַכטן, אַ פּאַסיקל פון אַ קליידל נאָך אַן אומגעבראַכטער איז ביי איר געווען הייליק ווי אַ גאַרטעלע, ווי ציצית, רצועות, וואָס מען באַניצט

צו דינען גאָט. מיט דעם אַלעם און מיט גערייסענע בענדלעך פון לייוונטענע מלבושים האָט זי געקניפּט און געבונדן די שטריקלעך און חפצים פון דעם פּרוכת. מ'האָט געזען אַראָפּהענגען פון קעלנערלעך, פון ווייסע און קאָלירטע בלוזקעלעך, שנירלעך קרעלן, גאָלדענע קייטעלעך. ערגעץ האָט אַרויסגע־בלישטשעט אַן אוירינגל, אַ גאָלדן פינגער־רינגל. דאָ האָט אַרויסגעשטעקט אַ הייבל, דאָ אַ קופּקע, אַ שייטל פון האָר. דאָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי ייִדישע ווייבער, באָבעס, ווילן דורך דעם פּרוכת מיט די קעפּ זיך אַדורכ־קריגן פון יענער זייט, דעם פאַרשטעלטן טייל קעלער, דאָ אַהער, אין דער פאָדערשטער זייט אַריין.

אַ ביסל שפּעטער האָט דורך די לעכער און שפּאַלטן אין קעלער אָנגע־הויבן אַריינצוקומען מער ליכט און שטראַלן זון. בראָשלעך, ציטערשפּיל־קעלעך מיט געשליפענע שטיינדלעך, אָדער אפשר ברילִיאַנטלעך האָבן גענו־מען שטראַלן. צעשפּילטע פאַרבן האָבן אַרויסגעשפּיגלט פון זיי.

פאַר מיר איז געשטאַנען אַ וואַנט וואָס האָט געגלאַנצט מיט אַלע פאַרבן, מיט אַלע סימנים פון הייליקן ייִדישן איבערבלייב. אין די פאַלדן, ווינקלען, שפּאַרעס צווישן די צוזאַמענגעשטיקעוועטע זאַכן איבער דער גאַנצער ברייט און לענג פון פּרוכת, האָט דאָס שימערן און אָפּגלאַנצן פון די צירונג־שטיינד־לעך געשפּרייט די פאַרשידנערליי פאַרבן פון אויגן פון אַ גאַנצער מענטש־הייט. די בליקן האָבן געפינקלט, געוווּנקען, געצאַפּלט מיט שטומע רופן אין פאַרצווייפלונג פון אומקום.

פון די ערטער מער באַלויכטענע פון דער זון זענען אַרויסגעוואַקסן בינטן שכינה־שטראַלן ווי פון משה רבינוס קאָפּ. דער זונפאַרגאַנג שטראַלט מיט זיינע פאַרבן, און דער ייִדן־פאַרגאַנג האָט דאָ געשטראַלט מיט זיינע פאַרבן. זיי האָבן אַרויסגעשטראַלט פון דעם פּרוכת.

מאָרגן וועט ווידער קומען אַ זון־אויפגאַנג מיט נייע פאַרבן... און דער ייִדן־אויפגאַנג ?...

דאָס אויסגעשפּרייטע פּרוכת איבער דער גאַנצער ברייט און הויך פון קעלער האָט נישט געלאָזט זען וואָס הינטער דעם, אויף יענער זייט, טוט זיך, ווי מען קאָן נישט אַריינקוקן אין אַ קדשי־קדשים.

די אַלטע האָט געקוקט אויף מיר : וואָס זאָגן מיינע אויגן, מיין פּנים ?

איך האָב דערזען, אַז אין איר פּנים האָבן זיך דערפּרייט אַ פּאָר קלוגע קנייטשעלעך.

נעבן אַ שפּאַרע מיט אַ ביסל ליכט האָט זי אַוועקגעשטעלט פאַר מיר אַ צעוויגט, צעלאָמיעט בענקל. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט לייכט, אין דער לופטן, כּמעט נישט אָנגערירט דאָס געזעס, אַז דאָס בענקל זאָל זיך נישט צעשיטן אונטער דער משׂא פון מיין וואָג, הגם איך האָב דעמאָלט געוויגן מיט אַ דריטל ווייניקער ווי אַ מאָל. זי האָט מיר דערלאַנגט צוויי פאַרמעטענע יריעות פון אַ ספר־תּורה. לויט איך האָב פאַרשטאַנען איז דאָס כּתב געווען נישט כּשר. פון אַ סך אותיות איז דער טינט געווען אָפּגעשפּרונגען, צעשמירט, אָפּגעריבן. אָבער פאַר איר, דער אַלטער, און פאַר מיר, זענען די שטיקלעך פון דער תּורה, דעמאָלט, דאָרט, געווען הייליקער ווי כּשר. זיי זענען אויך געווען אומשולדיקע קרבנות פונעם אומגליק. די יריעות זענען געווען פון דער סדרה וירא, די פּרשה וועגן עקדת יצחק.

— זאָג, זאָג, לערן דיך, קינד מיינס, מאָרגן 'עסטו דאָס דאַרפן לייענען.

איך האָב אָנגעהויבן: „ויהי אחר הדברים האלה ————". — אַ פּאָר נייע, קלוגע קנייטשעלעך האָבן זיך דערפּרייט אין איר פּנים:

— גוט, גוט, קענסט לייענען אין דער הייליקער תּורה. לייען נאָך אַ מאָל און מאָרגן קום באַלד אין דער פרי, נישט שפּעט...

צו מאָרגנס האָט זי ברייט אַוועקגעבויגן אַ שטיק פון פּרוכת און מיך אַריינגעלאָזט אין הינטערשטן טייל פון קעלער. אויף דער ערד, אָנגעשפּאַרט מיט דער פּלייצע אין זאַמדיקן ווענטל, איז געזעסן אַ ייִנגל מיט אַ צעקנעפּלט יופּעצל, דעם טלית־קטן האָט מען ברייט אַרויסגעזען און די ציצית זענען אַראָפּגעהאָנגען פון די קני. פון הינטער דעם אַרויפגערוקטן שוואַרצן קאַפּעלע האָבן ביי די שלייפן, נעבן די אויערן, פון ביידע זייטן זיך אַראָפּגעלאָזט האַלב־געדרייטע פּאהלעך. העכער אויפן שטערן איז געלעגן אַ של־ראש מיט די רצועות אַראָפּגעהאָנגען איבער די ברוסטן. איין האַנט ביז צום עלנבויגן איז געווען שטייף אויסגעשטרעקט און דער אַרבל אַרויפגעשאַרצט ביז צו דער פּלייצע. אויפן מוסקול איז געלעגן דער של־יד און דער אַנטבלויזטער אָרעם אַרומגעוויקלט זיבן מאָל מיט דער רצועה. אויף דער האַנטפלאַך איז די רצועה געווען געקנופּט לויטן דין און מיט אַ פאַרבויגענעם פינגער. די אויגן,

טויט־גלאַנציקע מיט טונקל־בלויע אַפּלען אין די וויסלען, ברייטער ווי נאָר־מאָל, זענען געווען פון אַ ליאַלקע.

— רוף אים אויף צו דער תורה... שלמה בן ר׳ אליעזר — — —

מיין אויפרופן אים איז געווען ווי איך האָב געדענקט:

— „יעמוד הבחור הבר־מצווה שלמה בן — — —״. — און האָב געלייענט די פּרשה.

צי איך האָב געלייענט ריכטיק מיטן טראָפּ, צי פאַלש — שווער צו זאָגן. איך האָב נאָכגעלייענט ווי געהערט אַ מאָל אין חסידים־שטיבל, אין בית־מדרש, אָבער דאָס האַרץ האָט געלייענט ריכטיק, געקלעמט פון ווייטיק און די מאַמע האָט זיכער געהערט ווי דער טרויער כליפּעט דאָרט. פּאָר אַ מאַמעס אויג און אויער גייט גאָרנישט אויסצובאַהאַלטן.

דערנאָך האָט זי, די אַלטע, אָנגעהויבן די דרשה:

— אַלמעכטיקער! דו ביסט אומעטום פול און דו ביסט דער עולם אויף אונדזער שׂמחה. היינט ווערט מיין שלמה בר־מצווה. ער איז דער איינציקער נאָכוווקס פון אַלע מיינע קינדער. ער אַליין קאָן די בר־מצווה־דרשה נישט האַלטן, ער ׳אָט קיין צונג נישט. זאָג איך זיין דרשה מיט מיין צונג און ׳על דיך דינען פאַר אים מיט מיין האַרץ. ער לייגט תּפילין דאָס ערשטע מאָל און דאָס איז זיין ערשטע מצווה... זיין טאַטע וואָלט געדאַרפט זאָגן „ברוך שפּטרני — — —״ און אויף שלמהלען זאָלן שוין גיין די עבירות און מצוות. אָבער ער ׳עט שוין קיין עבירות נישט טיִען און די מצוות ׳על איך טיִען פאַר אים און זיי זאָלן גערעכנט ווערן אויף זיין קאָנטאָ. ווי לאַנג דו ׳עסט מיך לאָזן דאָ זיין ׳על איך לייגן די תּפילין אויף זיין קאָפּ און אויף זיין האַנט, ער זאָל נישט זיין ביי דיר אָן מצוות... דו ׳אָסט אים צוגענומען פאַר דער צייט ׳על איך אָנזאַמלען פאַר אים די מצוות און זיי אַרויפשיקן צו דיר מיט דער באַבעס האַרץ, ווייל קיין טאַטע און קיין מאַמע זענען נישט געבליבן דאָס צו טיִען...

— ביי אונדזער זיידן אברהם האָט דער מלאך אָפּגעלענקט זיין האַנט מיטן מעסער פון יצחקס האַלדז און ביי אונדזערע שלמהלען ׳אָסטו נישט אָפּגעהאַקט די הענט פון די רוצחים.

— ער איז נישט בלויז איין שלמהלע. כ׳האָב געפונען דאָס הענטל פון

מיין קינדס קינד, מיין איינציק אייניקל — כאָטש געפונען עפּעס, אַ שטיקל קינד, פּונקט דאָס העגטל צו לייגן די תּפילין דערויף, ׳אָב איך שוין צוזאַמענ־געגומען די בײנדעלעך, ריפּעלעך און שערבלעך אויך פון אַנדערע שלמהלעך און זיי צוזאַמענגעדראָטעוועט, צוזאַמענגעבונדן און צוזאַמענגעקנופּט... גאָט, רבונו דעלמא, דו ׳אָסט געטאָן באַשאַפן דעם ערשטן אדם הראשון פון זאַמד און ליים און פון דענסטמאָל אָן פּייניקן אונדז זיך און דינען דיך. ׳אָב איך אויך אַרייַנגעטאָן ליים און זאַמד אויסצושטאָפּן די ריפּעלעך, ביינדעלעך און שערבעלעך און זיי צוזאַמענגעקלעפּט און זיי פול געמאַכט.

— זיי מיר מוחל, הייליקער באַשעפער! כ׳אָב נישט געמאַכט קיין געשטאַלט אין דעם אויסזען פון דיין באַשאַף, וואָס מען טאָר נישט. דו ׳אָסט אים באַשאַפן און איך ׳אָב אים איבערגעמאַכט. ס׳איז דיין באַשעפעניש ׳אָב איך אים צוריקגעשטעלט ער זאָל נישט זיין אָן מצוות צו דיר... מ׳אָט אים קיין קבר נישט געגעבן — אויסגעמישט אים מיט דער ערד, ׳אָב איך אים צוריק אויסגעקראַצט, אַרויסגעריסן פון דער ערד און... יעצט באַווייז דו אַ נס, באַשעפער פון דער גאַנצער וועלט — דו קאָנסט דאָך אַלץ — זאָל זיין צונג ווערן פון פליש און אָנהייבן צו רעדן, זאָלן זיינע אויגן ווידער זען, זיינע אויערן זאָלן קאָנען הערן דאָס געזאַנג פון די תּפילות צו דיר, גיב אים דעם כוח עס זאָלן זיך מערן פון אים נייע שלמהלעך... דו קאָנסט אַלץ באַווייזן, באַשעפער פון דער וועלט!...

אויף דער בר־מצווה זענען מיר געווען דריי. די אַלטע, איך, וואָס זי האָט מיך גערופן „קינד מיינס” און דער בר־מצווה־בחור, וועלכער האָט זיך נישט געקאָנט פרייען, נישט וויינען און נישט לאַכן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די העלע, אָבער קאַלטע בלינדע אויגן זיינע, מיט די ליכטיק־בלויע אַפּלען, דערוואַרעמען זיך און וועקן זיך צום זען.

דער גערעטעוועטער

(פיקטיווע דערציילונג אויף אַ וואָרער טעמע)

קאַפּיטל א

דאָס שווישפּיל

פייוול שטיינמאַן איז געווען פון די ערשטע יידן, וואָס זענען אַריינ־געפאַלן אין לאַגער. ער איז אַרומגעגאַנגען מיט פיס אַריינגעשטעקט אין די לעכער פון צוויי אויסגעהוילטע שטיקער האָלץ, וועלכע האָבן געהייסן שיך. פון מיטן דער נאַכט ביז שפּעט אין אָוונט איז צו זיין רוקן געווען צוגעשמידט אַ ברעט, אויף וועלכן ער האָט געטראָגן ציגל. פון דער רגע, ווען ער האָט גענומען אויף זיך דאָס ברעט ביז צום אויסטאָן עס, האָט ער נישט געוווּסט פון קיין אָפּרו. אָפּנאַרן און נעמען ווייניקער ציגל, ווי עס איז געווען די נאָרמע, האָט ער נישט געקאָנט. פאַר איין ציגל ווייניקער איז געווען דער פּרייז פינפאונצוואַנציק שמיץ און אין זיין גוף איז נישט געלעגן אַזוי פיל כוח, אַז ער זאָל האָבן מיט וואָס צו באַצאָלן.

פונקט ווי יעדער טאָג האָט זיך זיינע געציילטע שעהען און מינוטן, אַזוי האָט שטיינמאַן יעדן טאָג געמוזט אַדורכמאַכן די זעלבע צאָל געגנג מיט די ציגל אויף די פּלייצעס. אָן אָנגעלאָדענער, ווי אַ קעמל אויף זיין הויקערדיקן רוקן, איז ער געקראָכן אויפן פּערטן שטאָק אַרויף. די ציגל וואָלט מען געקאָנט אַרויפציִען מיט אַ הייבער, אָדער מיט אַ שטריק, נאָר שטיינמאַן האָט דאָס געטאָן מיט זיין גוף, וואָס איז נאָך יעדן גאַנג אין דער הויך אַרויף, געוואָרן אויסגעמאַטערטער, דאַרער און קלענער. די הילצערנע שיך, לויז וויגנדיק זיך אויף זיינע נאַקעטע פיס, האָבן געריסן לעבעדיקע שטיקער פלייש.

מיט דער צייט האָבן זיך די הילצערנע שיך אין גאַנצן צוגעקלעפּט צו זיינע פיס און ער האָט זיי מער נישט געקאָנט אויסטאָן. דער בלויז אין זיי איז געוואָרן אָנגעגאָסן מיט בלוט און מאַטעריע, וואָס האָט געהאַרטעוועט און פעסט צוגעשווייסט דאָס האָלץ צו דער פּאָדעשווע. אַז שטיינמאַן האָט אַ מאָל באַקוקט די דינע בלויע ביינער מיט די הילצערנע אָנגעוווקסן פון אונטן, האָט ער זיך בשום אופן נישט געקאָנט צוגלייבן, אַז דאָס זענען זיינע פיס. ער, וואָס איז שוין לאַנג אָפּגעוווינט פון טראַכטן האָט געאַרבעט מיטן מוח, געוואָלט דערגיין צו וואָס פאַר אַ חיה, צו וואָס פאַר אַ באַשעפעניש קאָנען געהערן אַזעלכע אויסטערליש־פאַרקריפּלטע גלידער. אין דעם פּערדס טלאָען, וואָס זענען נישט פילבאַר, קאָן מען אַריינהאַקן טשוועקעס, אָבער די טלאָען וואָס זענען צוגעוואַקסן צו זיינע, שטיינמאַנס, פיס, זענען אין גאַנצן אַנדערע. אַז זיי רירן זיך אין עפּעס אָן, טוען זיי ווייַ, עס שלאָגט אַרויס בלוט און אייטער, וואָס זיי ציִען אין זיך אַריין פונעם לייב. פון דער פייכט־קייט, וואָס געפינט זיך אינעם האָלץ, איז עס ווייך און ווערט טיילמאָל אָנגעקוואָלן ווי געשווילעכץ.

שטיינמאַן איז אין יענער צייט קיין מאָל נישט פאַרבייגעגאַנגען פאַר אַ גלאַנציקער זאַך, אין וועלכער עס זאָל זיך אָפּשפּיגלען זיין געשטאַלט. נאָר ער האָט געוווסט, אַז ווען ער זאָל זיך דערזען אין אַ שפּיגל, וואָלט ער זיכער שטיין געבליבן אַ דערשראָקענער פאַר דעם פּאַרזעניש. פּונקט ווי ער דערקענט נישט זיינע אייגענע פיס וואָלט ער זיך אַליין אויסגעזען פרעמד, ווילד. קוקנדיק אויף די מענטשן, מיט וועלכע ער האָט צוזאַמען געאַרבעט, האָט ער געזען זיך אַליין.

עס האָט זיך אַ מאָל געמאַכט אַ מאָמענט ווען שטייענדיק אונטן אויפן פּלאַץ האָט ער געקאָנט אויפהייבן דעם אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און מיט אַ ניכטערן בליק קוקן אויף די רושטאָוואַניעס, איבער וועלכע ער פלעגט גאַנצע טעג קריכן אַרויף און אַראָפּ. פון דערווייטנס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אַ שוואַרצע מאַסע ווערעמלעך קריכן דאָרט און דראַפּען זיך אויף אַ גלייכער וואַנט. דאָס איז אַזאַ באַרג, אויף וועלכן זיי וווינען, דאָ פאַרברענגען זיי די טעג, שפּילן זיך און האָוען און דאָס איז זייער ווילטאָג און פאַרגעניגן. נאָר ווען ער איז צוגעקומען נענטער האָט ער קלאָר דערזען ווי די רושטאָוואַניעס

זענען אין דער גאַנצער ברייט און הייך געדיכט באַהאָנגען מיט אויסגע־קרימטע קאָמישע מענטשעלעך, מיט צעדרייטע פיגורעלעך, באַוואָקסענע מיט שמאַטעס און צויטן, מיט האָר און שמוץ. די מענטשעלעך זענען גע־קראָכן אויף די ברעטער, זיך געהוידעט ביז אויפן פערטן שטאָק אַרויף און פון אויבן זיך אַראָפּגעלאָזט ביז צו דער ערד. ביי יעדן שטאַפּל, וואָס איינער האָט זיך אונטערגעהויבן, האָט ער דורכגעמאַכט אַ שווערן געראַנגל. אַז ער האָט אַוועקגענומען אַ פוס פונעם ברעט, כּדי אים אויפצוהייבן העכער, האָט דער פוס דווקא געשווערט, געצויגן אַראָפּ, ווי עס זאָל זיין צו אים צוגעבונדן אַ שטיין. די מאַסע ציגל אָדער ליים, וואָס איז געהאָנגען אויף דעם מענטשנס רוקן, האָט אים געוואָלט אין גאַנצן אָפּרייסן פון דער רושטאָ־וואַניע און דעם איינציקן כּוח, וואָס זאָל זיין שטאַרקער פון דעם, האָט ער געמוזט געפינען אין די געשוואָלענע, פאַרוווּנדעטע הענט, אין די אויס־געקרימטע פינגער.

די אַרבעט איז דאָ געגאַנגען מיט טעמפּאָ און נישט זעלטן נאָך אַ מיטיק זענען אַהער געקומען אַן אָפיציר מיט אַ דאַמע און בײדע האָבן זיך האַרציק געוויילט, קוקנדיק ווי די קריפּלען טאַנצן פון ברעט צו ברעט, העכער און העכער, וויגן זיך אין דער לופטן, האָפּסלען, שפּרינגען אונטער, ווי מאַלפּעס אויף צווייגן, יאָגנדיק זיך איינער נאָכן צווייטן... ווען ער, דער דייטש, האָט באַמערקט, אַז דאָרט אויף דער וואַנט, שאַפט זיך אַ פּיקאַנטער מאָמענט, האָט ער פון אַ ברויק, לעדערן שיידל אַרויסגענומען אַ פּערלמוטערנע טעאַ־טער־לאָרנעטע, זי צוגעשטעלט צו די אויגן און אַלצדינג געזען נענטער, קלאָרער, פאַרגרעסערט. אויב עס איז אים אויסגעקומען לאַנג צו קוקן האָט ער אַ געשריי געטאָן, אַז מען זאָל דערלאַנגען בענקלעך, און ביידע, ער מיט דער דאַמע, האָבן זיך געמיטלעך אַוועקגעזעצט נישט אָפּרייסנדיק די אויגן פון די רושטאָוואַניעס. די לאָרנעטע איז געגאַנגען פון איינעם צום צווייטן, און ביידע האָבן געטריי אָפּגעהיטן, אַז קיינער פון זיי זאָל גאָרנישט אָנווערן פון דער הנאה, וואָס דאָס געזעענע רופט אַרויס.

איינער פון די קריפּלען דאָרט האָט פאַרלוירן די ברעטער פון אונטער די פיס און געגומען צאַפּלען הענגענדיק בלויז אויף די הענט. מיט אַ מאָל האָט איין האַנט אויף אָנגעווירן דעם אָנהאַלט און דער גאַנצער קערפּער

האָט זיך געוואָרפן, געראַנגלט, זוכנדיק מיט עפּעס זיך נאָך צוריק אָנצוכאַפּן אינעם לעצטן ביסעלע לעבן. ער האָט זיך אַזוי לאַנג געוויגט, געפּלאַטערט אין דער לופט ביז ער האָט זיך אָפּגעריסן ווי אַ טראָפּן וואַסער פון דאַך. אינעם ווינט האָבן די צוויטן פון זיינע מלבושים זיך אויסגעשפּרייט, און ווי געטראָגן אויף פליגלען האָט ער זיך אין אַ גלייכער ליניע אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד.

ביידע, ער און זי, דאָס דייטשע פּאָרל, האָבן אויף אַ רגע אַוועקגענומען די לאָרנעטע פון די אויגן און זיך אַריינגעקוקט אין די פּנימער, כּדי צו זען איינער ביים צווייטן דעם איינדרוק. זיי האָבן אָבער נישט געהאַט לאַנג קיין צייט צו דעם, ווייל באַלד האָט זיך באַוויזן פאַר זיי עפּעס שענערס.

איינער, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן, האָט אַ ביסל נידעריקער זיך נאָך באַוויזן צו דערכאַפּן אין דער רושטאַוואַניע. ער איז געבליבן הענגען מיט די אַרונ־טערגעבויגענע פיס אונטער זיך, מיטן קאָפּ אַראָפּ און דאָס איבערגעקערטע פּנים זיינס איז געווען פריי, אָפן פאַר זיי, פאַר דעם אָפּיציר מיט דער דאַמע. זיי האָבן געקוקט דורך די פאַרגרעסער־גלעזער פון דער לאָרנעטע און מיט אַ פאַרשאַרפטער קלאָרקייט געזען אַלע איינצלהייטן פון דעם פּנים. די שמור־ציקע, באַוואַקסענע הויט איז געווען צוזאַמענגעצויגן און יעדעס פעלבעלע באַזונדער האָט געציטערט, געציקט פון די גסיסה־ווייען. די אויפגעבלאָזענע פליגעלעך פון דער לאַנגער, ייִדישער נאָז האָבן זיך האַסטיק באַוועגט, ווי זיי זאָלן וועלן איינהאַלטן די צוויי שטראָמעלעך פּאַרע, מיט וועלכע עס איז שוין מסתּמא אויסגערונען דאָס לעצטע ביסעלע וואַרעמקייט פון זיין גוף.

די אויגן פאַרגאָסענע מיט בלוט האָבן איבערן שטערן געקוקט אין אָפּגרונט אַריין און אין דמיון שוין געוואָרפן דעם לעצטן בליק אויף זיינע קינדער און אויף דער וועלט, וואָס ער האָט אַ מאָל געזען. דאָס רונדיקע פינצטערע מויל איז געווען געעפנט צו אַ געשריי, נאָר קיין געשריי האָט עס נישט אַרויסגעברענגט. אין דעם אָפענעם מויל האָט זיך באַוויזן אַ ביסעלע בלוט, וואָס איז דורך דער אויבערשטער ליפּ, פאַרביי דער נאָז, געקראָכן צום אויג צו. אָנזאַמלענדיק אַ קליין בלוט־טייכעלע אינעם ווינקל פון אויג, איז דאָס שנירעלע גערונען ווייטער איבערן שטערן ביז עס האָט טראָפּנווייז גענומען קאַפּען פון אַן איינצלנער האָר אַראָפּ. עס האָט זיך געדאַכט,

אַז אַ שפּיץ פון אַ מעסער איז לאַנגזאַם געגאַנגען איבערן פּנים און עס אויפ־געשניטן. דער ייִד האָט מיט אַ מאָל אויסגעגלייכט די פיס, מיט די שיך אַרויף צום הימל, אויסגעשפּרייט די הענט און זיך געגעבן אַ לאָז אַראָפּ, ווי אַ גוטער שווימער, וואָס טוט פון אַ הויך אָרט אַ שפּרונג אין וואַסער אַריין.

דאָס בענקל אונטערן אָפיציר האָט אַ סקריפּ געגעבן פון דעם, וואָס ער האָט אַ שטאַרקן צאַפּל געטאָן און אויסגעשריגן:

— וווּנדערבאַר!

די דאַמע איז געזעסן מיט אַ צעשטראַלט פּנים און געענטפערט:

— יאָ, יאָ...

אַ סך פון די קריכנדיקע זענען אַראָפּגעפאַלן פּשוט ווי פּירות האַרבסט־צייט, ווען מען טוט אַ שטאַרקן שאָקל מיטן בוים. די מענטשעלעך זענען שוין געווען אַזוי אויסגעשטאַנען, אַזוי רייף צום אַראָפּפאַלן, אַז עס איז שוין נישט געווען אין זיי קיין שום כּוח, וואָס זאָל זיי צוהאַלטן צו די ערטער. זיי זענען געפאַלן קלאַנגלאָז און קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט, ווי עס וואַרפט זיך נישט אין אויג אַריין אַ שטיקל ציגל, וואָס פאַלט אַראָפּ, אָדער אַן אָפּשפּריץ פון ליים, בעת דער מויערער פּאַטשט עס אַרויף אויף דער וואַנט און די וואַנט דערכאַפּט עס נישט. דאָרט פון וואַנען עמעצער האָט זיך אַרויסגעריסן האָט מען אין גאַנצן נישט אָנגעזען קיין לאָך, קיין בלויז. דאָס אָרט איז באַלד פאַרגאָסן געוואָרן מיט אַנדערע, וואָס האָבן געקלעטערט פון אונטן.

קאַפּיטל ב

דער געראַטעוועטער

די בלאַסע, דערשלאָגענע ייִדן, צוריקגעקומענע פון זייער לאַנגיאָריקן מלחמה־וועג, זענען שוין געשלאָפן. דאָ אויף די בעטלעך, אינעם צייטווייליקן אָפּרו־הויז, האָבן זיך די אויגן גיך פאַרמאַכט. די ייִדן זיינען געווען אויסגע־שעפּט און אָפּגעשטאַנען פונעם קוקן גאַנצע טעג אויף די איבערבלייבעכצן פון זייערע אונטערגעגאַנגענע היימען. פּלוצלינג האָט אַ טומל אָפּגעשטעלט דאָס כראָפּען אין די צימערן. אַלע פון דער צוזאַמענוווינונג האָבן זיך אַ ריס געטאָן פון די בעטן. אין דער ערשטער רגע, ווען מען האָט דערזען דאָס

אויפשפרינגען און געלויף פון די מענטשן אין די ווייסע אונטערוועש, האָט זיך יעדן אויסגעוויזן, אַז פון די גאָר־וואָס איבערגעריסענע חלומות זענען אַרויסגעקראָכן די טויטע און זוכן אַן אָרט, וווּ זיך צו ראַטעווען. נאָר ווען מען האָט אָנגעצונדן ליכט האָבן די מענטשן זיך געלאָזט אין קאָרידאָר אַריין, אַ פאַרלייגטער מיט שמאַטעס, זעק און מאַטראַצן, וואָס טייל איינוווינער האָבן דאָ אַהערגעשלעפּט פון זייערע ווייטע וואַנדער־וועגן. דורך דעם שמאָלן דורכגאַנג, וואָס איז נאָך געבליבן פריי, האָט מען זיך געשטופּט צום עק קאָרידאָר ביים אַריינגאַנג. דאָרט איז אויף אַ באַרג מיט פּעק געלעגן אייַנגעקנוילט, אַ פרעמדער ייִד, מיט אַ צעריסן פּנים, אַ פאַרקלעפּטס מיט בלוט. ער איז געלעגן אין גאַנצן אָן באַוועגונג און דאָס מויל און אויגן זענען געווען פאַרמאַכט. מען האָט נישט געוווּסט, צי ער איז אַליין אַהער אַריינגעפאַלן אָדער עמעצער האָט אים דאָ אַריינגעוואָרפן. קיין פרעמדער איז נעבן אים נישט געווען.

מען האָט אים אַריינגעטראָגן אין אַ צימער, און שפּעטער, ווען ער איז שוין געלעגן אויף אַ בעטל אַן אַרומגעוואַשענער, האָט ער ברייט אָן עפן געטאָן די אויגן. נאָר עפּעס אַ טונקעלער נעפּל האָט אין זיי סיי ווי אַלץ פאַרשטעלט, ווי מען זאָל קוקן אין צוויי פאַררויכערטע שטיקלעך גלאָז. ער האָט עפּעס ווי געמורמלט פון שלאָף און צוזאַמען מיט אַ קרעכץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון אים דאָס וואָרט:

— קעלץ!

אויף די פּנימער פון דעם קרענצל ייִדן, וועלכע זענען דאָ אַרומגעשטאַנען, האָט אַרויסגעשלאָגן אַ בלאַסקייט, אַזאַ ענלעכע צו זיך, ווי ביי אַלעמען וואָלט אין דער זעלבער רגע גענומען ווירקן עפּעס אַ סם פון אַ גלייכער קראַפט. עטלעכע מאַמעס האָבן אַ כאַפּ געטאָן די קינדער אויף די הענט און זיי צוגעדריקט צו זיך, גלייך זיי זאָלן מורא האָבן, עס זאָל מיט זיי, חלילה, עפּעס נישט געשען. אַרום דעם בעטל איז געוואָרן וואָס אַ מאָל ענגער. אַלע האָבן מיט די אויגן, מיט באַוועגן די הענט, מיט אַלע נערוון, געוואָלט אַרויסשלעפּן, אַרויסציִען פון דעם פאַרחלשטן ייִד כאָטש נאָך עטלעכע ווערטער, ווי מיט דעם וואָלטן זיי זיך געקאָנט ראַטעווען פון אַ גרויסער געפאַר.

אָבער אין דער נאַכט האָט מען זיך פון אים מער גאָרנישט דערוווּסט.

צו מאָרגנס אין דער פרי האָט זיך דער ייִד אויפגעהויבן. זיינע אויגן זענען געווען אָפן, אָבער ער האָט אויף גאָרנישט געקוקט. ער האָט צו קיינעם נישט גערעדט און ווען פון אַלע זייטן זענען צו אים געפאַלן פראַגן, האָט זיך געדאַכט, אַז עס דערגייט צו אים גאָרנישט, וואָרעם ער האָט זיך צו קיינעם נישט אומגעקערט צו מאָל מיט אַ בליק. נישט אָפּגעוואַשן, נישט געגעסן, איז ער אַ באַטויבטער, אַן איינגעקאָרטשעטער, אומבאַמערקט אַוועקגעקומען פונעם הויז.

דערנאָך, עטלעכע טעג כסדר, האָט ער זיך יעדן אָוונט שטיל אַריינגעשלייכט צוריק אין צימער. וועגן יעדן מענטש, וואָס איז געקומען האָט די טיר געמאָלדן מיט אַ קוויטשעדיקן סקריפּ און אַלע פון דער צוזאַמענוויינונג האָבן אויפגעהויבן די קעפּ. נאָר ווען ער איז אַדורכגעגאַנגען די טיר, האָט מען עפּעס גאָרנישט געהערט, ווי די זאַוויאַסעס וואָלטן דערשטיקט אין זיך זייער פאַרטריקנטן גרילץ, כּדי נישט צו שטערן דעם דאָזיקן ייִד אין זיין דערשלאָגענער שטילקייט און נישט אַרויסצורופן קיינעמס בליקן אויף אים. ער איז צוגעגאַנגען צו זיין בעטל, זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד און אַזוי געבליבן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. דאָס פּנים, וואָס ציט זיך פון ברייטן שטערן ביז צו דער שפּיציקער גאָמבע, שיף ווי אַ קלין, איז געווען געל, מיט אַן אויפגעפּלאַצטער הויט אויף עטלעכע ערטער. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער טויט, פון וועלכן ער האָט זיך נישט־לאַנג צוריק אַרויסגעריסן, איז אים נאָכגעלאָפן פון קעלץ ביז אַהער קיין לאָדזש, און וויל נישט אַראָפּ פון זיין פּנים.

ווען ער האָט זיך געכאַפּט, אַז מען קוקט אויף אים, האָבן די אָנגעשוואָלענע זעקעלעך פון אונטער זיינע אויגן זיך געגעבן אַ צי אַרויף. די אויגן זענען געוואָרן פאַרדעקט ווי מיט האַלב־שאָלן פון וועלשענע ניס, דריבנע געשפּאָלטענע און גערינצלטע. ער האָט אפשר אַזוי פאַרשטעלט, פאַרפּאַנצערט די אויגן, אַז מען זאָל דורך זיי נישט קאָנען אַריינקוקן אין זיין נשמה. זאָל דאָרט אַלצדינג בלייבן פאַרגליווערט, איינגעשלעפערט, אָפּגעסמט. אויב מען זאָל עפּעס אויפרודערן, אַ ריר טאָן אַפילו מיטן בלויזן בליק, קאָנען דאָרט די הונדערטער אָנגעלאָדענע ווייטיקן, קאָנדענסירטע, צוזאַמענ־

געפּרעסטע איינער מיטן צווייטן, אויפגעריסן ווי דינאַמיט, אין וועלכן מען וואַרפט אַריין אַ פונק און דאָס וואָלט אים צעריסן אויף שטיקלעך.

שעהען איז ער אַזוי אָפּגעזעסן פאַרגליווערט.

נאָך זיין אַוועקגיין, האָט מען קיין מאָל נישט געוווּסט, צי מען וועט אים נאָך אַ מאָל זען. יעדער מענטש פון דעם צימער האָט פאַרמאָגט אַ זעקל, אַ קעסטל, אַ מלבוש, אַ כּלי, האָט געלאָזט אויפן בעט אַן אייגן קישעלע, אַ קאָלדרע און מען האָט שטענדיק געוווּסט אויף וועמען מען האָט זיך נאָך צו ריכטן אין אָוונט. נאָר דער דאָזיקער ייִד האָט קיין מאָל נישט איבער־געלאָזט נאָך זיך קיין שפור. אַזוי ליידיק ווי ער איז דאָ אַהער אַריינגעפאַלן, אַזוי ליידיק איז ער געקומען און אַוועקגעגאַנגען יעדן טאָג.

איין מאָל ביי נאַכט האָט ער ווידער געשטערט דעם שלאָף פון זיינע מיטוווינער. פון זיין ווינקל האָט זיך פּלוצלינג גענומען טראָגן אַ קרעכצן און שלוכצן, וואָס איז כּסדר געוואָרן העכער און שטאַרקער. איבערוועקנדיק זיך, האָט קיינער נישט געדענקט צי יענער איז שוין געקומען, אָדער זיין בעטל שטייט נאָך ליידיק. עס האָט זיך עפּעס געגלייבט, אַז דאָס בלויזע בעטל, וואָס האָט גאַנצע נעכט געטראָגן אויף זיך דעם ייִדן, האָט שוין איינגעזאַפּט פון אים, דורך זיין לייב, אַזוי פיל פון זיין פאַרשלאָסענעם ווייטיק, אַז עס קאָן שוין אַליין אויך קרעכצן. ווען עס איז געוואָרן ליכטיק, האָט מען געזען ווי ער זיצט אויף זיין בעטל. ער האָט זיך אין גאַנצן גע־טרייסלט און מיטביידע הענט זיך איינגעקלאַמערט אינעם ראַנד נישט אומצופאַלן. דאָס מויל איז געווען אָפן, ווי אַ גרויסער קנויל זאָל וועלן אַרויסשפּאַרן פון דאָרט, נאָר עפּעס לאָזט נישט. עס האָבן זיך בלויז אַרויס־געריסן שטיקלעך געשריי, שפּליטערן פון דעם, וואָס ווערגט אים. נישט אַלע פון די שלאָפנדיקע האָבן זיך אויפגעהויבן, זיי האָבן זיך שוין צוביסלעך צוגעוווינט צו דעם ייִד. בלויז עטלעכע מענטשן זענען צוגעגאַנגען. ער האָט אויף זיי אַ קוק געטאָן מיט אַ פייכטן בליק פון איבערגעדרייטע אויגן און גענומען שטאַרקער שלוכצן און יאָמערן. פונעם אויסגעקרומטן מויל האָבן זיך געריסן ווערטער, צונויפגעקלעפּטע שטיקער רייד. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס קומט נישט בלויז פון זיין מויל, נאָר אויך פון די אָפענע וווּנדן אויף זיין פּנים און ער ברעכט אַזוי אויס שטיקערווייז די ביטערניש און דעם

ווייטיק, וואָס ער האָט געמוזט אַ לאַנגע צייט אַריינשלינגען אין זיך.

דער דאָזיקער יי״ד איז געווען פייוול שטיינמאַן, און אין דער דאָזיקער נאַכט איז קלאָר געוואָרן עפּעס פון דעם וואָס מיט אים איז געשען.

קאַפּיטל ג

באַפרייונג

פייוול שטיינמאַן האָט אַליין נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי ער איז אַרויס אַ געראַטעוועטער פון אַלע געפאַרן. ער איז נישט אַראָפּגעפאַלן פון די רוש־טאָוואַניעס, נישט אויסגעגאַנגען, ווען ער האָט זיך אויסגעגליטשט אויפן שנײַ טרעטנדיק מיט די העלצער צוגעוואַקסענע צו זיינע צעטרייבערטע פיס. קיין קויל האָט אים נישט געטראָפן, ווען עס האָבן אים נישט געסטייעט קיין כוחות זיך אויפצוהויבן. ער איז נישט געבליבן ליגן אַ דערשטיקטער אָדער דערפרוירענער ווי פיל אַנדערע, נאָכן אָפּשלאָפן אַ שטיקל נאַכט אין אַ פראָסט אויף דער שטיינערנע פּאָדלאָגע אונטער עטלעכע שיכטן מענטשן.

אין איינער אַ נאַכט האָט מען אים נישט אויפגעוועקט ווי יעדעס מאָל. ער איז געבליבן ליגן אין באַראַק ביזן העלן טאָג אַריין. קיינער האָט נישט געשריגן, נישט געזידלט די אַרעסטירטע שקלאַפן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער. מען האָט נישט געטריבן צו דער אַרבעט, נישט געשמיסן מיט קיין בייטשן. מערסטנס פון די אויפזעער זענען פאַרשוווּנדן און די, וואָס האָבן זיך יאָ נאָך דאָ אַרומגעדרייט, זענען אויך געבליבן נישט אין גאַנצן, אין זייער גאַנצער גרייס — זיי זענען איבער נאַכט ווי קלענער געוואָרן. ס׳איז אַראָפּ פון זיי די אַנזעעוודיקייט. די אויפגעריסענע, אָפּשרעקנדיקע אויגן זייערע זענען אויך געוואָרן קליין און דאָס רשעות אין זיי, די אָפענע ברוטאַלע שלעכטקייט האָט זיך באַהאַלטן אונטער אַ פאַלש גלאַנצעלע. זיי האָבן אַנגעווירן די גראָבע, האַרטע, שרייענדיקע שפּראַך און מען האָט נאָר געהערט פון זיי אומשולדיקע, גוטמוטיקע רייד, זיי זענען אין גאַנצן נישט דרייסט געווען צו ריידן און אויב זיי האָבן יאָ געוואָגט, האָבן זיי נאָר דער־ציילט וועגן טובות, וועגן גוטס, וואָס זיי האָבן געטאָן.

ווען שטיינמאַן איז אַרויס אין דרויסן האָט ער עפּעס גאָרנישט דערקענט. אַלץ איז געווען אין אומאָרדענונג, הפקר. די רושטאָוואַניעס, וועלכע ער

איז געווינט געווען צו זען פולע, באַוועגלעכע יוירנדיקע מיט מענטשן, זענען געשטאַנען לײדיקע, פרעמדע. זיי האָבן אויסגעזען מאָדנע, נאַקעטע, ווי געדיכט־באַוואַקסענע ביימער, פון וועלכע דער ווינט גיט מיט איין מאָל, אין איין אויגנבליק אַ יאָג אַראָפּ אַלע בלעטער צוזאַמען מיט דער גאַנצער פאַרב. די מענטשן — קרומע, איינגעהויקערטע, האָבן צעמישטע אַרומגע־הונקען איבערן פּלאַץ. זיי האָבן פריי, אָפּן זיך אָנגעקוקט און זיך דערשראָקן איינער פאַרן צווייטן. פאַר זייער אויסזען, ווי זיי זאָלן דאָס ערשטע מאָל קוקן אויף זיך אין אַזאַ הולך, אין אַזאַ פאַרקריפּלונג. די זעלבע מענטשן, וואָס זענען ביז אַהער גאַנצע טעג געגאַנגען אָן אָפּשטעל, שלעפּנדיק אויף זיך שווערע לאַסטן, האָבן איצט אין גאַנצן ליידיקע, נישט געקאָנט שטעלן קיין פוס. אָפּגייענדיק עטלעכע טריט זענען זיי אומגעפאַלן. טייל האָבן זיך אויסגעזוכט דרענגלעך, לייסטן און געגאַנגען אָנגעשפּאַרט אָן זיי. אַ סך האָבן זיך אָנגעהאַלטן איינער אינעם צווייטן.

ווער עס האָט נאָר געקאָנט האָט זיך געשטופּט אין קיך אַריין, ווו עס זענען אויסגעלעקט געוואָרן די לעצטע רעשטלעך עסן. שטיינמאַן האָט זיך נאָך דערשלאָגן צו אַ ביסל זופּ. ערגעץ אונטער אַ באַנק זענען געלעגן עטלעכע רויע קאַרטאָפל, האָט ער זיי גענומען.

אַלע טויערן זענען געווען אָפן און קיינער האָט זיי נישט געהיטן. מיט אַ לאַנגער צווייג אין דער האַנט, מיט אַ זעקעלע שמאַטעס, שטיקלעך האָלץ און אַ ביסל רויע קאַרטאָפל אויף דער איינגעהויקערטער פּלייצע, טאַפּנדיק מיט אַ בלינדלעכן בליק דעם וועג פאַר זיך, איז שטיינמאַן אַרויסגעגאַנגען, כאָטש ער האָט אַליין נישט געוווסט וווהין ער גייט. ער איז געגאַנגען פאַמעלעך, אונטערשפּרינגענדיק. דער גאַנצער ווייטיק, צו וועלכן ער איז ביז איצט געווען אָפּגעטעמפּט, האָט אים מיט אַ מאָל אַ נעם געטאָן, ווי אַ באַהאַלטן פייער, וואָס בוכעט פּלוצלינג אַרויס.

אין וועג איז שטיינמאַן געוואָרן אַרומגערינגלט פון עטלעכע מענטשן אין פרעמדע מיליטערישע מונדירן. זיי זענען געווען נייגעריק צו וויסן וואָס ער שלעפּט דאָ אין דעם זעקעלע און געהייסן זיך ווייזן. זעענדיק וואָס איגעווייניק געפינט זיך האָבן זיי זיך איבערגעקוקט מיט אַ פאַרשעמט און רחמנותדיק־גוטמוטיק שמייכעלע אויף די פּנימער — אין וואָס, מ׳שטיינס־

געזאָגט, זיי זענען חושד אַז דאָס פאַרקריפּלטע נפש. זיי האָבן צוגענומען ביי אים דאָס זעקעלע, געגעבן אים אַ צווייטס, אַ גרעסערס, און עס אָנגעלייגט מיט ווייס ברויט, פלייש־קאָנסערוון און שאָקאָלאַד. דערנאָך האָבן זיי געהאַט אַ ביטע צו אים: ער זאָל נאָך אַ מאָל נעמען דאָס פריערדיקע זעקעלע אויף די פּלייצעס און עטלעכע סעקונדן שטיין רויק. זיי האָבן געקוקט אויף אים דורך די קליינע אויגן פון די פאָטאָגראַפיר־אַפּאַראַטלעך און אים געדאַנקט.

שטיינמאַן האָט געלאָזט טאָן מיט זיך אַלץ וואָס מען האָט געהייסן. אַזוי איז ער שוין געווען אויסטרענירט. ער האָט עס געטאָן אָן אַ שמייכל, אָן פאַרדראָס, אָן צופרידנקייט און אָן אַ דאַנק.

שפּעטער האָט מען אים גענומען אין שפּיטאָל אַריין. אַ סך וואַנעס מיט געל און רויט וואַסער האָט מען אויסגעגאָסן ביז די הילצערנע שיך האָבן זיך געלאָזט אַראָפּנעמען פון זיינע פיס. מען האָט זיי אַראָפּגענומען שטיקערווייז. דאָס איז מער נישט געווען קיין האָלץ, נאָר שטיקער צעפוילט, מענטשלעך לייב, אַ געמיש פון צעווייקטער מאַטעריע און פאַרגליווערט בלוט.

דאָרט, אין שפּיטאָל, איז אים געקומען אין האַנט אַריין די פאָטאָגראַפיע, וואָס די מיליטער־לייט האָבן פון אים אַראָפּגענומען. עס איז אים געווען שווער צו פאַרשטיין ווי אַזוי ער, אַ מאָל אַזאַ הויכער, האָט געקאָנט אַזוי נידעריק אַראָפּוואַקסן. אויף דעם טונקעלן, גלאַנציקן קאַרטל האָט ער געזען אַ קליין, איינגעהויקערט מענטשעלע מיט אַ שוואַרץ אַראָפּגעלאָזט פּנים און פינצטערע אויגן. נישט אויף קיין פיס איז ער געשטאַנען, נאָר אויף צוויי פאַרמלאָזע קנוילן, מאָדנע אויסגעקרומטע, עפּעס אַרונטערגעבויגן, ווי זיי זאָלן שטיין אויף די קנעכל־ביינער. קיין הויזן האָט ער אין גאַנצן נישט געטראָגן, נאָר עפּעס אַ מין לאַנגען ראָק מיט נאָכהענגענדיקע צויטלען. אַרום אויפגעשטעלטן קעלנערל און אַרום דעם בויך איז דער ראָק געווען צוגעבונדן מיט שטיקלעך דראָט.

די וואָרעמקייט און ווייכקייט פון געלעגער האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז דאָס אַלץ איז שוין אַריבער און עפּעס אַ טרייסט האָט מילדער געמאַכט דאָס שווערע, דריקנדיקע געמיט זיינס. ער האָט געוואָלט באַהאַלטן די פאָטאָגראַפיע אונטערן קישן, כּדי שפּעטער צו ווייזן מענטשן דאָס, וואָס ער האָט מיטגעמאַכט, ווי ער האָט אַ מאָל אויסגעזען. ער האָט זיך אָבער באַלד

דערמאָנט, אַז זיין וועלט איז מער נישטאָ, ער האָט נישט קיינעם וועמען עס צו וויזן, וועט עס זאָל אים באַדויערן און וועט זיך פרייען מיט אים. און זיינע אויגן זענען ווידער געוואָרן פינצטער ווי אויף דער פאָטאָגראַפיע.

קאַפּיטל ד

דער פּאָגראָם

שטיינמאַן האָט אַ ביסל אויסגעגלייכט דעם גוף אין בעט און די פיס האָבן זיך אויף אַזוי פיל פאַרהיילט, אַז ער האָט שוין געקאָנט אָנטאָן אַ פּאָר שיך. דעמאָלט איז ער אַרויס פון שפּיטאָל און צוריקגעפאָרן אין זיין היימשטאָט קעלץ. פון אַלעם וואָס ער האָט דאָרט איבערגעלאָזט האָט ער געפונען בלויז דעם טאַטנס הייזל, נאָר טאַטע־מאַמע האָבן זיך אינעווייניק מער נישט אַרומגעדרייט. עס איז פאַרשוווּנדן דער שבת און יום־טוב און אַלץ, וואָס איז אים דאָרט אַ מאָל געווען נאָענט און וואַרעם. דאָ האָט ער מער קיין היים נישט געפונען. ער איז געגאַנגען וווינען אין אַ הויז ווו עס האָבן זיך דערווייל אויפגעהאַלטן די איבערגעבליבענע ייִדן פון דער שטאָט, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט פון פאַרשידענע עקן פון לאַנד און אויסלאַנד, פאַר־שלעפּטע און אַנטלאָפענע. אומעטום, אויף די טרעפּן, אין די צימערן זענען אַרומגעגאַנגען ייִדן און ייִדענעס מיט אַ קרעכץ, מיט אַן אומגליק. טאָג און נאַכט האָט מען דאָ געהערט אויסטערלישע מעשׂיות וועגן פאַרברענטע ייִדן, נאָענטע, די אייגענע טאַטע־מאַמע, די אייגענע קינדער. מען האָט גערעדט וועגן הונגער, וועגן מתים, וואָס זענען געלעגן אין די גאַסן. דאָ האָט זיך צונויפגעזאַמלט דער טרויער און פּחד פון די געטאָס, פון וואַנען מענטשן זענען אַהערגעקומען. מען האָט אַריינגעבראַכט די פינצטערניש און שרעק פון בונקערס, די פּיין פון לאַגערן. דאָס אַלץ האָט זיך מיט הויכע טריט אַרומגעדרייט דאָ אין הויז, געשלאָפן מיט די מענטשן אין די בעטן, אַרויס־געקראָכן פון די זעקלעך און פּעקלעך, וואָס מען האָט אויפגעבונדן עפּעס אַרויסצונעמען. די פּאָדלאָגעס האָבן זיך געוויגט אונטער די פיס, ווייל לעבעדיק־באַגראָבענע מענטשן האָבן דאָרט נישט איינגערוט. ביי נאַכט האָבן שלאָפנדיקע גערעדט מיט ייִדן, וואָס זענען אַוועק פון זייער פאָלק, געפרייט זיך מיט געפונענע קינדער ביי גויים.

יעדן טאָג האָבן יידן פֿון דעם הויז זיך אַוועקגעלאָזט זוכן נאָענטע. אין אַ טאָג אָדער צוויי אַרום זענען זיי צוריקגעקומען מיט נייע מעשׂיות איינע טרויעריקער פֿון דער צווייטער. טייל מאָל האָט עמעצער געפֿונען אַ ברודער, אַ קרוב, וועלכן ער האָט דאָ אַריינגעבראַכט, ווי אַ לעבעדיקע מעשׂה פֿון דעם זעלבן אינהאַלט וואָס מען האָט זיך דאָ דערציילט.

שטיינמאַן האָט ווייניק גערעדט און אַ גלייכגילטיקער און אָפּגעטעמפּ־טער זיך צוגעהערט צו די אַלע פֿאַרשידענע רייד. איין מאָל איז אַריינגעקומען אַ פֿרוי פֿון אַ צווייטן צימער און זיך דאָ מיט עמעצן צערעדט. ער האָט געהערט ווי זי דערמאָנט אַ סך באַקאַנטע נעמען פֿון זיין משפּחה. זי האָט גערעדט מיט אַ טאָן ווי מען איז מזכיר־נשמות. ער איז צוגעגאַנגען נענטער און אָנגעקוקט די פֿרוי. זי האָט אויך אַ קוק געטאָן אויף אים און ביידע האָבן אויפֿגעהויבן די הענט, וועלכע זענען אַ רגע אַזוי פֿאַרבליבן, צי פֿון פּלוצלינגער פֿאַרגליווערטקייט, אָדער זיי האָבן אומבאַרעכנטערהייט אָפּגע־געבן אַ לויב און אַ דאַנק צו דעם, וואָס זיצט אויבן. דערנאָך האָבן זיי אַריבער־געוואָרפֿן די הענט איינער דעם צווייטן אויף די אַקסלען. קיינער פֿון זיי האָט נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט, נישט קיין שמייכל געטאָן. זיי האָבן נאָר אָפּגעקערט איינער פֿון צווייטן די פּנימער, ווי זיי זאָלן מורא האָבן זיך צו קוקן אין די אויגן אַריין נישט צו זען דאָס אומגליק אין זיי — און אפשר האָבן זיי בכלל אַ טעות, זיי זענען נישט די זעלבע ?...

אָבער זי איז יאָ געווען זיין שוועסטער, מרים.

איבער די צימערן פֿון הויז האָט זיך אַרומגעפּלאָנטערט אַ קינד. עס איז געקראָכן אויף אַלע פֿיר, אויסגעשטרעקט די הענטלעך צו די דערוואַק־סענע און מיט די בלויע אייגעלעך געבעטן מען זאָל עס נעמען אויף די הענט.

שטיינמאַן האָט זיך פֿאַרטראַכט. עס קאָן זיין, אַז אין דער ווייטער צוקונפֿט האָט ער שוין דערזען אַ חנדעלע פֿון אַן אייגן קינד.

אָבער לאַנג צו חלומען וועגן דעם איז אים נישט אויסגעקומען. דער בלאַסער שמייכל, וואָס האָט שוין אַ מאָל אומדרייסט געוומען אַרויסקומען אויף זיין פּנים איז אין איין טאָג ווידער פֿאַרשוווּנדן. דער טויט וואָס איז אים עטלעכע יאָר געהאַנגען איבערן קאָפּ, נאָכגעגאַנגען פּוסטריט, האָט זיך ווידער געגעבן אַ רוק אַרויס פֿון די לעכער און געקומען אַהערצולויפֿן דאָ,

אין דעם הויז, ווו עס האָט זיך געפונען דאָס ביסל געראַטעוועטע ייִדן.

אַ געשריי, וואָס האָט דערמאָנט אינעם געהייל פון די ס.ס. האָט פלוצלינג ווי די בהלה פון אַ שׂריפה אַרומגעכאַפּט דאָס הויז. אָבער דער איבערפאַל איז געווען פון זייערע אייגענע בני־עיר, זייערע שכנים, מיט וועמען זיי האָבן צענדליקער יאָרן געוווינט צוזאַמען און געלעבט גוט מיט זיי. דער טויט איז געקומען פון אויסגעשטשירעטע ציין, געשליפענע פון האַס, פון אַ ים צערייצטע, גיפטיקע אויגן. הילצערנע דרענגער און שטיקער אייזן זענען געפאַלן אויף ייִדישע קעפּ, געבראָכן ביינער.

פּיוול שטיינמאַן האָט זיך געפונען אין דער מיט פון דעם אַלעם, און נאָך מיט די, אין פּאַניק צעטומלטע אויגן, האָט ער באַמערקט, ווי די טעמפּע קלעפּ פון שטיינער מעקן אָפּ אין איין מינוט דעם מענטשלעכן אויסזען פון פּנימער. שטיינמאַנען איז געלונגען זיך אַרויסצוגליטשן פון די קלעפּ און אַרויפצוקריכן אויפן בוידעם. עס איז אים נאָכגעגאַנגען דער לעצטער בליק פונעם אַלטן דאָקטער, מיט וועלכן ער האָט געוווינט אין איין צימער, אַ בעטל ביי אַ בעטל. ער האָט נאָך געזען די קלעפּ וואָס זענען געפאַלן אויף זיין גרויען קאָפּ. די נאָז איז אים באַלד אַוועק אין אַ זייט, איין אויג איז פאַרשוווּנדן אונטער דער אויפגעלאָפענער באַק און דאָס ווייסע שפּיציקע בערדל איז אין גאַנצן רויט געוואָרן. שטיינמאַנען האָט זיך געדאַכט, אַז אַ רויט גלאָנ־צעלע פון זיין צווייט אויג קוקט אים נאָך ווי ער לויפט זיך באַהאַלטן.

ווען שטיינמאַן איז אַראָפּ פון בוידעם זענען די טויטע ייִדן שוין געווען אַוועקגעפירט אין פּראָסעקטאָריום. ער איז פאַרבייגעגאַנגען די אויפגעבראָ־כענע טירן פון דעם אויסגעליידיקטן הויז. פון די ייִדן, וואָס האָבן זיך דאָ געהאַט צונויפגעזאַמלט איז בלויז געבליבן אַ טונקל־רויטע פאַרב אויף די ווענט. עס האָט זיך אים איצט אויסגעוויזן, אַז דאָס גאַנצע הויז איז געווען איין גרויסער ייִדישער גוף און נישט מענטשן האָבן דאָ נעכטן אַזוי געשריגן, נאָר דאָס הויז אַליין האָט ווי אַ לעבעדיקס, בעתן קוילען עס, אַזוי געברילט און געהילט, אַרויסגעגעבן אַזעלכע געוואַלדן. און איצט, נאָך דעם ווי עס איז געוואָרן אַרויסגעשלעפּט דאָס איינגעווייד, געפינט ער זיך, שטיינמאַן, אינעווייניק צווישן די אויסגעהוילטע, פאַרבלוטיקטע ווענט פון דעם ריזיקן גוף, באַקלעפּטע נאָך מיט פּיצלעך הויט און מאַרך.

פון מרימען, דער איינציק־געבליבענער שוועסטער, האָט ער אין עטלע־כע טעג אַרום געפונען בלויז אַ שפּור אין אַ צייטונג, ווו עס זענען אין אַ שוואַרץ רעמל געווען אויסגערעכנט די נעמען פון די געפאַלענע יידן אין קעלץ. עס איז מסתמא נישט געבליבן ביי איר קיין פּאַפּירל, וואָס זאָל זאָגן ווער זי איז. אין דער צייטונג איז, אַנשטאָט דעם נאָמען, נאָר געווען אָנגעגעבן דער נומער, וואָס מ׳האָט אין לאַגער מיט אַ בלוי פּייערל אויסגעגליט אונטער דער הויט פון איר האַנט. און אפשר האָט מען דאָ דאָס שטיקל האַנט געפינען באַזונדער, אָן דעם גוף? איר מענטשלעכער נאָמען איז אין גאַנצן פאַרשוווּנדן.

שטיינמאַן האָט זיך צומאָל נישט דערוווּסט ווו זי איז געווען און וואָס זי האָט מיטגעמאַכט. זיי האָבן נאָך נישט געהאַט באַוויזן צו ריידן צווישן זיך — עס איז שווער געווען זיך צו נעמען צו דעם שמועס. פּונקט ווי זי האָט זיך פּלוצלינג באַוויזן פאַר אים אַזוי גיך איז זי ווידער פאַרשווּנדן, און מיטגענומען אַלץ, וואָס זי האָט געטראָגן אין זיך. אין זיין זכרון איז נאָר געבליבן דער נומער פון קאָנצענטראַציע־לאַגער אויף איר האַנט. בלויז דאָס איז פאַר אים געווען דער איינציקער זכר פון זיין משפּחה.

אונטערן שלייער פון רויך

טייל ייִדן, נאָכן צוריקקומען אין זייער געבוירן־לאַנד, האָבן נישט גע־וואָלט טרעטן אויף דער ערד וואָס איז דורך דער צייט געוואָרן אַדורכגע־ווייקט מיט בלוט און באַשאָטן מיט אַש. נישט דאָס תשעה־באָב אַש, וואָס מען פלעגט אַרויסנעמען פון אונטערשטן טירל אין אויוון נאָך דעם אויס־געברענטן האָלץ און קוילן, און אונדזערע זיידעס און טאַטעס מיט די בערד, האָבן עס געשיט אויפן קאָפּ אַלס טרויער פון חורבן בית־המקדש, נאָר דאָס פרישע אַש פון די פאַרברענטע אייגענע טאַטע־מאַמע, פון אייגענע קינדער.

אַנדערע האָבן נישט געקאָנט פאַרלאָזן דאָס אָרט איידער זיי גיבן אַ קוק אויף זייערע געוועזענע היימען, כאַפּן אַ בליק: ווי זעט עס איצט אויס?... כאָטש אָפּזיצן אַ ביסל שבעה אויפן אָרט.

דער, וועמענס היים איז נאָך געווען גאַנץ, האָט פון אייגענעם געפיל נישט געקאָנט אַריינגיין אינעווייניק. ער האָט געוווּסט, אַז אויפן אָרט ווו ס׳איז געשטאַנען די ספרים־שאַנק, לאָזט מען איצט אַראָפּ אין גאָרגל אַריין גאַנצע פלעשער בראָנפן זיך צו קוויקן און מיט פרייד צו דערמאָנען דאָס גוט אָפּגעטוענע שטיקל אַרבעט מיט די זשידעס; אויפן אָרט ווו עס איז געשטאַנען דער גרויסער מיט ציגל־קאָליר געגלייזטער, ליימענער טאָפּ מיטן אָנגעשטעלטן, שמעקנדיקן רויטן באָרשט אויף פסח, שטייט איצט אַן אייזער־נער טאָפּ מיט קאַפּושניאַק, מיט חזיר־פעטס און שטיקער חזיר־אויערן אינעווייניק, אַז מען הערט נאָך אַרויס אינעם געדעכעניש דאָס קוויטשען און ריטשען פון די, מיט קאָכעדיק וואַסער אָפּגעבריטע, חזירים און פונעם דערבענדיקן זיי דורכן קיילער.

ווער עס האָט שוין געזען זיין היים אַן איינגעוואָרפענע, האָט זיך אָוועק־

געזעצט אויף אַ צעבראָכן שטיק מויער. און דאָרט, ווו די שטיקער ברוך זענען שוין געווען אַוועקגערוימט, האָט מען זיך אַנידערגעזעצט אויף דער ערד, אויף דעם אָרט פון דער היים.

אָבער דאָס בלויזע שבעה־זיצן האָט נישט געקאָנט שטילן דעם ווייטיק. עס איז דאָ אַזוי ליידיק! ווו זענען זיי אַהינגעקומען? די גראָטעוועסקע האָבן זיך שנעל פאַרוואַנדלט אין אֲבלים. פריִער האָט מען געהאַט פיצלעך אילוזיעס, איצט איז מען אין דער רעאַליטעט.

לאָמיר כאָטש געפינען אַ סימן, אַ שפור!

קיינער פון די אֲבלים איז נישט געווען דערביי ווען זיינע נאָענטע האָבן אויף אייביק צוגעמאַכט די אויגן, קיינער האָט זיי נישט אָפּגעהויבן פון די געלעגערס, נישט נאָכגעגאַנגען די לוויות... ווו זענען זיי?!

דער ערשטער אַדרעס איז געווען אוישוויץ. אפשר איז דאָרט געבליבן הענגען אויף אַ בוים עמעצנס אַ געשריי, וואָס וועט צוריקקומען מיט אַ ווידערקול? אפשר איז ערגעץ אויף אַ צווייגל געבליבן אַ פּאַפּוגיי און וועט נאָכזאָגן אַ פיצל „שמע ישראל" פון מיין מאַמען? די פּאַפּוגייען האָט מען דאָך נישט פאַרברענט...

צוויי אָנגעפּראָפּטע וואָגאָנען מיט אֲבלים זענען געפאָרן אַ גאַנצע נאַכט. יעדער האָט זיכער געהאַט דאָס באַוווסטזיין, אַז ער געפינט זיך אויפן זעלבן וועג, פאָרט אויף די זעלבע שינעס, ווו מיט אַ קורצער צייט צוריק זענען אין פאַרהאַקטע וואַגאָנען, אין שטיקעניש, געפאָרן אונדזערע עלטערן און קינדער, ברידער און שוועסטער. זיי זענען געפאָרן זיך מער נישט אומצו־קערן, אויסצוגיין אין מוראדיקע יסורים, און פאַרוואַנדלטע אין אַש, אין פיצלעך ביין, איינגעקנעטן צו ווערן אין דער ערד.

האָרט ביים אַריינגאַנג אין אוישוויצער לאַגער באַגעגענען מיר אַ תליה. אָבער דאָס איז נישט מער קיין תליה פון סאַדיסטישער מענטשן־פאַרניכטונג, נאָר אַ תליה פון גערעכטער נקמה. דאָ אויף דעם שטריק האָט זיך געהוידעט דער אויבער־קאָט און לאַגער־קאָמענדאַנט רודאָלף העס.

ווען מען האָט העסן פאַרלייגט דעם שלייף אויפן האַלדז האָט מען אים אויסגעדרייט מיטן פנים צום לאַגער און, אַז ער האָט מיט די בליקן אַרומ־גענומען דאָס גאַנצע בלוטיקע ווערק וואָס ער האָט געשאַפן, האָבן זיך

אונטער זיינע פיס אַן עפן געטאָן די קלאַפּעס פון דעם הילצערנעם קאַסטן און ער איז געבליבן הענגען מיט אַרויסגעזעצטע אויגן.

דער מאַן וואָס פירט אונדז איבערן לאַגער־מוזיי איז אַ הויכער, אַ גרויער, מיט בלאַנדזשענדיקע אויגן, אין וועלכע עס ליגט עפּעס אַ שרעק, וואָס וויל נישט אויסוועפּן. דאָ, אין דער שטילקייט צווישן די באַראַקן, צווישן די סימנים פון מיליאָנען פאַרפייניקטע, מאַכט ער דעם איינדרוק, ווי ער זאָל פּלוצעם האָבן דערוואַכט אויף אַ באַרג פון טויטע, און דערזעענדיק ווו ער געפינט זיך, האָבן די שרעקפולע אויגן זיינע געגומען בלאָנדזשען, זוכנדיק אַן אָרט צו ראַטעווען זיך. רודניצקי איז טאַקע העכער דריי יאָר געווען אין לאַגער און איז איינער פון די געציילטע וואָס זענען געבליבן לעבן. דער נומער זיינער איז 3011, אויסגעקריצט אויף דער האַנט.

מיר גייען אַדורך דאָס טויער, איבער וועלכן עס הענגט נאָך די אויפ־שריפט אויף דייטש „אַרבייט מאַכט פריי״. אין דער רגע האָבן מיר זיכער דערפילט דאָס, וואָס אונדערע נאָענטסטע, בעת זיי זענען פון די ס.ס. אַריינ־געיאָגט געוואָרן אין דער נעץ דאָ, אַרומגענומען פון אַלע זייטן מיט פיר־מאָל טאָפּלטן שטעך־דראָט, אָנגעלאָדענעם מיט הויכער עלעקטרישער שפּאַנונג. דאָס טויער איז געווען די גרענעץ צווישן ספקדיקן לעבן און אומפאַרמייד־לעכן טויט. אויף דער אינעווייניקסטער זייט איז יעדער געוואָרן אויס מענטש, אויסגעטאָן פון יעדער קולטור און מענטשלעכער רעכט. דאָ איז מען געוואָרן אַ נומער צוגעטשעפּעט צו אַ שמאַטע, וועלכע דאַרף ווערן צעריסן, צעפליקט, פאַרברענט.

שטילע גייען מיר איבער די בלאָקן, וועלכע זענען פון פייניקונגס־קאַמערן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מוזיי. די אויפגעפרישטע זאַלן וויזן קעסטעלעך מיט אַש פון פאַרברענטע מענטשן אין קרעמאַטאָריעס און אויף שייטער־הויפנס, שטיקלעך זייף אָפּצונאַרן, אַז מען פירט אין באָד אַריין, טיילן פון אַ שפּריצבאָד, בלעכענע שאַכטלען פון „ציקלאָן״ און אויסגעשיטער ציקלאָן־קרישטאָל. אין די בלאָקן וואָס רופן זיך „קאַנאַדע״, ליגט דאָס גוטס, וואָס מען האָט צוגענומען ביי די געקומענע אין לאַגער אַריין. דאָס ווערט־פולסטע, די אוצרות, זענען אַוועקגעפירט געוואָרן קיין דייטשלאַנד, אָבער דאָס וואָס איז דאָ געבליבן ווייזט נאָר די פיין פון די מאַסן קרבנות. אַ הויכער

גלעזערנער קאַסטן, אָנגעפּאַקט מיט ברילן, דערציילט וועגן צענדליקער טויזנטער מענטשלעכע אויגן, וואָס זענען פינצטער געוואָרן. די פאַרמען און קאָלירן פון די ברילן־רעמלעך, ווייסע, פון קאָלירטער מאַסע, גאָלדענע, גלאַטע און באַפּוצטע, רונדיקע און לענגלעכע, שאַפן פאַר אונדזער דמיון די פנימער, דעם עלטער, די פאַרמעגלעכקייט, דעם געשמאַק און קאַפּריז פון די וואָס האָבן זיי געטראָגן.

אַ קאַסטן מיט ציין־בערשטלעך, פון דערוואַקסענע און קינדער, דער־מאָנט אין ליכטיקע ציין פון טויזנטער מיילער, וואָס זענען געוואָרן אויס־געלאָשן. ווער קאָן אָפּציילן די צאָל פּענדזלען צום ראַזירן, קעמלעך, קינ־דערשע אַנצוגלעך, וועש, וואַליזקעס און רייזע־זעק מיט אַדרעסן פון פאַר־שידענע שטעט און לענדער. געוויסע יידן, אַרויסגענאַרטע פון באַזונדערע ערטער, איז מען נאָכגעקומען דעם פאַרלאַנג און געלאָזט אויפשרייבן אויף דער וואַליזקע דאָס אָרט וואוהין ער וויל פאָרן. אָבער די אַלע וואַליזקעס און פּעק זענען אָנגעקומען אויף איין אַדרעס, דאָ אַהער קיין אוישוויץ, און אויסגעליידיקטע, זענען זיי געבליבן אויף די־אָ פּאָליצעס. בלויז די אייגנ־טימערס פון זיי זענען אַוועק מיטן רויך.

מיר קומען צו צום זאַל, ווו עס ליגן די אָפּגעשוירענע פרויען־האָר. דער גלעזערנער קאַסטן, וואָס פאַרנעמט די גאַנצע לענג פון זאַל מאַכט דעם איינדרוק פון אַ באַסיין. הויך ביז די ברעגן איז ער אָנגעשטאָפּט מיט האָר פון אַלע קאָלירן. קורצע, גרויע האָר פון באָבעס, פון מאַמעס, און יונג גרוי־געוואָרענע פרויען. גראָבע, ברוינע פלעכטן פון ערשט־צעבליטע מייד־לעך. בלאָנדע צעפּלעך פון קינדער און שיטערע קרייזעלעך פון זויגלינגען. יעדער דרינגט דעם קאַסטן אַדורך מיט די בליקן: עס דאַכט זיך וועמען, אַז מען האָט דערקענט האָר פון אַ נאָענטער, אַן אייגענער — אָט דער קנויל איז געווען אַ פאַרקעמטער אויף יענערס לעבעדיקן קאָפּ. אָבער ווער קאָן דאָס זאָגן אויף זיכער? די האָר זענען נישט שטום, זיי טוען ווי די צוקוקערס, טייל חלשן אַפילו, אָבער זאָגן פון וועמען זיי זענען, די האָר, קאָנען זיי נישט... מיין שוועסטער איז געווען אַ בלאָנדע, כמעט ווייס, מיט אַן אָפּגלאַנץ פון העל גאָלד, איך זע דאָ אַזעלכע האָר — ווער ווייסט?!

אַ ים מיט שיך פאַרנעמען אַ ספּעציעלן זאַל. שיך שווערע, פּראָסטע,

און שיך עלעגאַנטע, געמישטע פון מענער און פרויען. קינדער־שיכלעך ליגן אויף אַ באַזונדער אָרט. אויגן ווערן פאַרטרערט, הערצער ווערן פאַרקלעמט — עס שטעלן זיך פאַרן בליק די קינדער, וועלכע האָבן זיי געטראָגן.

פאַרן פאַרניכטן די יידן האָט מען אַ סך פון זיי אַנגעקליידט אין טאַרבעס. אין דער טאַרבע האָבן אַ טייל נאָך געזען אַ פונק פון האָפענונג: אויב מען הייסט עפּעס מיטנעמען, אפשר איז דאָס צום לעבן. איצט ליגן זיי דאָ, די טאַרבעס, ווי אומגעלייגטע מצבות מיט לעזבאַרע נעמען און אַדרעסן און מיר גייען פאַרביי זיי ווי אויף קבר־אָבות.

די אָפּטיילונג מיט אויסגעשפּרייטע טליתים דערמאָנט אין אַ שול ביים דאַווענען, ביים פאַלן כּורעים. עס דאַכט זיך, אַז די מתפּללים זענען דאָ אַזוי געבליבן ליגן אויף דער ערד איבערגעדעקט מיט די טליתים איבער די קעפּ.

דער מוזיי געפינט זיך אויפן געביט פון „מוסטער־לאַגער". דאָ זעען מיר נאָך אין אָריגינאַל די צוויי קערמאַטאָריע־אויוונס, מיט די אייזערנע וועגעלעך, וועלכע האָבן אַריינגעפירט די טויטע, און נאָך מיט לעבן־אָטעמענדיקע יידן, גלייך אין די בראָט־פאַנען, ווו די קרבנות זענען געברענט געוואָרן ביז קויל און דערנאָך צעשיט אין אַש.

מען האָט דערציילט, אַז די וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שולד אויף זיך האָט מען אַריינגעשיבט אין אויוון פּשוט, געווינלעך, אָן אַ שטראָף. עס זענען אָבער געווען אַזעלכע וואָס האָבן זיך פאַרזינדיקט, זיך געבונטעוועט, אַרויסגעוויזן פּראָטעסט. זיי האָט מען אויף די וועגעלעך צוגעבונדן מיטן פּנים צום אָפענעם לאָך פון אויוון און האָבן אַ געוויסע צייט געמוזט קוקן אין פייער אַריין צו זען וואָס עס וועט שפּעטער זיין מיט זיי. זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרמאַכן די אויגן און נישט האַלטן אָפן, ווייל די שפּיצן פון די פלאַמען האָבן אַרויסגעטאַנצט פון דער עפענונג און זיי געשטאָכן, געבריט, געבלענדט אין פּנים אַריין. די צייט פון אַזוי ליגן איז געווען אויסגעמאָסטן לויט דער גרייס פונעם פאַרברעכן. דיסציפּלין און פּינקטלעכקייט האָט געמוזט זיין אַזוי ווי דער אויפזעער האָט באַשטימט.

ווער עס קומט דאָ אַהער לייגט אַוועק בלומען לכבוד די מאַרטירער. דאָס איז דאָס קבר ווו די לעבעדיקע קומען אַהער דערמאָנען און זאָגן „אל מלא רחמים".

דער מוסטער־לאַגער אוישוויץ (אָשוויענטשים) און דער שכנותדיקער לאַגער בירקענוי (בזשעזשינקי), מיט אַ פיל גרעסערער פאַרניכטונג־פּאָטענץ, האָבן פאַרנומען אַ שטח ערד פון פערציק קוואַדראַט קילאָמעטער און איז אַדורכגעזאַפּט מיטן בלוט, אַדורכגעקנעטן מיטן אַש און צעמאָלענע ביינער פון מיליאָנען יידן און אַ געוויסע צאָל פון אַנדערע פעלקער.

די דאָזיקע ערד וועט קיין מאָל נישט אויפהערן צו שרייען וועגן דעם, וואָס צו איר איז געשען. דאָס בלוט פון יידישן פאָלק שרייט אַרויס פון דאָרט.

אַ שמועס מיטן אַש

(אימפּרעסיעס)

אַז מיר דערנעענטערן זיך צו דעם קעסטל אַש, צינדט זיך אויף ס׳ניי אָן אונדזער הויט. מיר דערפילן די בראַנדן פון די ברענענדיקע לייבער פון די מיידלעך און יינגלעך, קינדער און זקנים פון אונדזער פאָלק.

אַזוי פיל יאָרן שוין פאַרביי זינט די קרעמאַטאָריעס זענען קאַלט געוואָרן און יעדעס מאָל ווערן די פייערן אויף ס׳ניי אויפגעבלאָזן אין אונדזערע הערצער. זיי ווערן אויפגעבלאָזן ביי יעדער דערמאָנונג וועגן יענע פלאַמען, ביי יעדער באַרירונג מיט אַ זאַק פון דעם שייטער, ביי יעדן אָנבליק פון אַ סימן.

פון די זעקס מיליאָן יידן זענען געבליבן עטלעכע קעסטעלעך אַש.

דאָס איבעריקע האָט דער ווינט צעבלאָזן, די ערד האָט צוגענומען.

די קעסטעלעך אַש זענען צעפּירט געוואָרן אין פאַרשידענע ערטער און איינס איז דאָ געקומען צו קבורה.

באַלד נאָכן חורבן האָב איך געוואַנדערט איבער שטעט און שטעטלעך אין פּוילן און געזוכט יידן אָדער סימנים פון זיי.

די שטעט זענען געווען ליידיק פון יידן און אויף די בית־עלמינס האָבן זיך נישט געפונען זייערע קברים.

אין אַ סך ערטער זענען די מצבות פון געשטאָרבענע פון פאַרן חורבן געווען אַרויסגעריסן און עס זענען מיט זיי געווען אויסגעלייגט טראָטואַרן.

דער חורבן האָט דערגרייכט אַפילו צו די נאַטירלעך געשטאָרבענע פון פאַרן חורבן.

בלויז אויפן בית־עולם פון דער שטאָט לאָדזש האָב איך געזען אַ ביסל

נייע מצבות. דאָס זענען געווען שמאָלע, נידעריקע מצבות מיט גלייכע קאַנטן פון אויבן, ווי אַקסלען נאָך אָפּגעהאַקטע קעפּ. די ווייסע מצבה־טאָוולען זענען געווען אָנגעפּיקעוועט מיט נעמען אויסגעקריצט אַ שורה אונטער אַ שורה, ווי די געבאָטן אויף לוחות. אויף די שטיינער־טאָוולען פון אַ באַגראָבענעם זענען צוגעטוליעט געוואָרן נעמען פון משפחה־מענטשן וואָס זענען אַוועק פון דער וועלט און מען ווייסט נישט ווען און ווי אַזוי. בלויז די נעמען פון אַ ביסל משפחה־מענטשן האָבן געפונען אַ בשותּפותדיקע היים אויפן שטיין פון אַ מצבה.

ווו איז דער אַדרעס פון זייער געביין?

— די אומגעבראַכטע ייִדן האָבן נישט קיין אַדרעס!

איינער פון די אַדרעסן איז דאָס קעסטעלע אַש דאָ.

ווען דאָס אַש דערפילט אונדזער דערנענטערן זיך הייבט עס צוריק אָן צו גליִען און ברענט אונדזערע לייבער. אונדזערע נשמות ווערן אַדורכ־גענומען מיטן אימת־מות, וואָס יענע זענען אַדורכגעגאַנגען.

מיר זעען אין דעם קעסטעלע אויפלעבן זעקס מיליאָן פּנימער מיט פלאַמען וואָס זעצן אַרויס פון זייערע אויגן. פון די אויפגעריסענע מײַלער, אָנגעשטאָפּטע מיט פייער און רויך, הערן מיר מיליאָנען געשרייען:

— פאַרגעסט אונדז נישט!

— זייט אונדז מזכיר!

און מיר לעבעדיקע זאָגן צו זיי:

— מיר געדענקען... מיר געדענקען, אַז אין יעדן שטויבעלע אַש ליגט באַהאַלטן אַ ייִדישע נשמה, אַז יעדעס שטויבעלע אַש איז אַ פאַרברענטער ייִד.

מיר געדענקען, אַז יעדעס שטויבעלע אַש איז אַ הויז מיט ייִדישע שכנים, איז אַ גאַס מיט ייִדישע איינוווינער.

מיר געדענקען, אַז יעדע עטלעכע שטויבעלעך אַש דאָ אין דעם קעס־טעלע איז אַ שטאָט מיט פאַרברענטע ייִדן.

איז אַ פאַרברענטע שיל מיט מתפּללים צוזאַמען מיט די הייליקייטן.

מיר געדענקען, אַז יעדעס שטויבעלע אַש איז אַ חדר מיט קינדער וואָס האָבן געלערנט אלף־בית, חומש מיט רש״י, איז אַ שול, וווּ שילער האָבן געלערנט ייִדישע ליטעראַטור.

מיר געדענקען, אַז פון יאַנוש קאָרטשאַקס יתומים־אַנשטאַלט און פון דער בית־יעקב־שול איז געוואָרן אַ שטויבעלע אַש, וואָס געפינט זיך אפשר דאָ אין דעם קעסטעלע.

איז אַ קלאַס פון די ציש״אָ־שולן.

און מיר אַלע וואָס שטייען דאָ פאַרזאַמלט אַרום אייך קאָנען נישט זאָגן דעם טראַדיציאָנעלן זאַג, אַז מיר זענען געקומען אויף קבר־אָבות. אויף קבר־אָבות הייסט קומען אויף די קברים פון די עלטערן און מיר שטייען דאָ ביי די קברים אַפילו פון פּיצלעך קינדער. יעדער פון אונדז איז אַ יתום פון אַ שטויבעלע אַש. אַ זיידע איז אַ יתום נאָך אַן אייניקל, אַ שוועסטער איז אַ יתומה נאָך אַ שוועסטער.

עס לעבט נאָך דער ייִד וואָס איז אַ יתום נאָך זיין זון, וועלכן מען האָט אויפגעהאָנגען פאַר זיינע אויגן.

עס זענען נאָך געבליבן לעבעדיקע מאַמעס, יתומות נאָך זייערע טעכטער וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט איבערגעבן די מערדער, נאָר האָבן אָבער זייערע לעבנס איבערגעגעבן צו קידוש־השם און קידוש־העם.

אַלע מיר, וואָס שטייען דאָ אַרום זענען יתומים נאָך אייך.

אייער פאַרמעגן האָט געירשנט דער מערדער, אייערע כוחות און לעבנס־זאַפטן האָט געירשנט דאָס פייער און מיר זענען די יורשים פון אייערע שלוכצן און זיפצן פון אייער ווייטיק און יסורים־געשרייען.

די דאָזיקע ירושה איז איינגעשלאָסן אין די פייער־קאַסעס פון אונדזערע הערצער און פון אונדזער בלוט.

און אַז עס איז געוואָרן שטיל און אַלע זענען געשטאַנען מיט געשפּאַנטע נערוון, האָט זיך געהערט אַ קול, אַ פאַראייניקט כאָראַל קול פון אַ גרויסן קאָלעקטיוו:

— מיר שטויבעלעך, איינגעפּרעסטע אין דעם קליינעם קעסטעלע אַש, וואָס אַ מאָל, ווען מיר זענען נאָך געווען פלייש און ביינער, ווען אין אונדזערע אָדערן איז נאָך געפלאָסן בלוט, ווען אונדזערע הערצער האָבן נאָך געקלאַפּט, ווען אונדזערע אויגן האָבן נאָך געזען, האָבן מיר פאַרנומען שטחים פון גאַנצע לענדער. פון די אַלע שטחים און לענדער האָט מען אונדז צוזאַמענגעקוועטשט אין דעם קליינעם קעסטעלע, דאָ. מיר וועלן אַרויפשטויבן אונ־

טער די הימלען און דאָרט קלאַפּן און שטורמען. מיר וועלן צוריקפאָדערן די כּוחות, וועלכע מען האָט אַוועקגענומען ביים אויסגיין פון אונדזערע לעבנס. און מיר וועלן די דאָזיקע כּוחות אַריינטאָן אין אייך און אין אייערע און אין אונדזערע קינדער לדור דורות.

און דער לעצטער געשעפּטש פון די לעבעדיקע איז געווען: אייערע שלוכצן און זיפצן, אייער וויטיק און די יסורים-געשרייען, וואָס זענען איינ־געשלאָסן אין די פייער־קאַסעס פון אונדזערע הערצער און אין די אָדערן פון אונדזער בלוט איז אַ באַוואָרעניש, אַז דאָס וועט איבערגיין לעולם-ועד פאַר אייך און פאַר אונדז לזכּרון און לקיום.

מייסטערשאַפט

ליפע מילשטיין האָט אַ סך יאָרן געאַרבעט ביי שניידעריי. זיין גרעסטע געשיקטקייט איז געווען ביי אַ שוואַך ליכט שנעל איינצופעדעמען אַ נאָדל, פּינקטלעך אָפּצושטעפּן אַ קאַנט. מיט קיין ספּאָרט האָט ער זיך נישט פאַרנומען, מיט קיין אַקראָבאַטיק אַוודאי נישט. קיין מיליטערישע איבונגען האָט ער נישט אַדורכגעמאַכט, אין קיין מלחמות איז ער נישט געווען. און פון וואַנען עס האָט זיך ביי אים אויסגעאיבט די קונציקייט, מיט וועלכע עס זענען באַשאַנקען נאָר די געשיקטסטע חיות אין וואַלד, איז שווער צו זאָגן.

איצט, ווען ער האָט געלעבט מיט דער ליידנשאַפט, כּמעט ווי אין פיבער, וואָס מער צו זיין אין גרויסן געטאָ, איז די גרענעץ, וואָס האָט אָפּגעשלאָסן דאָס געביט פון שאָפּ, ווו ער האָט געאַרבעט, פּונקט ווי אים צו להכעיס, געוואָרן אַלץ שטאַרקער פאַרצוימט און פאַרהעמערט. דאָס אַרויסבאַקומען זיך פון די מויערן און דראָטן איז געוואָרן וואָס אַ מאָל שווערער און געפערלעכער. מען האָט געמוזט אָנווענדן פאַרשידענע מיטלען און קונצן: אַ מאָל זיך אַדורכגנבענען, אַ מאָל איבערקויפן מיט דער אייגענער פּאָרציע ברויט, אָדער אַריינדרייען זיך אין אַ טראַנספּאָרט מענטשן צי סחורה, וואָס איז געשעפּטלעך געגאַנגען אַריין און אַרויס. ער האָט זיך צו מאָל אַליין נישט פאַרטראַכט פון וואַנען עס האָט זיך צו אים גענומען די געשיקטקייט, די געוואַגטקייט דאָס צו טאָן. די אַלע איינפאַלן, וואָס מען האָט געדאַרפט האָבן, כּדי אַרויסצובאַקומען זיך פון דער אָפּגעשלאָסנקייט, אָדער צוריק אַרייננדרייען זיך.

פריִער, ביים וועלן אַדורכפירן עפּעס פאַר זיך, אַז ער האָט נאָר אָנגעטראָפן אויף אַ שוועריקייט, איז ער באַלד געוואָרן אָפּהענטיק, אַריינגעפאַלן

אין אַ גלייכגילטיקייט, אין אַ יאוש: זאָל זיין וואָס עס וויל! ער האָט נאָר געטאָן דאָס, וואָס מען האָט אים באַפוילן און געצווונגען. פון צייט צו צייט האָט אין אים געגעבן אַ טלי אויף אַ ביסל ענערגיע, וואָס האָט אים געשטויסן צו שאַפן זיך עפּעס אַ צוגאָבלעך עסן, אָדער אַרויסרייסן זיך ערגעץ צווישן מענטשן, ווו ער האָט געהאָפט געוויר צו ווערן די שאַנסן פון לעבן. אָבער איצט האָט די ענערגיע כּסדר געאַרבעט אין אים, אַרויסגעטריבן די גלייכ־גילטיקייט, נישט געלאָזט רוען. אפשר איז דאָס אין גאַנצן אַן איינגערעדטע זאַך, דער גלויבן, אַז פּראָפעסאָר אייבעשיץ וועט עפּעס אויפטאָן, וועט נישט לאָזן אויף הפקר אַזוי פיל לעבנס, נישט לאָזן אַזוי פריי בושעווען דעם טויט. אָבער ער מוז זיך געפינען נעבן אים!

מילשטיינס לעבן האָט זיך אין גאַנצן געענדערט. עס האָט זיך וואָס אַ מאָל דערווייטערט פון אים דער באַגריף וואָס עס איז אַזוינס נאָרמאַלער, מענטשלעכער שטייגער. ער איז מער פאַר קיינעם נישט געווען קיין טאַטע, קיין מאַן, קיין פעטער, נישט געווען קיינעמס קינד. עס איז געווען ווייט פון אים די צייט, ווען אַ היים האָט געהייסן אַ שאַנק צו מלבושים, אַ טיש צום עסן, אַ געלעגער מיט בעטגעוואַנט. קיין שום געזעץ האָט נישט געשיצט זיין רעכט. מען האָט געקאָנט צוגיין צו אים אַראָפּנעמען דעם קאָפּ, אויפ־הענגען פאַר דער צונג, אַרויסרייסן אַ לעבעדיק שטיק פון זיין לייב. דערפאַר איז נישט געקומען קיין שטראָף.

ער האָט אַפילו אין אַ געוויסער מאָס אויפגעהערט נאָרמאַל צו גיין אויף דער ערד. דורך פענצטער און לעכער איז ער אַרויף אויפן דאַך, זיך געדראַ־פּעט אויף גלייכע מויערן, אַריבער פון איין הויז אויפן צווייטן, געקראָכן דורך בוידעמער, דורך קוימענס. דאָס איז געווען זיין נאָרמאַלער וועג מיט וועלכן ער איז געגאַנגען פון געביט, ווו עס האָט זיך געפונען זיין שאַפּ, ביז צום צענטראַלן געטאָ.

ווער האָט דאָס אים אויסגעלערנט, וויפל יאָרן האָט ער זיך געאיבט אין דעם? אַז אין דער וואַנט איז געווען אַ נישע, אַ שפּאַרע, אָדער עפּעס אַן אַרויסשטאַרצונג, האָט ער זיך איינגעקלאַמערט אין דעם מיט די פינגער, און דער גאַנצער קערפּער איז דערווייל געהאַנגען אין דער לופטן ביז ער האָט געפונען פאַר אים אַן אָנשפּאַר. פון דעם וואָס אין קערפּער איז אַריינ־

געקומען ווייניק באַרונג איז ער טאַקע געוואָרן זייער גרינג, אָבער דאָס האָט נישט געקאָנט זיין די סיבה פון האָבן כּוח צו האַלטן זיך אין דער לופטן. פּונקט ווי ער איז געוואָרן גרינגער האָט ער אויך פאַרלוירן אַזוי פיל קראַפט און שטייפקייט אין דער האַנט, וואָס איז געווען אָנגעטשעפּעט אָן דער מויער.

עס קאָן זיין, אַז די גאַנצע געשיקטקייט האָט זיך גענומען פון דעם, וואָס ער האָט זיך אויפגעהערט צו שוינען, ער האָט נישט מורא געהאָט פאַר זיין גוף. סיי ווי האָט ער דאָך שוין געקאָנט נישט עקזיסטירן. עס זענען דאָך שוין געווען פאַלן, ווען עס האָט נאָר געפעלט אַ האָר, אָן אויגנבליק, אַז זיין לעבן זאָל זיך ענדיקן. און אויב ער פאַרמאָגט עס יאָ נאָך, ווי אַ געפונענע זאַך, און קאָן עס יעדער רגע ווידער פאַרלירן, גייענדיק אויף דער גלייכער ערד, אָדער זיצנדיק אין אַ שטוב, איז ער דאָך זיכערער מיטן איינשטעלן עס. וואָרעם יעדע געפאַר, וואָס ער שאַפט זיך אַליין גיט אים מער שאַנסן צום לעבן, ווי דאָס נישט איינשטעלן זיך. אָט די איינשטעלעניש, קאָן זיין, גיט אים די געשיקטקייט.

ווען איינער קאָפּעט געשיקט אַ באַלעם מיטן פוס, אָדער מיטן קאָפּ, ווען עמעצער לויפט אויף אַ ראָווער פערציק קילאָמעטער אַ שעה, ווען ער טרייבט אָן אויטאָ דעם מאַקסימום קילאָמעטערס אין אַ מינימום צייט, ווערט ער באַלוינט מיטן טיטל וועלט־מייסטער, קעניג פון ספּאָרט. ליפּע מילשטיין האָט באַוויזן אַזעלכע קונצן, וואָס שטייגן ווייט אַריבער דאָס שפּרינגען פון די געוואַגטע נאַרטן־פּאָרער. ווען אויף זיין וועג איבער דעכער האָט זיך איבערגעריסן די פאַרבינדונג פון איין הויז מיטן צווייטן, האָט ער זיך פון פינפטן שטאָק געקאָנט געבן אַ לאָז אַראָפּ דורך קוימענס ביז אַפילו אונטער דער ערד, אַדורכקריגן זיך דורך קעלערס און קאַנאַלן, ווו עס האָט זיך געלאָזט, און דערנאָך ווידער צוריק אַרויף אויף אַ דאַך. אויף אַדורכצומאַכן אַ מאָל אַ שטיקל וועגס פון פופציק טריט האָט ער געקאָנט קריכן איבער די מויערן אַרויף און אַראָפּ טויזנט מעטער. אַז עס איז געווען נויטיק האָט ער זיך געקאָנט אַדורכקריגן דורך אַ לאָך פון אַ נאָדל, ווי מען זאָגט.

דער אונטערשיד איז נאָר דער, וואָס דער ספּאָרטלער, אויפן גאַנצן וועג פון באַוויזן זיין קונץ, רופט ער אַרויס מיליאָנען מענטשן פון די שטעט און לענדער, וועלכע ער פאַרט אָדער לויפט פאַרביי, אַז מען זאָל קומען קוקן

אויף זייַנע ווונדער. מיניסטאָרן גייען אַרויס פון די קאַבינעטן, סוחרים איילן פון די געשעפטן, אין די פאַבריקן שטעלט מען אָפּ די אַרבעט, שילערס פאַרלאָזן די קלאַסן. דער קונצנמאַכער באַקומט די העכסטע לויב און באַ־לוינונג.

ליפּע מילשטיין אָבער האָט מיטן מאַכן זיין אַקראָבאַטיק, זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן פון יעדן מענטשלעכן אויג. קוים האָט זיך אים געדאַכט, אַז עס פאַלט אויף אים עמעצנס אַ בליק, האָט ער באַלד געמוזט אָפּשטעלן זיינע קונצשטיק. ער איז דעמאָלט פאַרגליווערט געבליבן הענגען ערגעץ אין אַ שפּאַרע פון אַ מויער, אָדער אין אַ לאָך, אַז מען זאָל גאָרנישט באַמערקן זיין עקזיסטענץ. וואָס ווונדערלעכער עס איז געווען זיין אַקראָבאַטיק, אַלץ מער האָט ער זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן פון מענטשלעכע אויגן. ווען מען זאָל זען אים דאָס אויספירן, וואָלט מען אים מיט קיין מייסטערשאַפט נישט געקרוינט. די הויכע אויסצייכענונג וואָלט געווען צונעמען ביי אים דאָס לעבן.

אַ סך פון די אומגעקומענע און אַ סך פון די לעבנגעבליבענע האָבן פאַרדינט די אויסצייכענונג פון גרויסמייסטער.

די ערשטע פאַרן קאַמף ביז פאַלן אויף קידוש־השם און די צווייטע פאַר אויסהאַלטן.

דענקמאָל אין וואַרשעווער געטאָ

זיי גייען אויף אין אונדז מיטן אָפּשווימען פון לעצטן ווינטער־וואָלקן און מיטן אָנקום פון ערשטן פרילינג־ווינטל.

דעמאָלט, ווען טיף אין דער אונטערערד געדייעט יעדעס שפּראָצל, רייסט זיך צום לעבן — אין דער צייט האָבן זיי דערוואַכט. די זין און טעכטער פון אַן אויסגייענדיק פאָלק האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם טויט און אויפגעהויבן מיט מוט די קעפּ. פּראָסטע פאָלקסמענטשן זענען איבער נאַכט געוואָרן געניאַלע סטראַטעגן און האָבן אָנגעפירט מיט אַ שלאַכט. קאָרידאָרן און דעכער זענען געווען די שלאַכטפעלדער, קאַנאַל־רערן און קוימענס — די אַקאָפּעס, מענטשלעכע לייבער — די פאַרפעסטיקונג־ליניעס. זיי האָבן אָנגעוואָרפן דעם שונא אַ בליצקריג און געבראַכט פאַר זייער פאָלק דעם זיג פון כבוד און שטאָלץ אויף טויזנטער יאָרן. די נישט אויסגעלויכטענע בליקן פון לאַנגע, נישט אויסגעלעבטע יאָרן האָבן זיך מיט איין מאָל אָנגעצונדן אין זייערע אויגן און ווי ריזיקע רעפלעקטאָרן אַריבערגעוואָרפן די שיין אויף ווייטע דורות פאַר זיך, אין דער אייביקייט.

ערגעץ אין אַ ווינקל זענען ביי אַ שטיל אויסגייענדיקער מאַמען די ביקסנשאָסן פון אירע זין ווידער געוואָרן דאָס קלאַפּן פון איר האַרץ. זי האָט זיך אויפגעהויבן און אָנגעגאָסן אין פלאַשן דאָס לעצטע ביסל בענזין צוזאַמען מיטן בלוט פון איר לייב. די פלאַשן האָבן אויפגעריסן און אונטערגעצונדן דעם שונא. קינדער, וואָס מיט זיי האָט זיך, ווי נאָרמאַל מיט זקנים, געזאָלט ענדיקן זייער דור, האָבן ווי טויבן אַרומגעפלאַטערט פון איין שלאַכט־פּאָזיציע צו דער צווייטער און די קעמפער צוגעטראָגן געווער און בשורות. די שטיינער פון די געטאָ־ווענט האָבן אויסגעקלאַפּט פונקען און אָנגעצונדן די הערצער פון ייִדישן פאָלק און פון אַלע זיינע פריינד אויף דער וועלט.

צוג צו דער אַנטהילונג פון דענקמאָל אין וואַרשעווער געטאָ, דעם 19טן אַפּריל 1948.

ערשטע ריי פון לינקס: דוד ספּאַרד, לייב אַליצקי, אברהם זאַק, אפרים קאַגאַנאָווסקי, משה קנאַפּהייס, ישראל אַשנדאָרף.

צווייטע ריי פון לינקס: משה וואַלדמאַן, יצחק יאַנאַסאָוויטש, יצחק גוטערמאַן, פּערל האַלטער, איר מאַן שלמה האַלטער.

דאָס געטאָ האָט געברענט, דאָס שלאַכטפעלד צוזאַמען מיט די קעמפער, אָבער זיי האָבן זיך נישט אויסגעברענט. די לעצטע פונקען האָבן מיר איבער־גענומען, אונדזער דור. און מיר וועלן זיי איבערגעבן די ווייטערדיקע דורות.

מיטן אָפּשווימען פון לעצטן ווינטער־וואָלקן און מיטן אָנקום פון ערשטן פרילינג־ווינטל ווערן די פונקען אויף ס'ניי אויפגעבלאָזן און צעברענען

אין אונדז דאָס פייער אויף אַ גאַנץ יאָר. יעדעס יאָר, אין דער צייט, דערמאָנען מיר דאָס שלאַכטפעלד, די קאַמף־פּאָזיציעס פון וואַרשעווער געטאָ, און מיליאָנען ייִדן, זעקס מיליאָן טויטע און נאָך מער לעבעדיקע, פלעכטן קרענץ פון בלומען אַרום די העלדן. דער האָריזאָנט אַרום דער וועלט ווערט אַרומגענומען מיט אַ טרויערבאַנד און גאָלדענע אותיות לייכטן אַרויס: כּבוד, כּבוד, כּבוד!

אין די יאָרטעג פון יציאת־מצרים, אין די נעכט ווען מע זאָגט שפוך חמתך, וואַכן אויף די מיליאָנען אומגעקומענע און באַדעקן מיט רום די וואָס האָבן באַשיינט זייער טויט.

אין דעם טאָג ווען מ׳האָט אָפּגעדעקט דעם דענקמאָל אויפן העלדנפּלאַץ פון זייער קאַמף, זענען די ליידיקע פענצטער־לעכער פון די חורבות אַרום, געוואָרן אָנגעפילט מיט קעפּ, פון יעדן שטיין, פון יעדן זאַמדל אויפן פּלאַץ איז אַרויסגעוואָקסן אַ מענטש. די בערג גרוזן פון גאַנצן אַרום זענען פאַרשווינדן אונטער טויזנטער מענטשן, דעקן צו אַלץ אונטער זיך.

מוסטערן פון זייער אָפּבילד וואַקסן אַרויס אין פאַרשידענע ערטער אויף דער וועלט, ווו ייִדן זענען נאָר פאַראַן.

אַלע אויגן זענען געווענדט צו די העלדן און די בליקן, פולע מיט ליוב און דאַנק, רופן זיי אַרויס. זיי בלייבן שטיין מיט שטאָלענע מוסקלען, אויסגעהאַקטע אין גראַניט, אין די פּאָזיציעס פון זייער קאַמף. אייביק, אייביק וועלן זיי אַזוי שטיין און וועקן מוט, אָנפילן מיט שטאָלץ און קראַפט אונדזערע ברידער. אין זייערע אויגן וועט שטענדיק ברענען דאָס ליכט פון מיליאָנען נישט אויסגעלויכטענע בליקן און שיקן די שיין אין דער אייביקייט אַריין.

געסט פון יענער וועלט

(אַ מעשה פון דער ערד און פון הימל)

ווי יעדן בשׂר־ודם קומט מיר אויך אויס פון צייט צו צייט צו זיין אַ גאַסט אויף אַ חתונה. די כלה אין ווייסן וועלאָן־קלייד איז שטענדיק שיין. דאָס זענען דאָך די מינוטן, ווען זי זעט אויס אַמשענסטן אין איר לעבן. דער חתן האָט שטענדיק אַ שיינעם שמייכל, דאָס איז דאָך, אויב ער האָט מזל, אַוודאי זיין שענסטער און גליקלעכסטער לעבנס־שמייכל.

אויף דער בימה ווערט אַדורכגעפירט די חתונה־צערעמאָניע — „כּדת משה וישׂראל" — און פון אונטער די לוחות, מיט די בולט אויסגעקריצטע צען געבאָט, זאָגט דער מסדר קדושין די ברכות און אויך אַ פּאָר ווערטער אין אַ שפּראַך, וואָס דאַרף זיין אַ פאַרענטפערונג, אַז דאָס רעדט ער אַזוי צוליב חתן־כלה, וועלכע פאַרשטייען נישט קיין אַנדערע שפּראַך. אָבער ווו איז די שפּראַך אויף וועלכער עס וואַרטן טייל מחותנים, קרובים און, זיכער אויך אַ געוויסע צאָל געסט? — די שפּראַך, וואָס גיט צו אויף אַ חתונה דעם ייִדישן טעם און חן, דעם ייִדישן שׂמחה־ריח און געווירץ, דעם נחת־רוח פון דער נשמה־טראַדיציע?

דערפאַר איז טאָקע געוועזן צו זען אַן איבערראַשנדיקע אויפלעבונג אין דער שול אויף אַ חתונה, וואָס איך האָב לעצטנס בייגעווינט. עס איז געווען צונויפגעזאַמלט אַ שיינער עולם פון באַלעבאַטישע, באַשיידענע ייִדישע פאַמיליעס, דאַכט זיך דער גרעסטער טייל נישט פון די גאַר־גרויסע גבירים, און נאָכן מסדר קדושין זיין האָט צווישן עולם געגעבן אַ שיין אויף אַן אַנדער ליכט, עס האָט זיך דערפילט דער אמתער, ייִדישער חתונה־טעם. דאָס האָט זיך גענומען פון אַ פּשוטער זאַך: דער ניי־אויפגענומענער רב פון דער

דאַזיקער שול האָט אויך גערעדט צו חתן־כּלה אין פּראָסטן מאַמע־לשון מיט אַ שיינער דיקציע און האַרציקייט, אַז ביי די געסט און זיכער אויך ביי די בעלי־שׂמחה האָבן זיך די געמיטער צעוואַרעמט, נישט בלויז פון דער חופּה־צערעמאָניע, נאָר אויך פון די וואַרעמע שיינע ייִדישע ווערטער.

בעת אַ קורצן איבעררייס האָב איך פון דער באַנק הינטער מיר געהערט אַ שעפּטשען:

— טאַטע, אין אַ שיל מעג מען רעדן ייִדיש?...

איך האָב אומגעקערט דעם קאָפּ און געזען אַ ייִנגעלע מיט אַ קאַפּעלע פון ווייס און בלוי, מיט אַ רעדעלע שוואַרצן סאַמעט אין דער מיט, און אַרום זענען געווען אויסגעהאַפּטן ווערטער מיט דיקן, גאָלדענעם זייד: ישׂראל... ירושלים... דאָס ייִנגעלע איז מסתּמא געווען אין די יאָרן, ווען קינדער האַלטן אין איין שטעלן קשיות, כּדי בעסער צו פאַרשטיין די וועלט אַרום, וואָס איז פאַר זיי איין גרויס רעטעניש. געשטעלט די פראַגע האָט ער טאַקע אין ייִדיש. זי איז אַפילו אַרויסגעקומען נישט גאַנץ פליסיק און אַ מאָל האָט ער זיך אויך פאַרהאַלטן ביים וועלן געפינען אַ וואָרט. אָבער מען האָט געזען, אַז דאָס איז אַ „יודע לשאול" (ער ווייסט וואָס צו פרעגן).

און דער טאַטע, מיט אַן אינטעליגענט, פרומלעך פּנים האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן פאַר אַ „וְדַע מה שתּשיב" (זאָלסט וויסן וואָס צו ענטפערן).

— ביי ייִדן איז אַ מנהג... — האָט ער אָנגעהויבן זיין ענטפער, אָבער דאָס ייִנגל האָט אים איבערגעריסן:

— ווי איז אַ מְנהג אויף ייִדיש, טאַטע?...

— מְנהג איז אַזאַ טראַדיציע... איך האָב דאָך דיר שוין אַ מאָל אויפגעקלערט...

— אָ, איך ווייס שוין! — האָט דאָס ייִנגל מער גאַרנישט געלאָזט אויסטייטשן וועגן דעם — איז וואָס פאַר אַ טראַדיציע איז ביי ייִדן?

— יאָ, ביי ייִדן איז אַ טראַדיציע, אַז אויף אַ שׂמחה, איבערהויפּט אויף אַ חתונה, ווען משפּחות פאַראייניקן זיך און דאָס ייִדישע פאָלק דאַרף זיך פאַרמערן, זאָל מען פאַרבעטן די נשמות פון די געשטאָרבענע קרובים. היינטיקע צייטן איז פאַראַן צו פאַרבעטן אַ סך מער. דאָס זענען די אומגעבראַכטע אין די היטלער־אויוונס און אַ סך פון די דאָזיקע מענטשן זענען

קיין מאָל אין בראַזיל אָדער אין אַנדערע לענדער נישט געווען. זייער שפּראַך איז געווען די, וואָס זיי האָבן גערעדט אין דער היים, אָדער צווישן ייִדן, דעריבער איז די שפּראַך געוואָרן אַ הייליקע און יעדע ייִדישע הייליקייט נישט נאָר זי מעג אַריינקומען, נאָר ס׳איז אַ מצווה זי אַריינצוברענגען... אַ חוץ דעם איז דאָס די איינציקע שפּראַך, וואָס איז געשריבן מיט די אותיות פונעם תנ״ך!

— און ווו זענען די נשמות?... איך זע זיי דאָך גאָרנישט!...

— דו הערסט דען נישט זייערע שטימען אינעם זינגען פון כאָר? און, אויסער דעם, דו זעסט דען נישט, אַז דאָ אין דער שיל איז ליכטיקער וויפל די לאָמפּן קאָנען געבן ליכט?

— פון וואַנען נעמט זיך טאַקע דאָס ליכט, וואָס איז מער וויפל די לאָמפּן קאָנען געבן?

— דאָס פאַרשטאַרקטע ליכט קומט פון דער פרייד, ווען זיי זעען ווי זייערע משפחות פאַראייניקן זיך, און זייער שטאַם איז נישט אויסגעריסן מיטן וואָרצל...

דאָס ייִנגל, האָט מען געזען, איז געוואָרן פול מיט נייע קשיות און שאלות. עס איז אים, ווייזט אויס, געוואָרן היס, וואָרום ער האָט, אַליין נישט טראַכטנדיק וואָס ער טוט, אונטערגעהויבן דאָס קאַפּעלע, זיך אַ פּאַכע צו טאָן אין קאָפּ, און עס זענען אַראָפּגעפאַלן אויף די באַקן צוויי געקרייזלטע פּאַהלעך — אַזעלכע דיקע שפּרינגפעדערלעך פון בלאָנדע האָר.

דערווייל איז ווידער געקומען אַ מאָמענט, ווען מען האָט זיך געדאַרפט אויפשטעלן און דער טאַטע האָט פאַרשטעלט דאָס מויל מיט דער האַנט:
„שאַ, איך וועל דיר שוין שפּעטער ענטפערן אויף אַלעם״...

איך האָב באַדויערט, וואָס איך האָב נישט געהאַט די געלעגנהייט צו הערן מער דעם טאַטנס פרום־למדנישע, קלוג־דערציִערישע און טראַדיציאָנעל־היסטאָרישע ענטפערס צו זיין זון.

אין דער צייט האָב איך באַמערקט אַ צווייטע זאַך. אַ מיידל, שוין אין די כלה־יאָרן, וואָס האָט נישט געקאָנט האַלטן פאַרמאַכט דאָס מויל, האָט צוגעבויגן אירע ליפּן צו דער מוטערס אויער און אַריינגעשעפּטשעט: „מאַע (מאַמע), וואָס האָט דער ראַבינאָ (רב) געזאָגט אין דער פרעמדער שפּראַך״?

זי האָט אַוודאי געמיינט, אַז דאָס האָט דער רב איבערגעגעבן דעם פּיקאַנטן סוד, וואָס חתן־כּלה דאַרפן וויסן אין דער חופּה־נאַכט. און כאָטש עס קאָן זיין, אַז פאַר דעם מיידל איז עס מער קיין סוד נישט, איז אָבער אויך אינטערעסאַנט צו וויסן, ווי אַזוי די מאַמע וועט דאָס אויסטייטשן. די מאַמע האָט איר איבערגעגעבן, אַז דער רב האָט געוווּנטשן דעם פּאָרפאָלק זיי זאָלן גליקלעך לעבן, געדענקען טאַטע־מאַמע, זיין שטענדיק פאַראייניקט מיטן יידישן פאָלק, ליב האָבן דאָס יידישע לאַנד און נאָך אַזעלכע ווערטער...

אויך אַנדערע מיידלעך האָבן געשטעלט פראַגעס זייערע מוטערס, אָבער מען האָט געזען, אַז נישט אַלע האָבן צוטרוי צו די ענטפערס. זיי האָבן חושד געווען די מוטערס, אַז דעם אמתן סוד, וואָס דער ראַבינאָ האָט געזאָגט אין יענער שפּראַך האָט מען זיי נישט אויסגעזאָגט... צו די ברכות, וואָס מען זאָגט צו דער חופּה, זענען זיי שוין צוגעוווינט — דאָס איז שוין אַזאַ איינגעפירטע זאַך, וואָס מען מוז זאָגן און זיי דאַרפן עס נישט פאַרשטיין. דאָס וואָס מען זאָגט אין דער לאַנדסשפּראַך, איז דאָך קלאָר, מען ווייסט שוין. מען קאָן עס יאָ הערן און נישט הערן, עס איז אַלץ איינס. אָבער עס איז פאַר זיי אַ געהיימעניש יענע שפּראַך, וואָס איז די שפּראַך פון טאַטע־מאַמע, פון וועלכער זיי האָבן זיך בלויז אויסגעלערנט אַרויסצוזאָגן אַ וואָרט, צוויי, אַ ביסל צעדרייט ווי אַ חנדל, אַז די מענטשן אַרום זאָלן זאָגן — „אוי, זי קאָן דאָך רעדן יידיש" און זאָלן לאַכן און זיך אַנטציקן פון דעם חכמהלע... קאָן זיין, אַז אַזעלכע ווערטער פון אַ מסדר קדושין וועלן כאָטש עטלעכע מיידלעך און יינגלעך צוגעבן חשק זיך אַ ביסל מער צו באַקענען מיט דער שפּראַך, אַז זיי זאָלן פאַרשטיין ווען זיי אַליין וועלן חתונה האָבן.

און עס איז אויך כּדאַי געווען צו הערן די ווערטער, אַז די מחותנים פון דער כּלהס צד, וואָס זענען געקומען פון אַן אַנדערער שטאָט, פון בעלאָ־האָריזאָנטע, און מיט זיי אויך אַ ביסל געסט, זאָלן אַהיימקומענדיק, ביים איבערגעבן די איינדרוקן פון דער חתונה, קאָנען דערציילן, אַז אין אַ שיל אין סאַן פּאַולאָ רעדט מען אויך ביי דער חופּה יידיש.

אַראָפּגייענדיק פון די טרעפּלעך האָב איך פאַר דער שול, אויף דער גאַס, ווידער באַמערקט דעם טאַטן מיטן יינגל פאַרטאָן אין אַ שמועס. דאָס יינגל האָט שוין געטראָגן אַ היטל איבערן קאָפּ און די פּאהלעך זענען געווען

אַרונטערגעשאַרצט אונטער די אויערן. דערזעענדיק זיי האָב איך דערפילט ווי אַ גליק זאָל מיך פּלוצלינג האָבן געטראָפן.

עס איז זיכער נישט עטיש אונטערצוהערן אַ פרעמדן שמועס, אָבער ווען מען וויל פון עמעצן לערנען דברי־תורה, אָדער גוטע מידות, איז עס אַוודאַי נישט קיין חטא, נאָר גיכער פאַרקערט.

— דיינע באָבעס און מומעס און אַ סך פראָסטע ייִדן האָבן אַ לעבן־לאַנג זיך אָנגעלייענט מיט דעם „קב־הישר", „צאינה־וראינה" און מיט פיל אַנדערע מוסר־ספרים — אין עברי־טייטש, דאָס הייסט אונדזער ייִדיש. די ספרים זענען געווען זייער תּורה... דו ווייסט דאָך די מעשׂה פונעם תּנא רבי חנינא בן תּרדיון, וועלכער איז פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט אַ ספר־תּורה. די אותיות זענען אַרויסגעפלויגן און ניט פאַרברענט געוואָרן. ביי אונדזערע מאַמעס, באָבעס און די אַלע פראָסטע ייִדן, ווען זיי זענען פאַרברענט געוואָרן, זענען אויך אַרויסגעפלויגן די אותיות, וועלכע זיי האָבן מיט אַזאַ הייליקייט אַריינגעלייענט אין זיך.

דאָס ייִנגל האָט אַ קוק געטאָן אויפן הימל:

— זענען נישט די אַלע גאָלדענע און זילבערנע פינטעלעך, די מיליאָנען שטערן אויבן, די אותיות? עס זענען פון זיי געוואָרן אַזעלכע ברענענדיקע פונקען?...

— עס קאָן טאַקע זיין, אַז דאָס זענען די אותיות... די שטערן אויפן הימל האָבן זיך פאַרטאָפּלט...

און ווי אַזוי קומען זיי אַהער, פון אַזוי ווייט?

— דאָס טוען זיי מיטן כּוח פון זייערע נשמות... די דאָזיקע מענטשן האָבן נישט אויסגעלעבט אַלע זייערע יאָרן אויף דער ערד דאָ. קומען זיי יעדעס מאָל צוריק אָפּצונעמען זיך די יאָרן, וואָס מען האָט ביי זיי צוגענומען פאַר דער צייט. און דאָס אָפּנעמען זיך די יאָרן, קומט פאַר אויף אַן אַנדערן שטייגער — דאָס אָפּנעמען ווערט איבערגעאַנדערשט אויף אָפּגעבן. זיי דאַרפן אָפּטוען די טוונג וואָס זיי האָבן דעמאָלט נישט באַוויזן אָפּצוטאָן. זיי זענען אַוודאַי דאָרט אַדורכגעגאַנגען נייע לימודים וואָס צו טאָן.

— און וואָס טוען זיי?

— זיי טוען, אַז דאָס ייִדישע פאָלק זאָל נישט אונטערגיין... זיי העלפן

אונדז קעגן אונדזערע שׂונאים, און דערלאָזן נישט, אַז ייִדן זאָלן ווערן אויס ייִדן...

— און ווי אַזוי מאַכן זיי דאָס ?

— די עלטערע מענטשן האָבן דאָרט געגנוג צייט. עס העלפן זיי אויך אין דעם צו די יונג־פאַרשניטענע קינדער. זיי פלעכטן פון די מיליאָנען אַרויסגעפלויגענע אותיות אַזעלכע פלייִענדיקע טעפּיכער, פאַרביקע, שיינע, וויפל פאַרביקייט און שיינקייט עס זענען נאָר אַריינגעלייגט געוואָרן אין די ייִדישע אותיות און ווערטער. די זעלביקע טעפּיכער לאָדענען זיי פול אָן מיט די אַרומבלאָנדזשענדיקע אותיות, פלייִען מיט זיי אין פאַרשידענע ערטער און שיטן זיי דאָרט אויס... עס פּאַסירט, אַז אין ערטער ווו די ייִדישע שפּראַך איז ביי די ייִדן אין גאַנצן אָפּגעשטאָרבן געוואָרן, קומען פּלוצלינג אין זייערע מיילער אַריין ווערטער, וואָס זיי ווייסן אַליין נישט פון וואַנען זיי נעמען זיך צו זיי. הערצער וואָס האָבן אויפגעהערט צו קלאַפּן פאַר ייִדישקייט, ווערן פון די אותיות־פונקען צוריק אָנגעצונדן און אויפגעלעבט. די שפּראַך, וואָס די פאַרשניטענע קינדער האָבן אין זייער אָפּגעהאַקט לעבן נישט באַוויזן אויסצורעדן ביזן סוף — גיבן זיי זי, די שפּראַך, איבער צו אַנדערע מענטשן, זיי זאָלן זי אויסרעדן. אַפילו ווען עס וועט קומען אַ צייט, ווען ייִדן וועלן זיך באַזעצן אויף דער לבנה, וועלן די פלייִענדיקע טעפּיכער מיט די ייִדישע אותיות דאָרט צוקומען און אויסלאָדענען זייער לאָדונג...

דער טאַטע מיטן ייִנגל זענען אַריינגעשטיגן אין אַן אויטאָמאָביל און איך בין געבליבן שטיין אויף דער גאַס. אָבער אין מיר איז אַריין אַ פונק פון די ייִדישע רייד ביי דער חופּה, וואָס האָט מיך אָנגעצונדן אָנצושרייבן די דאָזיקע ווערטער.

געקומען צו זיך
(דערציילונג)

א

די דאָנאַ לעאַ, אָדער לעאָנאָראַ, ווי די בראַזיליאַנישע שכנים האָבן זי גערופן, האָט אין איינזאַמקייט אָפּגעגעסן אָוונט־ברויט און צוזאַמען מיט דער דינסט, דער טונקל־הויטיקער לוסיאַ, אָוועקגערוימט דאָס ביסל געפעס. אין דער דאָזיקער שעה איז לוסיאַ ווי שטענדיק אַראָפּגעפאָרן מיט דער ווינדע פון פינפצנטן שטאָק און זיך אַוועקגעשטעלט פאַרן טויער מיט איר געליבטן ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין.

פאַר לוסיען איז דאָס ליבן זיך נישט געווען גלאַט אַזוי אַ לייכט שפּיל. זי האָט נישט דערלאָזט, אַז דער חתן זאָל זי אַוועקפירן אין טונקעלע ווינקעלעך, אין ערטער וווּ עס באַווייזן זיך נישט קיין מענטשן. פאַרן טויער אויף דער גאַס איז שטענדיק, אַפילו אין די שפּעטערדיקע אָוונט־שעהן געווען אַ באַוועגונג פון מענטשן, אויטאָבוסן, שפּאַציר־וועגן. דאָס פּאָרל איז אַזוי געשטאַנען שעהען־לאַנג איינס נעבן צווייטן, אַ מאָל זיך אַ לייכטן באַריר געטאָן ביי די הענט,ביים פּנים, אָבער דאָס וויכטיקסטע איז געווען דאָס קוקן זיך אָן איבעררייס אין די אויגן אַריין.

ווען מען איז מיד געוואָרן פון שטיין אויף די פיס אַזאַ לאַנגע צייט, האָט מען זיך אַוועקגעזעצט אויף די מאַרמאָרנע טרעפּ, וואָס האָבן זיך געצויגן איבער דער גאַנצער ברייט פון הויז. דעם גאַנצן פּאַרטער פון דעם הויז, אויף אַ צוויי צענדליק מעטער די ברייט, האָט פאַרנומען אַ גרויסע פּאָפּולערע באַנק. אַלע פענצטער זענען ביי נאַכט געווען באַלויכטן פון אינעווייניק, און עס האָט געשיינט אין דער גאַס אַריין אַ ליכטיקע וואַנט. אַז מען

האָט אַריינגעקוקט פון דרויסן האָט, פון דעם ליכט, דער אינעווייניק אויס־געזען ווי אַ פּאַרכישופטער פּאַלאַץ. לוסיאַ און איר חתן זשאָזע, זיצנדיק אויף די טרעפּ, זענען באַלויכטן געוואָרן פון דעם ליכט, ווי דורך אַ רעפלעקטאָר פון אַ גאַנצער וואַנט.

אָבער סיי ווי, צי זיי זענען געשטאַנען אין אַ זייט, אָדער געזעסן אויף די טרעפּ, איז די הויפּט טוונג זייערע געווען נישט אַראָפּצונעמען די אויגן איינער פון צווייטן. זיי האָבן זיך נישט געקוקט אין די פּנימער אַריין, נאָר אַנגעצילט פּונקט אין די אויגן אַריין, פּונקט אין די שוואַרצע פּינטעלעך. דאָס איז געווען אַזאַ אין שפּאַנונג איבערצוגעבן זיך די נשמות, אַן אַריינ־דרינגען איינס אין דאָס אַנדערע, אַ באַהעפטן, וואָרום אין דער פּאַרבינדנקייט פון די נשמות ליגט די ליבע.

דאָס האָט אַזוי געדויערט שעהען און שעהען, דאָס אַריינקוקן זיך אין די אויגן אַריין, ביז דער דאַנאַ, דער באַלעבאָס, ביינישל, אָדער סעניאָר בענע־דיטאָ, ווי ער האָט געהייסן ביי די סוחרים, און אויך די דינסט לוסיאַ האָט אים אַזוי גערופן, איז אין מיטן דער נאַכט אָנגעקומען אין זיין שוין גענוג פּאַרעלטערט פּאָלקס־וועגעלע און אַרויפגעפּאָרן אין שטוב.

דעמאָלט האָט זיך לוסיאַ געזעגנט מיט איר בחור, אַ ליכטיקן שמייכל געטאָן אים אין פּנים אַריין, אָדער אַ קיצל געגעבן אונטער דער גאָמבע ווי אַ באַלוינונג פּאַר זיין לייטישן אויפפירן זיך און אַ צוזאָג אויף שפּעטער. ער האָט אַ בליץ געטאָן מיט די ווייסע ציין, די שוואַרצע אויגן האָבן זיך אים צעגליט און דאָס פּנים האָט אויפגעשיינט מיטן גאַנצן פייער פון זיין צעקאָכטן און דערפּרייטן בלוט, נאָכן מוזן אַזוי לאַנג האַמעווען זיינע לייבלעכע אימפּולסן.

נאָכן פונאַנדערגיין זיך האָט ער נאָך עטלעכע מאָל אומגעקערט צו איר דעם קאָפּ מיט אַ גליקלעך פּנים און ווען זי האָט אים צוריקגעגנטפּערט מיטן לעצטן שמייכעלע פון „ביז מאָרגן״ איז זי אויך אַרויפגעפּאָרן מיט דער ווינדע, צוגעגרייט פּאַרן דאַנאַ דאָס אָוונט־ברויט, אַוועקגערוימט די טעלער און אַריינגעגאַנגען אין איר צימערל זיך לייגן.

אין שטוב איז געווען אַ מרה־שחורה. ערגעץ אין אַ צימער האָט געשיינט אַ טונקל לעמפּעלע. לאַה, אָדער לעאַ, האָט זיך שוין געהאַט געלייגט. צי זי

איז יאָ געשלאָפֿן אָדער נישט, ווער קאָן דאָס וויסן? אָבער געלעגן אין בעט איז זי שוין. די קינדער אין זייערע צימערן האָט מען אויך נישט געוווּסט אויב זיי זענען געקומען אָדער נאָך נישט. ביינישל איז מיט שטילע, שאַרב־דיקע טריט אין די שטעק־לאַטשן אַריינגעגאַנגען אין שלאָף־צימער, גערעכנט, געמאַכט חשבונות אויפֿן האַלבן קול, ביים אויסטוען זיך קאָמבינירט פּלענער פֿון געשעפֿטן אין בעט. לאַה, ווי אַ פּלוצלינג איבערגעוועקטע, אָדער באַ־פֿאַלענע, האָט זיך האַסטיק געגעבן אַ רוק אָפּ און עס זענען געלעגן אין בעט נישט מאַן און ווייב, נאָר צוויי פֿרעמדע מענטשן, אויסגעדרייט צו זיך מיט די רוקנס. ער איז איינגעשלאָפֿן מיט אַ קאָפּ פֿול מיט חשבונות און געשעפֿטן און זי האָט געדריקט אין זיך עוולות, כּעס און האַס, נישט אַרויסברענגענדיק פֿון דעם קיין וואָרט. מיט אַזעלכע געפֿילן איז זי איינגעשלאָפֿן, נישט ווי דורך אַ באַרויִקונגס־מיטל, נאָר ווי דורך אַ דערשטיקונגס־מיטל.

ב

די דאַנאַ לעאַ איז געשטערט געוואָרן אין מיטן בעסטן מאָמענט פֿון דער טעלעוויזיע־נאָוועלע. זי האָט זיך דערשראָקן פֿון דעם פּלוצלינגען שרייען, וואָס האָט זיך דאָ אַריינגעריסן דורך דער פֿאַרמאַכטער טיר פֿון דער סאַלע. זי האָט דערקענט דאָס קול פֿון איר מאַן, אָבער עס האָט זיך איר נישט געלאָזט צוגלייבן, אַז דאָס זאָל טאַקע זיין ער, ביינישל. איצט איז ערשט עטלעכע מינוט נאָך ניין און ער קומט שטענדיק פֿון דער אָפֿיסינע מיט אַ צוויי־דריי שעה שפּעטער, אַרום עלף־צוועלף אַ זייגער ביי נאַכט.

פֿון דעם האַסטיקן אויפֿשטעלן האָט דאָס אומפֿאַלנדיקע בענקל הינטער איר זיך געגעבן אַ גליטש אויף דער רויטער, גלאַנציקער פּאַדלאָגע ווי אַ שליטעלע אויף אייז. אַן איבערגעשראָקענע איז זי אַריינגעלאָפֿן אין דער סאַלע. ווילד, אַן אַנגעצונדענער האָט ער טאַקע, ביינישל, אַרומגעטאַנצט איבער דער שטוב:

— אַזאַ באַנדיט! אַזאַ כאַפּער! אַזאַ שטיק נפֿש! אַזאַ אַנזעצער!...

— וואָס איז געשען?!

— אַזאַ פֿערד! דו ווייסט כאַטש וויפֿל ער האָט מיר אַוועקגעשלעפּט, וויפֿל ער האָט מיר אַנגעזעצט?!

— ווער אָנגעזעצט ?!... ווער צעזעצט ?... — איז די דאָנאַ לעאַ געווען צעטומלט און געריעדט וואָס ס'איז איר געקומען אין מויל אַריין.

זי איז שוין געווען צוגעוווינט צו זיין שטענדיקן קלאָגן זיך. דאָ לייזט ער נישט און דאָס געלט רינט אים אויס מיט די שפּעיזן. צו יעדן געשעפט לייגט ער צו. דער סוחר האָט אים אָפּגענאַרט, נישט ריכטיק געשיקט די סחורה, און יענער קונד האָט זיך אַריינגעלייגט אין פּעקל אַ העמד מער... נישט בחינם רופט מען אים ביינישל־וויינישל... גאָר ער וויינט... שטענדיק פאַרלירט ער און דאָס עשירות וואַקסט... אָבער זיינע איצטיקע נערוון זענען אין גאַנצן אַנדערע. ס'איז געווען צו זען פון זיין פאַרפלאָמט פּנים, פון זיין אַרומלויפן איבער דער שטוב, אַ נישט נאָרמאַלער. נאָר גאָרנישט צו פאַר־שטיין איז דאָס וואָס ער האָט פאַרלאָזט די אָפּיסינע פריִער ווי שטענדיק. דאָס מוז שוין זיין גאָר אַן ערנסטע זאַך. ער וועט נישט פאַרלירן גלאַט אַזוי עטלעכע שעה צייט.

— וואָס איז געשען ? ווער האָט דיר אָנגעזעצט ? רעד ווי אַ מענטש...

— ווער עס האָט מיר אָנגעזעצט ? — דער הויכער דראָנג, דער פון געשעפט אין ראָג...

— ווער איז ער דאָס דאָרטן, דער הויכער דראָנג דיינער ?

— אַז דו קענסט נישט קיין סוחר... דער מיטן שטענדיקן פאַרריסענעם פּנים צום דאַך : „קוקטץ מיך אָן, מיעדייע, ווער ווייס ווער איך בין”... דער, מיט די גרויסע ציין אין שטענדיק אָפענעם מויל, וואָס רעדט נאָר מיט פילאָזאָפיעס. ער איז דער גאַנצער חכם און יעדער אַנדערער איז אַ בהמה. יעדן לאַכט ער אויס, קיינער פאַרשטייט גאָרנישט, בלויז ער אַליין האָט אַראָפּגעשלינגען די גאַנצע תורת לאָקשן... אַ גאַנצער חכם צו באַראַבעווען מענטשן... אָבער איך וועל מיר דאָס מייניקע אָפּנעמען — איך וועל מיר דאָס אָפּנעמען דריי מאָל אַזוי פיל.

— טאָ פאַר וואָס גייסטו נישט צו אים אָפּנעמען ? גיי נעם אָפּ...

— אַ־ווו זאָל איך אים נעמען ! ווו ?! אַז דער אַוויאָן ווו ער פליט דאָרט זאָל אים אַראָפּוואָרפן, צעברעכן יעדעס ביינדל און פאַרברענען אויף קויל. די שיף ווו ער שווימט דאָרט זאָל אים דערטרינקען און דאָס וואַסער זאָל אים אַרויסוואָרפן גלייך צו מיר אין די הענט אַריין...

— ער פליט, ער שווימט... אפשר איז ער גאָר געלאָפן צו דער לבנה?

— אַז די לבנה זאָל אים דאָרט אַריינוואַרפן אין פייערדיקן באַק־אויוון פון דער זון און אים צעשמעלצן, אַז ס'זאָל פון אים קיין אויסגעלאָזטע גריוו נישט בלייבן... פאַר מיין האָרעוואַניע, פאַר מיין נישט אָפּעסן קאָ'מיטיק ווי אַ מענטש...

— ווער לאָזט דיך נישט אַהיימקומען אויף קאָ'מיטיק? ס'איז דאָ באַרכ־אַשעם אַ ווייס טישטעך מיט לעפל־גאָפּל, מיט אַ טיש ווו זיך אַוועקצוזעצן, ווי ביי מענטשן... אַז דאָס וויל נאָר אַרויסעסן פון טעפל אונטערן טיש אין געשעפט. פאַרמאַך די קראָם ווי דער יעקע דאָרט נעבן דיר: „מיטאַך־שטונדע” און לאָזט אַראָפּ די טיר.

— זאָל דער יעקע גיין אויף מיטאַך־שטונע, איך דאַרף נישט קיין מיטאַך־שטונע... איך וועל מיר דאָס מייניקע אָפּנעמען, זעקס מאָל אַזוי פיל וועל איך מיר אָפּנעמען... פאַר מיין האָרעווען האַלבע נעכט, פאַר מיין שטיקן זיך דאָרט אין דער שטיקעניש...

— ווער הייסט דיך אַזוי פיל האָרעווען, ווער הייסט דיך שטיקן, פאַר וועמען? אַז מען לעבט ווי אַ פערד שלעפּט מען פרעמדע וועגן. פאַר מיר ברויכסטו דיך נישט אַזוי צו שטיקן. אַז איך פאַרהולטייע נישט קיין געלט אין קאַ'קאָרטן, איך מאַך מיר נישט קיין נאַקעטע קליידער מיט טייערע דעקאָלטן... איך דאַרף נישט פאַרזאָרגן קיין וועלט אויף טויזנט יאָר. איך וויל אָפּלעבן מיין לעבן ווי אַ מענטש... דאָס וואָס עס איז פאַר דיר לאַכטיק איז פאַר מיר פינצטער. דאָס געלט איז פאַר דיר אַ ליכט אין די אויגן און פאַר מיר איז עס חושך אין דער שטוב. איך וויל נישט קאַ'געלט — איך וויל אַ לעבן... אַז דו ווייסט צומאָל נישט אויף וואָס דיינע קינדער שטודירן און ווו זיי האַלטן אין דער לערע... דו ווייסט שוין אפשר אויך נישט ווי זיי הייסן, די קינדער דיינע...

— איך ווייס נישט און דו ווייסט אַלץ. פאַר וואָס זעסטו נישט וואָס ביי אַנדערע טוט זיך, וויפל אַפּאַרטאַמענטן (ווױנונגען) מען קויפט זיך אָן — מען בויט זיך דאָך שוין גאַנצע הייזער ביז צו די וואָלקנס... און ווער? אַזעלכע מענטשעלעך ווי איך. מען ווערט גרויס איבער נאַכט... און דו וועסט מיר בינדן הענט און פיס, מיך לאָזן באַראַבעווען און נאָך זאָגן ס'איז גוט אַזוי,

— רייס נישט אַזוי איין ווען מען דיך נישט באַראַבעווען. מיר קאָנען זיך באַנוגן לאָזן צו לעבן נאָרמאַל און אַרבעטן ווי מענטשן. די קינדער וועלן אויסשטודירן און זיך אַליין אַן עצה געבן. דערוואַקסענע קינדער, אַז זיי האָבן צו פיל שווילטאָג קאָנען זיי זיך נישט אויסטרעטן אַליין אַ וועג אין לעבן... און דו האַרעווע, האַרעווע ווי אַן אייזל. זיי וועלן פאַרלירן דעם טאַטן און דערנאָך פאַטערן דאָס געלט — וועלן זיי נישט האָבן, נישט קיין טאַטן און נישט קיין געלט... און יעצט האָבן זיי אויך נישט קיין טאַטן, וואָס זאָל זיך אומקוקן אויף זיי. אַז דו דאַרפסט נישט קיין קינדער, דו דאַרפסט נישט קיין ווייב — דו דאַרפסט זיך אַליין נישט... דו דאַרפסט בלויז געשעפטן, וועלן די געשעפטן אונדז אַלעמען אויספרעסן צוזאַמען מיט דיך אַליין... אַז מען הערט נאָר: געלט — געשעפטן, געשעפטן — געלט... געלט... געלט...

— און איך וועל מיר דאָס מייניקע אָפּנעמען... צען מאָל אַזוי פיל וועל איך אָפּנעמען — איז ביינישל געגעבן אַ שפּרונג אויף מיט אַ פריש געשריי, ווי דאָס דערמאָנען זיך וועגן היזק, און נאָך דערצו אויף אַזאַ כיטרע אופן אויסגעטראַכט ביי אים, זאָל האָבן אויף ס׳ביי אַ זיד אויף געגעבן זיין בלוט און אָנגעצונדן אים מיט אַ נייעם שיגעון.

אָבער לאהן איז געוואָרן לייכטער. שוין זינט יאָרן האָט זי זיך נישט אַזוי אויסגעשריגן. אַראָפּגעוואָרפן די שטיינער, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אויפן האַרצן.

ג

אין עטלעכע מאָנאַטן אַרום האָבן זיך צוזאַמען גענומען אַ פונפצן מענטשן, ביי וועלכע ביינישל האָט אָנגענומען געלט און סחורות און וויל נישט באַצאָלן. ער זאָגט, אַז ער איז באַנקראָט. מען האָט ביי אים צוגענומען האָט ער נישט צו באַצאָלן אַנדערע. די מענטשן האָבן זיך אַן עצה געהאַלטן וואָס דאָ צו טאָן. מען מוז עפּעס זען. אויפן חשבון וואָס עמעצער האָט אים מיט עפּעס אָנגעזעצט וויל ער רייך ווערן צען מאָל אַזוי פיל — וויל ער אונדז אַלעמען בדלות שטעלן. מען טאָר צו דעם נישט דערלאָזן.

פאַרשידענע עצות האָט מען פאָרגעלייגט, אָבער זיי זענען קיינעם נישט געגאַנגען אין קאָפּ אַריין, דאָס זאָל עפּעס העלפן. ביז איינער איז געפאַלן

אויף אַן המצאה און אויפגעוויזן, אַז קיין בעסערס וועט זיך אַוודאי נישט לאָזן צוטראַכטן. עפּעס מוז מען דאָך טאָן. ביינישל האָט זיך שוין באַוואָרנט מיט אַדוואָקאַטן, אַז לויטן געזעץ זאָל ער נישט דאַרפן קיינעם באַצאָלן, מוז מען דאָך געפינען אַן אַנדערן שטעקן.

און מען איז געקומען צו אַ הסכם, אַז יעדן טאָג גייט אַן אַנדערער צו אים מאָנען, אַריינזאָגן אַ פּאָר שאַרפע ווערטער און טאַקע געבן אַ שטיקל פּאַטש אויך... ער האָט געמעגט אונדז קוילען?! — ס'איז אַ מלחמה.

— אוי, ס'איז טאַקע אַ מלחמה — האָט אַ בלאָס ייִדל צוגעזיפצט.

דער ערשטער איז אַריינגעקומען אין געשעפט אַן עלטערער מענטש, אַ נידעריקער, מיט לאַנגזאַמע טריט פון שוואַכקייט אין די פיס, מיט אַ פאַרטראַכטן בליק אין די קורצזיכטיקע אויגן. אויפן פּנים איז אים געלעגן אַ שווערער אומעט — מסתמא פון דעם שאָדן וואָס ער האָט געליטן.

— לאַנגע יאָרן געווען אַ סוחר, ערלעך געהאַנדלט. אויף דער עלטער אויפגעגעבן די געשעפטן, אָפּגעשפּאָרט אַ ביסל אויף די לעצטע יאָרן נישט צו ברויכן פון קיינעם, נישט אָנצוקומען אַפילו צו אייגענע קינדער — האָט דער ייִד גערעדט מיט קורצע זאַצן, אַז ביינישל זאָל נישט פאַרלירן דאָס געדולד ביים אויסהערן אים — כאַפּט איר מיך אָן אין גאַס „סעניאָר לייזער, איר האָט אפשר ליגן אַ ביסל געלט? איר וועט פאַרדינען און מיך וועט איר פּשוט ראַטעווען. איך וועל עס נישט האַלטן לאַנג... און אויב יאָ, וואָס אַרט עס אייך? וועט איר דאָך האָבן מער איינקונפט". טראַכט איך מיר: רעמעדיעס (רפואות) זענען טייער און אַ ברונעם שעפּט זיך אויך אויס אויב עס קומט נישט צו, לאָמיך עפּעס צופאַרדינען... און איצט בין איך געבליבן ביי גאָרנישט. איר האָט מיר צוגענומען דעם לעצטן ביסן פון מויל, איר האָט ביי מיר אויסגענאַרט די לעצטע טעג פון מיין לעבן.

אַזעלכע רייד האָבן ביינישלען שוין אויפגערעגט. אויפן טיש זענען געלעגן די ביכער, וואָס האָבן אויפגעוויזן קלאָר, שוואַרץ אויף ווייס, אַז ער האָט נישט וואָס אָפּצוגעבן. די אויפגעמישטע בלעטלעך זענען געלעגן פון אויבן אויף און אַפילו אַ בלינדער האָט געקאָנט זען מיט וויפל ער איז הינטערשטעליק. זעט ער דאָס נישט, דער אַלטער, און קומט נאָך צו אים מיט אַזעלכע רייד?...

— אַט דאָס האָב איך — האָט ביינישל אָנגעוויזן אויפן בלאַט פון אויפ־געמישטן בוך — און אַט דאָס קאָן איך געבן — האָט ער עס צוגעטראָגן דעם סעניאָר לייזער צו די אויגן, וואָרעם ביינישל האָט געזען, אַז יענער איז קורצזיכטיק.

עס מאַכט זיך, אַז אַ מענטש, ווי שוואַך ער זאָל נישט זיין, נעמט צוזאַמען דאָס ביסל כּוח, וואָס איז צעשפּרייט איבערן גאַנצן לייב, נעמט עס צוזאַמען אויף איין אָרט, דאָרט ווו עס איז אים פּונקט נויטיק. אין דעם מאָמענט איז דעם ייִד נויטיק געווען צו האָבן דעם גאַנצן כּוח פון זיין גוף אין דער רעכטער האַנט זיינער. מיט די קורצזיכטיקע אויגן האָט ער צוערשט אַריינגעקוקט ביינישלען אין פּנים אַריין, אַז ער זאָל אָנטרעפן אויפן ריכטיקן אָרט און אַזוי ווי זיי זענען ביידע געשטאַנען איינער פּונקט קעגן איבער דעם צווייטן איז דעם סעניאָר לייזערס האַנט אויסגעפאַלן אויף ביינישלס לינקער באַק.

ביינישלס פּנים, שטענדיק אַ רויטס, אַ רונדיקס, אַ פולבלוטיקס, אפשר נישט אַזוי ווייט פון גוטן עסן און צופרידנקייט, ווי פון הייסן בלוט, האָט לויט דער טבע פון באַקומען דעם פאַטש, געדאַרפט ווערן נאָך רויטער, איז עס אָבער, פאַרקערט, דווקא געוואָרן בלאַסער, כּמעט ווייס. אַ ווייסע צייכע־נונג פון פינף פינגער איז געבליבן ליגן אויף זיין באַק.

עמעצער מיט אַ געניט אויג וואָלט אויך געקאָנט באַמערקן ווי אויפן שאַקאָלאַד־קאָליריקן פּנים פון דעם אָנגעשטעלטן, דעם מולאַט (אַ קינד פון אַ געמישט פאָרפאָלק — שוואַרץ און ווייס), איז אַרויסגעקומען אַ שמייכל, וועלכן ער האָט אָבער באַלד אַראָפּגעשלינגען. זיין פּנים איז געוואָרן קאַלט, גלייכגילטיק: דאָ האָט גאָרנישט פּאַסירט, ער, דער אָנגעשטעלטער, האָט גאָרנישט געזען. אָבער דעם מיידל פּאַטימאַ, דער פאַרקויפערין, זענען גע־קומען טרערן אין די אויגן אַריין. זי האָט געקוקט אויף דעם פּאַטראָן: וואָס זאָל זי דאָ טאָן? מיט וואָס קאָן זי העלפן? זי איז אויף אַלעם גרייט. נאָר אַזוי ווי ביינישל איז געבליבן שטיין אַ שווייגנדיקער און געלאָזט דעם ייִד אַוועק־גיין, האָט זי זיך אויך גאָרנישט אָנגערופן, בלויז אויסגעדרוקט מיטגעפיל מיט אירע פייכטע אויגן.

צו מאָרגנס, מער־ווייניק אין דער זעלבער שעה, איז אַריינגעקומען אַ שווערער מענטש, מיט ברייטע פּלייצעס. יעדן פּיס וואָס ער האָט אַ שטעל

געטאָן איז געווען ווי אַ זעץ מיט אַ האַמער אין דער פּאַדלאָגע. ער האָט געהאַט אויף זיך אַ סך לייב און אַ קאָפּ געדיכטע האָר. מען האָט געזען, אַז די ווייסע האָר פֿירן אַ שטאַרקן קאַמף מיט די שוואַרצע. זיי זיגן וואָס אַ מאָל מער און זאָגן אָן, אַז די יוגנט אַנטלויפט און די עלטער רוקט זיך צו. דער מענטש איז גלייך צו צו ביינישלען, זיין שווערער, ברייטער גוף איז כּמעט אַרויפגעפאַלן אויף אים.

— ווו איז מיין געלט ?! איך מוז עס האָבן — האָט ער אַריינגערעדט אין אים מיט אַ שטימע אַ סך לייכטערע און דינערע, פּאַרקערט, ווי ער איז עס געווען אין זיין גאַנצער פּערזאָן.

— דו האָסט געקלינגען צו מיר, איך זאָל דיר שיקן אַ פּאָר הונדערט שטיקלעך סחורה, האָב איך דיר געשיקט. דעם וועקסל האָב איך באַלד דיס־קאָנטירט און דאָס געלט פּאַרטאָן אין מסחר. איצט האָסטו נישט אויסגעקויפט דעם וועקסל און איך האָב אים געמוזט אַרויסנעמען מיט געבאָרגט געלט. דו האָסט מיר צוגענומען דאָס געלט מיט דער סחורה. באַצאָל, זאָג איך דיר, דו שטעלסט מיך בדלות.

— וואָס האָט אים ביינישל געקאָנט זאָגן, ווען די ביכער, וואָס ליגן געעפֿנטע אויפֿן טיש רעדן אַליין פֿאַר זיך. ער האָט אים געוויזןביידע אָפֿענע האַנט־פלאַכן:

איר זעט ווי לידיק דאָ איז ?... אַזוי אויסגעליידיקט בין איך. טאָ מיט וואָס זאָל איך באַצאָלן ?

דער שווערער מענטש האָט לאַנגזאַם געדרייט דעם קאָפּ אין אַלע זייטן פֿון דער קראָם. די בליקן פֿון זיינע גרויע, נייגעריקע אויגן זענען געגאַנגען פֿון איין פּאָליצע צו דער צווייטער, וואָס זענען געווען פֿול מיט סחורות.

— אַ, דאָס מיינט איר ? — האָט אים ביינישל אָנגעקוקט פֿאַרוווּנדערט וואָס דעם מענטש קומען אַזעלכע אויסטערלישע געדאַנקען אין קאָפּ אַריין.

— דאָס איז נישט מיין. עס איז נישט דאָ אין די ביכער. און וואָס עס שטייט נישט אין די ביכער, איז נישטאָ, עקזיסטירט נישט, איר פֿאַרשטייט ? קאָמפּעטענטע מענטשן אין די זאַכן האָבן דאָס שוין גוט אויסגעשטודירט, זיי וויסן עס אויף געזוי, דאָ לאָזט זיך גאָרנישט איבערמאַכן.

— אַזוי ?! — האָט דער מענטש געקוקט ביינישלען גלייך אין מויל

אַריין און אים געגעבן מיט דער גאַנצער ברייטער האַנט אין דער באַק אַריין. ער האָט גאָרנישט געוואָלט אויף אַזוי פֿיל, אָבער וואָס האָט ער געקאָנט טאָן, אַז זיין האַנט איז אַזאַ גרויסע. ער האָט אים באמת געגעבן מיט דער ברייטער האַנט, נישט געקאַרגט, וואָרעם ביינישלס גאַנצע פּנים איז געוואָרן פֿאַרדעקט מיט איר, און ווי לאַנג זי איז דאָרט געלעגן האָט מען צו מאָל נישט געקאָנט זען וואָס ער טראַכט.

מיט אַ טאָג שפּעטער, כּמעט אויך אין דער זעלבער צייט, איז אַריינגעקומען אַ פֿרוי מיט שטאַרק־צעשויבערטע האָר. מען האָט זיך דאָס געקאָנט אויסטייטשן, אַז ווען זי האָט זיך געגרייט צו גיין צו ביינישלען וועגן דעם חוב, איז זי צוערשט אַריינגעאַנגען צו דער פֿריזירערין, ברענגען אין אָרדענונג דעם קאָפּ. ווען מען גייט צו מענטשן מוז מען דאָך האָבן אַ שטיקל אויסזען! אָבער אין מיטן דרינען, האַלטנדיק דעם קאָפּ אין דעם הייסן צילינדער, וואָס טריקנט די האָר, האָט זי פּלוצלינג פֿאַרלוירן דאָס געדולד, נישט געקאָנט איינזיצן. עס האָט זי אַ הויב־געטאָן פֿון בענקל און איז געגעבן אַ לויף אַרויס אין דער מיט. און אַזוי איז זי אַהער געקומען אַ נישט־אויפֿגעקעמטע מיט די קנוילן אויפֿגעשטייפּטע, צעשויבערטע הערעלעך אויפֿן קאָפּ, ווי דינינקע דרעטעלעך צו רייבן און שייערן טעפּ.

איר מורא, אַז אפֿשר וועט ער זיך אויסבאַהאַלטן און זי וועט נישט האָבן צו וועמען צו ריידן האָט נישט געהאַט קיין זינען. ביינישל וועט נישט פֿאַרלאָזן די קראָם אין מיטן העלן טאָג, ווען מען דאַרף באַדינען די קונדן. זי האָט אים געטראָפֿן שטיין הינטערן פֿאַרקויף־טיש, ווי שטענדיק, און איז גלייך צוגעטרעטן צום ענין:

— וואָס פֿאַראַ קינצעלעך מאַכט איר מיט אונדז, וואָס פֿאַרע געשעפֿטעלעך?! וואָס האָט איר געוואָלט פֿון מיין מיידל האָבן? איר זענט דאָך נישט ווערט איר... איך וויל דאָס וואָרט פֿאַרן מויל נישט ברענגען — וואָס האָט איר געוואָלט פֿון מיין טעכטערל האָבן? פֿינף יאָר אַרבעט זי שוין אין דער באַנק, נאָך אָנגעהויבן אַלס קינד, זי האָט צוזאַמענגעלייגט אַ קרוזעיראָ צו אַ קרוזעיראָ, אַ קאָנטאָ צו אַ קאָנטאָ, עס וועט זיך מאַכן אַ גוט ייִנגל זאָל מען נישט דאַרפֿן קוקן אויף קיין געלט. אַבי אַ לייטישער מענטש — זאָל מען האָבן אַ צושטייער איינצובאַלעבאַטעווען זיך, אַ שטיקל וואָגן צו קויפֿן...

ביינישל איז געוואָרן אַ ביסל אומגעדולדיק. צו לייזן, זעט ער שוין, וועט זי אים סיי ווי נישט געבן, טאָ וואָס טויגן אים די אַלע רייד. ער האָט שוין אָנגעהויבן צו קוקן אויף איר מיט אַ בייזן בליק, וואָס זי פאַרנעמט אים גלאַט אומזיסט די צייט. ער איז דאָך נישט מחויב אויסצוהערן אַלע מעשיות וואָס אַ ייִדענע וויל דערציילן, און אפשר איז זי גלאַט אַ צעדרייטע... נאָר פון אירע ווייטערדיקע ווערטער האָט ער זיך שוין געכאַפּט אין וואָס דאָ גייט.

— האָט אייך דער טייוול אָנגעשיקט אין דער זעלבער באַנק אַריין, יאָ, אייך מיין איך, איר זענט דאָס ערגסטע נישט ווערט, און זי, די טאָכטער מיינע, מוז פּונקט הערן ווי איר רעדט מיטן זשערענט (אָנפירער פון דער באַנק) וועגן באַרגן געלט. איר אַמפּערט זיך, אייך איז נייטיק אַ סך, טענהט איר, און ער זאָגט, אַז אַזוי פיל קאָן ער נישט, עס איז פאַראַן אַ גרענעץ. קומט זי אַ היים, דאָס מיידל מיינס — זי איז דאָך עפּעס אַ באַנק־מענטש. „מאַמע — רעדט זי ווי אַ גאַנצע סוחרטע — וואָס וועט דאָס געלט אויסליגן און גאָרנישט. די באַנקנאָטן פאַלן און אַלץ ווערט טייערער. זאָל כאָטש עפּעס צוקומען פון דער זייט. אַז מען וועט דאַרפן צו עפּעס זיך צורירן וועט דאָך אַלץ זיין ווייניק. פרעג איך: „האָסט וועמען אַוועקצוגעבן?” זאָגט זי: „יאָ”.

— כאָטש אַן אָרנטלעכער מענטש?

— רייך און אָרנטלעך — זאָגט זי — קראַנטער ווי אונדזער באַנק, און צאָלט גוט.

איר קאָנט זי דאָך, דאָס מיידל פון דער באַנק, די סעניאָריטאַ בעווזאַ, מיין בעמילע, ביי וועמען איר האָט אַרויסגעשלעפּט דאָס גאַנצע ביסל אָפּגעשפּאָרטע און אויסגעהאָרעוועטע געלט. איר האָט דאָך מיט די אַנדערע, מיט אירע קאָלעגעטעס, וואָס אַרבעטן דאָרט, אויך געטאָן דאָס זעלביקע...

דאָס מאָל האָט ביינישל, ווי לאַנג זי האָט גערעדט, זיך גאָרנישט אָנגערופן, נאָר אויסגעהערט רויק און געדולדיק. ער האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף אירע שמאָלע, פולכנע הענטלעך, מיט אַ גלאַטיקער, וואַרעמער הויט — ממש רייצנדיקע הענטלעך. צי האָט ער געטראַכט וועגן דעם פאַרגעניגן, וואָס מען קאָן האָבן פון אַזעלכע הענטלעך? ביי יעדן קאָן זיך דאָך אַ מאָל מאַכן אַ מאָמענט פון שוואַכקייט — אַ מענטש איז דאָך נאָר אַ מענטש, און

נאָך דערצו אַ מאַנספּאַרשוין. אָדער עס קאָן זיין, אַז ער האָט זיי, די הענטלעך פאַרגליכן מיט דער נעכטיקער האַנט, וואָס איז געווען אַזאַ גרויסע און שווערע ווי אַ שטיק אייזן. עפּעס האָט מען זיך יאָ געקאָנט אָנשטויסן. בעת די אויפגערעגטע שטעלן אין רעדן זענען אירע הענט געווען שטאַרק באַ־וועגלעך. זיי זענען געגאַנגען אין פאַרשידענע זייטן, די הענט, און ער האָט כסדר נאָכגעפאָלגט מיט די אויגן אין וועלכער ריכטונג זיי גייען. די זאַך איז ערשט אין גאַנצן קלאָר געוואָרן ווען די פרוי האָט אַ נערוועזן קוויטש געטאָן:

— איר טרינקט מיין טאָכטערס בלוט! — און גלייך מיט דעם האָט זיך איינס פון אירע שיינע הענטלעך אויפגעהויבן צו זיין פּנים. עס איז טאַקע געווען אַ וואַרעמס, דאָס הענטל אירס, שוין צו הייס. קיין הנאה דערפון האָט ער נישט געהאַט. ער האָט פון דעם הענטל דערפילט אַ ברען אין דער באַק און פון די שאַרפע ווערטער — אַ שניט אין האַרצן... פון זיינע אויגן האָט זיך אַרויסגעזען עפּעס אַ צעמישעניש, ווי אין קאָפּ זאָלן האָבן אויפגעקומען נייע געדאַנקען, מיט וועלכע ער קאָן זיך נישט קיין עצה געבן.

ד

נאָך צוויי וויזיטן האָט ביינישל געהאַט אין דער זעלבער וואָך, צו מאָרגנס און איבערמאָרגן. נאָך דעם פינפטן פּאַטש, דעם שבתדיקן, האָט ער זיך אַ ביסל אָפּגערוט, וואָרעם ווי געוויינטלעך איז נאָך שבת געקומען דער זונטיק.

באַלד אין דער פרי האָט די גאַס מיט די פאַרמאַכטע געשעפטן, כמעט אָן אויסגעליידיקטע פון מענטשן, אויסגעזען לאַנגווייליק, ווי עמעצער וואָס האָט זיך צו פיל אויסגעשלאָפן, צו פיל זיך אויסגערוט און האָט נישט צו וואָס זיך צו נעמען. דער טאָג איז גרויס און עס איז נישטאָ קיין שום עול און קיין שום מוז עפּעס צו טאָן. סיידן פאַר די וואָס גייען אין אַ קלוב אַריין לייענען אַ צייטונג, צי אַ בוך, פאָרן שפּאַצירן אין אַ גאָרטן אַריין, זעען זיך מיט אַ פאַרהייראַט קינד, אָדער אַ קינד קומט מיט אַ וויזיט צו זיי און נעמט זיי דערנאָך אין רעסטאָראַן אַריין אויף מיטיק. פאַר די אַנדערע איז פּשוט נישטאָ אין וואָס זיך אָנצוכאַפּן, אַחוץ צו גענעצן.

די טראָטוואַרן ביי די זייטן און דער מיטן וועג זענען געווען אָפּגערייניקט פון די פּאַפּירן און טומל פונעם האַנדל אַ גאַנצע וואָך, אָפּגעשטויבט דורכן ווינט ביי נאַכט און דערנאָך אָפּגעוואַשן פון פּאַרטאָגיקן, וואַרעמלעכן רעגן. דער פרימאָרגן איז געווען אַ מילדער, אַ ליכטיקער און די גאַס אויסגעגאָסן מיט זון, ווי אויסגעלייגט מיט נייע דיוואַנען און באַפּוצונגען.

ביינישל, צופרידן וואָס עס איז נישטאָ ווער עס זאָל קוקן אויף אים, איז צוגעגאַנגען צו זיין געשעפט, געעפנט דאָס שלאָס ביי דער ערד, אונטער־געהויבן די טיר אויף אַ העלפט ווי עס איז די הויך פון זיין פיגור, און אַן איינגעבויגענער פאַרשווינדן אינעווייניק אַריין צוזאַמען מיט זיין שאָטן. די טיר האָט זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט און עס איז אין דרויסן נישט געבליבן קיין שום שפור, ווי די ערד זאָל זיך האָבן געעפנט, אים איינגעשלונגען און זיך צוריק פאַרמאַכט. אָפּגעווישט זיך דאָס מויל ווי קיין מאָל גאָרנישט.

יעדעס מאָל ווען ביינישל איז אין אַזאַ זונטיק־שעה דאָ אַריינגעקומען און געווען אַליין מיט זיך האָט ער געהאַט גענוג וואָס צו טאָן. ער איז מיט די טרעפּן אַרויפגעגאַנגען אויבן אין דער גרויסער סאַלע וווּ עס איז געווען די אָפּיסינע, געבישטעטרט אין די ביכער, אין די פּאַפּירלעך, געמאַכט די חשׁ־בונות, געזען וויפל אים קומט, וויפל ער איז שולדיק, אויפן אויג אָפּגעשאַצט וויפל עס זענען ווערט די סחורות און באַרעכנט ווי ער האַלט מיט זיין רייכטום. דאָס האַרץ האָט אים אָנגעקוואָלן און אויך געוויינט. געקוואָלן וואָס דאָס עשירות קיין עין־הרע וואַקסט און געוויינט פון דעם וואָס אַנדערע האָבן מער.

דאָס מאָל האָט ער זיך נישט צוגערירט צו קיין פּאַפּיר, צו קיין חשבון. די הענט האָבן זיך צו גאָרנישט אויפגעהויבן און פון די אויגן איז פאַרשווינדן די פאַרביקע זעעוודיקייט. דאָס וואָס האָט אים אַ מאָל אַזוי געפאַלן, צעשפּילט די פאַנטאַזיע וועגן דעם ווערט דערפון, ווי גאַנגבאַר די סחורה וועט זיין און וויפל זי וועט אים אַריינברענגען, איז אים איצט געוואָרן מיאוס. עס איז געווען ווי פון די סחורות זאָלן האָבן אַראָפּ די קאָלירן, די מוסטערן, דער רייץ און דער ווערט. דאָס אַלץ וואָס איז ערשט נישט לאַנג צוריק געווען זיין גלאַנץ, זיין שטאָלץ, זיין רייכטום, ער האָט נישט איינעם פון זיינע שכנים געקאָנט אָנרופן — שנאָרער. און איצט ביי וואָס איז ער געבליבן? ביי

פעטש, ביי חרפות און ביי ...שמאַטעס. ווען דאָרט זאָל זיין געווען אַריינ־געשטעלט אַן אונטערהער־אַפּאַראַטל, ווי עס ווערט היינט געמאַכט אין גאָר וויכטיקע ערטער וואָלט עס, דאָס אַפּאַראַטל, געקאָנט אונטערכאַפּן אַזעלכע פילאָסאָפיעס, האַלב געטראַכטע און האַלב אַרויסגערעדטע דורך ביינישלען:

— מען לייגט זיך אַריין אין אַ גרוב פון שמאַטעס... מען איז אַרומגע־וויקלט מיט שמאַטעס פון אַלע זייטן — פון די פּאַליצעס, פון די טישן, פון דער פּאָדלאָגע. דער קאָפּ איז אָנגעשטאָפּט מיט שמאַטעס, אַז עס בלייבט נישט קיין פּלאַץ פאַר עפּעס אַנדערש. מען גיט דעם קונה אַ פּעקל שמאַטעס און ער גיט צוריק געלט־שמאַטעס. און אַז עס גייט אַרויס פון געשעפט אַ טייל פון די שמאַטעס, נעמט מען אַ פּאַק געלט־שמאַטעס און מען פילט אָן דאָס ליידיק־געוואָרענע אָרט מיט אַנדערע שמאַטעס. עס איז נישטאָ קיין צייט פאַר אַ ביסל אָפּרו, פאַר נעמען עפּעס אין קאָפּ אַריין, פאַר אַ ביסל לעבן ווי אַ מענטש. מען איז כסדר פאַרקאָפּעט אין די שמאַטעס, פאַרזינקען אינעם שטויב פון זיי...

ביינישל האָט געפילט ווי עס שטיקט אים דאָ, ער האָט געזוכט לופט און איז אַרויס אין גאַס.

ה

מאָנטיק הייבט זיך אָן אַ נייע וואָך.

אַ גאַנצן טאָג האָט סעניאָר בענעדיטאָ העפלעך מיט רעספּעקט באַדינט די קונדן. צו דעם האָט ער געהאַט אַ באַזונדערן געלענק. ער האָט מיט יעדן גערעדט אַ וואָרט אויסער געשעפט־זאַכן, געמאַכט אַ קאָמפּלימענט, געגעבן אַ פּריוואַטע עצה. אַ קונה איז מערסטנס אַרויסגעגאַנגען מיט דעם געפיל צוריקצוקומען אַ צווייט מאָל קויפן ביי דעם פיינעם, איידעלן סעניאָר.

שוין צו פאַר נאַכט צו, אַן ערך אַ שעה פאַרן שליסן דאָס געשעפט איז אַריינגעקומען אַ נידעריקער ייִד, פיין אָנגעטאָן. כאָטש ער איז שוין גאָרנישט געווען קיין יונגער מענטש, האָט ער געהאַט אַ פול פנים מיט אַ גלאַטער הויט, וואָס האָט זיך נאָך גערייטלט מיט אַ געזונטער פאַרב. האָר האָט ער אויך געהאַט געדיכטע, הויך פאַרקעמט, נאָר די ברוינקייט פון זיי איז געווען אַ ביסל פאַרדעכטיקט. עס קאָן זיין, אַז זיי זענען געווען צוגעפאַרבט. אַלץ

האָט געוויזן, אַז דאָס איז אַ מענטש, וואָס זאָרגט שטאַרק וועגן זיין אויסזען. ער האָט געהאַלטן דעם קאָפּ שטאַרק אויפגעהויבן, שוין אַפילו אַ ביסל אויף הינטן, און געגאַנגען מיט אַן אונטערשפּרינגענדיק גענגל, דערמיט זיך צו מאַכן העכער ווי ער איז געווען. דורך די צעעפנטע ליפּן האָט מען אַרויסגעזען אַ גרויסן טייל פון זיינע ציין, אויך געזונטע, ווייסע. צי דאָס זענען געווען זיינע אייגענע איז שווער צו זאָגן. צוליב דעם, וואָס מען האָט אַזוי אַרויסגעזען די ציין איבער דער גאַנצער ברייט פון מויל האָט זיך געשאַפן דער איינדרוק ווי ער זאָל לאַכן. אָבער געלאַכט האָט ער נישט, וואָרעם ער איז אַריינגעקומען זייער ערנסט און אַזוי ווי ביינישל איז געווען פאַרנומען מיט אַ קונה, איז ער אומגעבעטן אַליין צוגעגאַנגען צו אַ בענקל, וואָס איז געשטאַנען אַ ביסל פון דערוויטנס און זיך אַוועקגעזעצט וואַרטן. ער האָט זיך געפילט היימיש, ממש ווי ביי זיך אין דער היים. אפשר פון דעם, וואָס ער האָט דאָ אין דעם געשעפט אויך ליגן אַ חלק — דער חוב וואָס קומט אים. ער האָט זיך צוגעקוקט ווי ביינישל באַהאַנדלט העפלעך דעם קונה, פּאַקט איין שיין, פּינקטלעך דאָס פּעקל, ווינטשט אים ביים אַוועקגיין, אַז ער זאָל עס פאַרנוצן געזונטערהייט און בעט אים צו געדענקען דעם אַדרעס אויף אַ צווייט מאָל. ער וועט שטענדיק גוט באַהאַנדלט ווערן.

דעם ייִד איז געוואָרן אַ ביסל אומהיימלעך אויפן געמיט. ווי קאָן מען אָנטאָן פאַרדראָס אַזאַ גוטמוטיקן מענטשן, ווי עס איז אָט דער ביינישל!...

ביינישל האָט געלאָזן זיך צו אים דערנענטערט. דער ייִד איז געזעסן ביי דעם לאַנגן געוועלב־טיש פון פאָרנט און ביינישל איז געשטאַנען קעגן איבער. פון איבער דעם טיש האָט ער צוגעבויגן זיין פּנים נאָענט צו דעם ייִדל:

— נאַט, פּאַטשט וויפל איר ווילט...

דאָס ייִדל האָט זיך געגעבן אַ הייב אונטער פון בענקל, געקוקט מיט אַ שאַרפן לאַנגן בליק ביינישלען גלייך אין פּנים אַריין און גערעדט היציק מיט אַ ליטווישער אויסשפּראַך:

— פּאַטשן אַ ייִדן, כאַס וועסאָלעם, איך טו דאָס ניט. כאַטש פּאַטשן איז אַ ייִדישע זאַך. אַז אַ רבֿ האָט געכאַפּט אַ יונג אין סטעטל רייכערן אַ פּאַפּיראָס אים סאַבעס האָט ער אים געגעבן אַ פּאַטש, און אַ מאָל האָט זיך געמאַכט, אַז מען האָט זיך אויסגעכאַפּט אַן עליה אין קלויז האָט מען אויך געגעבן אַ פּאַטש.

דאָס ליטוואַקל האָט פאַרלייגט די הענט אויף הינטן ווי ביי אַ שפּאַציר־גאַנג שבת נאָכמיטיק אין שטעטל:

— ווייסט איר גאָר וואָס? — זאָל הייסן איך האָב אייך געפּאַצט — און סעיך, פּטור... (סעיך — שוין).

ביינישל האָט זיך געוואָלט מאַכן אַ האָרץ פון אַ שטיין. עס איז אים אָבער נישט געלונגען. דאָס האַרץ האָט אים נישט געוואָלט פאַרשטיינערט ווערן. עס האָט זיך דווקא גענומען שמעלצן און די פייכטקייט דערפון איז אים געקומען אין די אויגן אַריין.

דאָס נישט באַקומען דעם פּאַטש האָט ביינישלען אין גאַנצן צענומען. צוויי שונאים האָבן געקוקט איינער אויפן צווייטן מיט פייכטע אויגן פון רחמנות צו זיך.

ו

נאָכן אַוועקגיין פון די אַנגעשטעלטע און אַרבעטער איז ביינישל געבליבן אַליין אין געשעפט ביי אַן אַראָפּגעלאָזטער טיר אין גאַס אַריין.

ער איז אַרויפגעגאַנגען אין דער אָפיסינע איבערן געוועלב, נישט נאָכ־געציילט די פּעקלעך צוגעשניטענע סחורה, אַנגעגרייטע אַרויסצוגעבן מאָרגן צו נייען, ווי ער פלעגט דאָס שטענדיק טאָן. קיין שום זאַך האָט ער נישט נאָכגעקוקט. ער איז געזעסן מיט די עלנבויגנס אָנגעלענט אויפן טיש, דעם קאָפּ איינגעקוועטשט אין די האַנט־פלאַכן און געגלאָצט אויף די פּאָליצעס מיט שטאָפן קעגן איבער זיינע אויגן.

— שמאַטעס, שמאַטעס, ביז מען ווערט אַליין אַ שמאַטע...

אין אַ ווינקל האָט פון צווישן די פּעקלעך שטאָפן, ווי אַ צופעליק פאַר־וואָרפענע זאַך, אַרויסגעשטאַרצט אַ רוקן פון אַ ביכל. צווישן די אַלע פאַר־ביקייטן איז געווען נאָך אַ שטיקל פרעמדע פאַרב. ביינישל האָט עס באַמערקט און אַרויסגעשלעפּט. ער האָט עס געעפנט, פון געוווינהייט אַרויסגענומען אַ בלייער, געוואָלט אונטערציִען אַ סך־הכל פון אַ רעכענונג. אָבער ער האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז דאָס זענען נישט קיין ציפערן, נאָר ווערטער און שורות. ער איז געזעסן צווישן דער נוצלאָזער, פאַרלעגענער סחורה און געמישט די בלעטלעך, דאָ און דאָרט געלייענט עטלעכע שורות.

עס איז אַרויסגעוואַקסן דער מאַרק אין זיין שטעטל, די לאַנקע, ווו ער האָט זיך געשפּילט מיט יִינגלעך און מיידלעך, דאָס וואַסערל אין וועלכן ער האָט זיך געבאָדן. פון דערווייטנס האָט דער שוואַרצער ראַנד פון וואַלד געצויגן ווי אַ כּישוף.

עפּעס אַ היימישקייט האָט געוויעט פון די בלעטלעך, ער האָט אַריינגעטעמט אין זיך אַ בענקשאַפט. עס האָט זיך אים אָוועקגעשטעלט פאַר די אויגן דאָס גרינע הייזל פון זיין היים, ווו עס האָט אַריינגעשמעקט דער פרילינג, דער בעז, דאָס פעלד, ער האָט דערזען די פּנימער פון טאַטע־מאַמע... מען האָט דאָרט געחלומט פון ווייטע, רייכע לענדער, מיט פאַנטאַזיעס פון רייך ווערן — און איצט איז מען שוין רייך...

ער האָט דאָס ביכל פאַרמאַכט, עס באַקוקט, ווידער געעפנט און געלייענט אַנדערע בלעטלעך.

פון וואַנען נעמט זיך דאָ אַהער דאָס ביכל? יאָ, עפּעס איינער אַ צוטשעפּעניש האָט עס אים אַריינגעשליירט. ער האָט זיך נישט געקאָנט אַרויסדרייען. ביים באַצאָלן די מטבע האָט ער נאָך געזאָגט צו דעם יונגנמאַן: — איר זענט אַ פּייערדיקער פאַרקויפער. פון גאָרנישט מאַכט איר סחורה און נעמט געלט. פאַר וואָס נעמט איר זיך נישט צו עפּעס אַנדערש? איר וואָלט געקאָנט פאַרציקערן אַלע באָוולען פון דער גאַנצער גאַס, אַלץ וואָס איז שוין אַרויס פון דער מאָדע, אַלע פאַרלעגענע סחורות. איר וואָלט פון דעם געמאַכט גאָלד, אַז איר האָט מיר געקאָנט אַריינשלייערן אַזאַ מין סחורה. ווער נוצט דאָס היינט, צו וואָס טויג עס? — האָט ער אין דער האַנט געוויגט דאָס ביכל מיט די רויטע טעוועלעך.

און איצט זעט ער, אַז דאָס איז דאָך פון די זעלבע ביכלעך, וואָס ער האָט אַ מאָל אַליין גענומען אין דער ביבליאָטעק און זיי אָפט געטוישט. אין שטעטל האָט ער מיטגעשפּילט אין אַ דראַמאַטישן קרייז, נאָר געוואָלט שפּילן טעאַטער — און דאָ מאַכט דאָס לעבן פון אים אַליין ס׳טעאַטער...

עס האָט אים געגעבן אַ הויב אונטער פון אָרט, פון דער אָפיסינע איז ער מיט די טרעפּ אַראָפּגעגאַנגען אין געוועלב אַריין, געעפנט דאָס טירל אין גאַס אַריין און פון דרויסן געשלאָסן דאָס געשעפט.

דעם דאַנאַס אָנקומען מיט זיין פֿאָלקס־וועגעלע אַזוי פֿרי צום הויז, האָט דער דינסט לוסיאַן, וואָס איז געשטאַנען פֿאַרן טויער מיט איר זשאָזעען געשטערט אין מיטן ליבן דורך אַריינקוקן זיך אין די אויגן אַריין. זי האָט געהייסן דעם חתן צוּוואַרטן און איז נאָכן דאַנאַ אַרויפֿגעפֿאָרן מיט דער ווינדע צוצוגרייטן פֿאַר אים די קאַפֿע צום נאָכטמאָל.

לאה, אָדער די דאַנאַ לעאַ, האָט אים געפֿרעגט:

— וואָס איז ווידער געשען? עפּעס אַזוי פֿרי?...

— וואָס זאָל זיין געשען? אַז מ'קומט אַ ביסל פֿריִער מוז שוין זיין געשען... גיב מיר צו עסן און פֿאַרטיק.

ביינישל האָט געקייט די שטיקעלעך זעמל מיט קעז, צוגעזופּט די קאַווע און זיך אַ ביסל צוגעשאָקלט. אין קאָפּ האָבן זיך אים אויך געקייט ווערטער, ווי ער זאָל לערנען — אַז אַ מענטש פֿאַרלירט דאָס באַוווּסטזיין און ווערט פֿאַרחלשט זענען פֿאַראַן פֿאַרשידענע מיטלען אים צו דערמונטערן. מען גיסט אים אָפּ מיט וואַסער, מען טרייסלט אים, מען גיט אים פּעטש. איך האָב פֿאַרלוירן דאָס באַוווּסטזיין פֿון לעבן, בין אַריינגעפֿאַלן אין אַ הינערפֿלעט פֿון מאַכן געלט — זענען מיר נייטיק געווען די פּעטש, מיך אויפֿצוּוועקן...

לאה האָט געהערט עפּעס אַ מורמלען, אָבער זי האָט גאָרנישט אויפֿגע־כאַפּט. זי האָט געגלויבט, אַז דאָס אויסשרייען זיך איר דעמאָלט האָט אים עפּעס איבערגעקערט אין קאָפּ.

אויף אירע ליפּן איז אַרויסגעקומען אַ באַרויִקט שמייכעלע, וואָס האָט זיך שוין לאַנג נישט געהאַט באַוויזן אין דער נאָענט פֿון איר מאַן. זעלטן פֿלעגן זיי זיצן צוזאַמען ביים עסן, סיידן אַ מאָל אין אַ זונטיק, אָדער אויף אַ שׂמחה. זי האָט זיך איצט צוריק דערפֿילט באַלעבאָסטע און ווייב. דאָס אָונטבערויט האָט זי לאַנג שוין געהאַט אָפּגעגעסן אין איינזאַמקייט, אָבער כּדי מיטצוהאַלטן דעם מאַן ביים עסן האָט זי גענומען אַ פּרוכט, אָפּגעשיילט, און אויך געקייט.

עפּעס אַ ליכטיקייט האָט זיך אָנגעצונדן אין איר נשמה, און ווערלנדיק פֿאַרטרייבן דעם חושך פֿון דער שטוב האָט זי אָנגעצונדן אַלע לאָמפּן. דאָס האָט איר אויסגעזען נאָך צו ווייניק, האָט זי אַרויפֿגעשטעלט אויפֿן טיש אויך די שבת־לייכטער. הגם עס איז געווען מאָנטיק, האָבן אָבער די צוויי פֿלעמלעך

פון די ליכטלעך צוגעגעבן יום־טובדיקייט, עפּעס אַ יום־טוב פון באַנייען אַ היים, אַ פאַמיליע־לעבן, אַ משפחה־נעסט. עס קאָן זיין, אַז זי האָט געלעבט אין אַ טעות, אָבער דאָס איז געווען די בענקשאַפט פון איר לייב און פון איר נשמה.

ביינישל האָט נישט געהאַט וואָס צו טאָן מיט זיך. אין זיין קאָפּ האָבן זיך געפּיקט פאַרשידענע מחשבות, אָבער די הענט זענען געהאָנגען ביי אים איבעריקע, פרעמדע. אַרויסגיין זיך טרעפן מיט מענטשן האָט ער נישט געקאָנט, די שטוב איז געוואָרן פאַר אים דאָס אַנטלויפן פון דער חרפה. ער האָט באַדויערט, וואָס ער האָט נישט מיטגענומען פון געוועלב דאָס ביכל, וואָס האָט אים אַריינגעפירט אין דער אַמאָליקער שיינער וועלט, דערוועקט די טרוימען פון דער יוגנט־צייט.

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן פון טעלער און געזען אויפן טיש די לייכטערלעך מיט די ברענענדיקע ליכט. אין גרינעם הייזל אין דער היים האָט די מאַמע אויך געצונדן ליכט פרייטיק צו נאַכטס.

— היינט איז דאָך מאָנטיק, וואָס איז דאָס?

לאהס ראָזלעכע פּנים, אַ באַלויכטנס פון דעם דרויסנדיקן ליכט און אינעווייניקסטער צופרידנקייט, האָט געזאָגט צו אים מיט אַזאַ לאַכעלע, עפּעס אין גאַנצן אַ נייעס, וואָס איז צום ערשטן מאָל געבוירן געוואָרן אויף אירע ליפּן און ציין:

— אַז דו ביסט געוואָרן אויס ייִד מוז איך אויך ווערן אַ גויע? דו זיצסט קיין מאָל נישט ביים שבתדיקן טיש — דערמאָן זיך כאָטש היינט, אַז ס'איז דאָ אַ שבת. אַ מאָל מוז דאָך אַרויפקומען אַ ביסל ייִדישקייט אויף אַ טיש אין אַ ייִדישער שטוב.

מלכות „העבראַיקאַ"

דער ברייטער, מאַסיווער בנין פון דער „העבראַיקאַ" אין סאַן פּאַולאָ זעט אויס ווי אַ פעסטונג. אין דער הויף ביים דאַך איז ער אַרומגענומען מיט אַרויסשטייענדיקע, קאַנטיקע פּלאַטן, ווי די פעסטונג זאָל טראָגן אויפן קאָפּ אַ קרוין. אונטער איר לייכט ביי נאַכט פון אַ סך פענצטער און פענצטערלעך אַרויס ליכט און עס דאַכט זיך, אַז די קרוין אַרום איז באַזעצט מיט לייכטנדיקע איידל־שטיינער.

א. „העבראַיקאַ" של מעלה

אין אַ זונטיק אָדער אין אַ יום־טוב ווען די הייף און פלעצער פון דער „העבראַיקאַ" זענען פול אָנגעגאָסן מיט זון, פון דעם שווים־באַסיין לייכט אַרויס דאָס קלאָרע, דורכזיכטיקע בלוי, ווערן דער בנין און די אַרומיקע גאַסן אַרומגענומען מיט קייטן פון אויטאָס. איין אויטאָ קומט אָן, גיט אַ ברום, אַ בריל און שטעלט זיך אַוועק. נאָך אים אַ צווייטער, אַ דריטער. יעדער אויטאָ איז אַ רינגעלע און פון די אַלע רינגעלעך שטעלט זיך אויס אַ לאַנגע קייט. ווען איין קייט האָט שוין איר גאַנצע לענג הייבט זיך אָן אויסצופאָרמירן אַ צווייטע קייט פון אויטאָס ביז דאָס הויז, די פעסטונג, זעט אויס צו זיין באַוואַכט פון רייען קייטן, נישט צו לאָזן דאָרט אַריינדרינגען קיין שלעכטס.

וואָס מער ליידיקע אויטאָס אין דרויסן, אַלס מער מענטשן אינעווייניק אין דער „העבראַיקאַ".

די טרעפּ צום אַרויפגאַנג זענען ברייטע, אָבער דער אַריינגאַנג אינעווייניק איז אַ שמאָלער. אין דער „העבראַיקאַ" גייט מען נישט אַריין, נאָר

מען דרייט זיך אַריין. אין דער וואַנט פון די גלאָז־טירן, וואָס פאַרשטעלט דעם אַריינגאַנג אין די זאַלן און אויפן פלאַץ אַרויס אין דרויסן, זענען פאַראַן שמאָלע אַדורכגענג, נעבן וועלכע עס איז איינמאָנטירט אַ געשטעל מיט אַ רעדל. ווער עס ווייזט דעם שומר דאָס רעכט אַריינצוגיין, גיט ער, דער שומר, אַ דרייביים רעדל, דער אַריינגייער גיט אַ שטופּ־צו מיטן קערפּער און ער איז שוין אינעווייניק, שוין אַריינגעדרייט. פון דאַנען קאָן ער שוין גיין אין יעדן זאַל, ווו ער דאַרף און ווו ער וויל, און אין יעדן פון די פאַרשידענע פלעצער, וואָס געפינען זיך אין דרויסן אויף דער לופט.

דאָס איז אין אַ געוויינטלעכער צייט ווען אין קלוב גייט אָן די נאָרמאַלע טעטיקייט בלויז פאַר די מיטגלידער.

אָבער ווען עס ווערט איינגעאָרדנט אַן אונטערנעמונג פאַרן כלל ישׂראל פון דער שטאָט, דעמאָלט עפענען זיך ברייט די גלעזערנע טירן אין דער וואַנט און — כל דיכפין ייתי... ווער עס איז הונגעריק נאָך אַ גייסטיק יידיש וואָרט, ווער עס וויל אויפלעבן די נשמה מיט אַ ביסל קונסט, ווער עס וויל אויסלאָדן פון זיין געמיט אַ תּפילה צו דעם אין הימל — איז ביטע, דער וועג איז אָפן... קומט אַריין, געניסט, לאָזט זיך וווילגיין...

די וועגן צו די אַלע פאַרגעניגנס זענען פאַרשיידענע.

אויבן אויפן ערשטן שטאָק געפינט זיך דער „סאַלאָן אַזול". שוין דער נאָמען אַליין טראָגט אין זיך אַ הימלישן רייץ: דער „בלויער זאַל" — און בלויקייט איז דאָך הימל, ווען ער איז ליכטיק און ריין. דער דאָזיקער זאַל ווערט איינגעאָרדנט לויט דעם, צו וואָס ער איז באַשטימט, וואָס עס קומט דאָרט פאָר. אַ מאָל ווערט אַוועקגעשטעלט אַ טריבונע פאַר אַ לעקטאָר פון „פאָלקס־אוניווערסיטעט" מיט אַ פּרעזידיום און אין זאַל זענען אויסגעסדרט רייען בענקלעך פאַר די צוהערער. די לעקציעס זענען אויף טעמעס ליטעראַ־רישע, געשיכטלעכע, וועגן גאונים און רביים. ביי אַ פּאָליטישער טעמע צעהיצט זיך אַ דיסקוסיע צווישן רעדנער און דעם פּובליקום.

פייערט מען אַ שׂמחה, ווערט דער זאַל באַשטעלט מיט טישלעך, אַרום זיי שטולן, עס ווערן דערלאַנגט מאכלים און די מוזיק שפּילט. ס'איז יום־טוב.

אַז עס ווערט איינגעאָרדנט אַ כּל־נדרי־אָוונט פאַר דער יוגנט באַקומט דער זאַל אַן אָפּשיין פון גאָר אַנדערע קאָלירן. עס ווערט אַוועקגעשטעלט

אין פֿאָלקס־אוניווערסיטעט

יצחק גוטערמאַן בעת אַ רעפֿעראַט וועגן איציק מאַנגער, אין מאָמענט פֿון שילדערן
ווי די גאָלדענע פּאַווע פֿליט אַרום זוכן די נעכטיקע טעג.

ביים פּרעזידיום־טיש פֿון רעכטס: משה שקילניק, סיאָמע צימערמאַן, יוסף זילבער־
בערג, אברהם קאָטלער (פּאָרזיצער פֿון פּרימאָרגן), פֿאַני ראָזענטראַוב, אהרן פֿאַר־
טשעוו — קולטור־טוער, גינטשע קאָן — רעציטאַטאָרין.

(די קולטור־פֿונקציעס פֿון די אַנדערע ביים פּרעזידיום־טיש זענען אָנגעגעבן אין דער
צווייטער פֿאָטאָ).

אַן אָרון קודש מיט אַן עמוד, עס שווימלען טליתים, די קעפּ ווערן אויסגע־שטערנט מיט קאַפּעלעך פֿון פֿאַרשידענע קאָלירן, דער זאַל ווערט פֿול מיט תּפֿילה, געזאַנג און ימים־נוראימדיקייט.

איז פֿאָרגעקומען דער יובל פֿון צוואַנציק יאָר „העבראַיקאַ” און פֿיר יאָר „פֿאָלקס־אוניווערסיטעט” האָט דער זאַל באַקומען אַ גאַנץ אַנדערן אויס־זען. אַלע באַזונדערע ווינקעלעך, אַלע אָפּטיילונגען זענען פֿאַראייניקט גע־וואָרן אין איין גרויסן זאַל. ביי אַ לאַנגער וואַנט זענען אויסגעשטעלט געוואָרן טישן, נעבן וועלכע עס זענען געזעסן רבנים, שרייבערס, אָנפֿירערס פֿון דער

„העברא‏ִיקא‟ און פונעם יידישן געזעלשאפטלעכן לעבן אין דער שטאט. פאר די פארזאמלטע, וואס זענען געזעסן ביי טישלעך מיט כיבוד, איז דער־ציילט געווארן די געשיכטע פון דער אנטוויקלונג פון דער „העבראִיקא‟, די שוועריקייטן און דאס נחת, און צווישן די ווינטשעניש איז געהערט געווארן געזאנג און דאס יידישע קינסטלערישע ווארט.

דער „בלויער זאל‟ בייט די קאלירן, די ארדענונג, די שטימונג לויט די צייטן פון יאר, לויט די אונטערנעמונגען וואס ווערן דארט איינגעארדנט.

אין זעלבן קארידאר ווו עס איז דער אריינגאנג אין „בלויען זאל‟ גע־פינען זיך אויף דער צווייטער זייט עטלעכע טירן. יעדן זונטיק אין דער פרי עפענען זיך ברייט די צוויי האלבע טירן פון א צימער און מען זעט, אז אינעווייניק איז א מקום קדוש מיט אן ארון קודש פאר ספרי תורות, מיט אן עמוד פאר א בעל תפילה און מיט בענקעלעך פאר מתפללים. דאס פירן אויס די חב״דער חסידים זייער מצווה צו ברענגען יידן צו יידישקייט, אויס־צופירן געטריי דעם קול־קורא פון ליובאוויטשער רבין שליט״א.

אין די זונטיק־פרימארגנס קומען זיך צוזאמען מערער יידן און עס ווערט צוזאמענגעשטעלט א מנין. פון דעם שילעכל קומען ארויס אין קארי־דאר אריין יינגלעך מיט לאנגע, גלאטע אדער געקרייזלטע פאהלעך, מיט רונדיקע היטעלעך אין דער פארם פון א קאפעלע מיט א דאשעק פון פארנט און א קנעפעלע אויפן שפיץ קאפ. דאס האט מען אין דער אלטער היים גערופן אכט־קאנטיקע היטעלעך. די יינגלעך גייען צו צו די יידן, וואס דרייען זיך אין קארידאר און פרעגן מיט זייערע דינע שטימעלעך: — „איר האט שוין געלייגט תפילין? אדער סוכות־צייט: „איר האט שוין געבענטשט אתרוג?‟

אז מען קוקט אויף אזא יינגעלע דערמאנט זיך אזעלכע הונדערטער טויזנטער יינגלעך אין די איראפעישע שטעט און שטעטלעך, וואס זענען געגאנגען אין די חדרים. אין ווינטערס, אין די שטעטלעך, ווען די נאכט איז פרי צוגעפאלן, האבן זיי געטראגן פאפירענע לאמטערנדלעך מיט אנגע־צונדענע ליכטלעך אינעווייניק צו באלייכטן דעם גליטשיקן וועג פון אייז און שניי. דאס ליכט האט צוגעצויגן דאס בילן פון הינט, אבער די קינדער זענען געגאנגען מיט מסירת־נפש און מיט שמחה לערנען תורה.

אין פאָלקס־אוניווערסיטעט פאַר ייִדיש ביי דער „העבראַיקאַ" אין סאַן פּאַולאָ.

פון רעכטס: אברהם קאָטלער, ייִדישער לערער, משה שקילניק, פאָרזיצער פון „קרייז ליבהאָבער פון דער ייִדישער ליטעראַטור"; סיאָמע צימערמאַן, פאָרזיצער פון קאָמיטעט פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור; קלאַראַ קעלמאַנאָוויטש, לייטערין פאַר קולטור־אַרבעט אויף ייִדיש ביי „נעמת"; יוסף זילבערבערג, סעקרעטאַר פון פאָלקס־אוניווערסיטעט; פאַני ראָזענטראַוב, פרעזידענטין פון פאָלקס־אוניווערסיטעט (פאָרזיצערין פון דעם פרימאָרגן); יצחק גוטערמאַן, שטייט, בעת אַ לעקציע: „שאַפונגען פון די ייִדיש־סאָוויעטישע שרייבער אין ישראל"; ווייטער: פרוי און צוויי זין פון יצחק גוטערמאַן, וועמענס 70סטער געבוירנטאָג איז ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט אָפּגעמערקט געוואָרן.

אַזעלכע אַכט־קאַנטיקע היטעלעך פלעגן טראָגן די ייִנגלעך פון די בידעריקערע בּיתות, די יונגערע, און אַז איינער איז איבערגעגאַנגען אין אַ העכערער כּיתה האָט ער שוין אָנגעטאָן אַ רונדיק היטל מיט אַ גלייכער פלאַך פון אויבן, ער האָט זיך שוין גערעכנט פאַר אַ בן־תּורה.

ווען אַזאַ ייִנגעלע דאָ, פון די ליובאַוויטשער, קומט־צו פרעגן צי מען האָט שוין געלייגט תּפילין, זעט מען אין אים אַ ווידערגעבורט פון יענע טויזנטער ייִנגלעך. עס ווילט זיך אים נישט צונעמען די פרייד פון ברענגען

אַ ייִד צו טאָן אַ מצווה, און מען גייט אַריין אָנטאָן די תּפילין. עמעצער קאָן נאָר באַמערקן:

— צי איז שיין, אַזאַ פרום ייִנגעלע זאָל פרעגן אויף פּאָרטוגעזיש צי מען וויל מאַכן אַ ברכה איבער תּפילין?

אויף דעם האָט דאָס ייִנגעלע באַלד אָן ענטפער:

— איך קאָן ייִדיש אויכעט און די ברכה וועט איר זאָגן אויף לשון קודש.

אין אַ ווייטערדיק צימער געפינט זיך די וועלט פון ביכער, די ביבליאָטעק. די שענק זענען אויסגעפילט מיט אַ סך פּאָליצעס ביכער אין פאַרשידענע שפּראַכן: פּאָרטוגעזיש, העברעיִש, ייִדיש, שפּאַניש, פראַנצויזיש, דייטש, ענגליש... דאָ, אין דער ביבליאָטעק, קאָן מען נישט זאָגן, אַז דאָס לייענען אַ בוך איז אַ פאַרעלטערטע זאַך. טייל מאָל ביי אַ גרעסערער באַוועגונג אין דער „העבראַיִקאַ" קומט אויס אַ ביסל צו וואַרטן אין אַ ריי ביז מען טוישט אַ בוך. דער וואָס ברענגט אָן אויסגעלייענט בוך איז אין דער נשמה, אין דער מחשבה רייכער געוואָרן, און די ביבליאָטעק איז גאָרנישט געוואָרן אָרעמער.

אַ ייִד גייט אַרויס פון דער ביבליאָטעק מיט אַ בוך מעשׂהלעך פון חומש באַאַרבעט אויף ייִדיש. ער ווייזט עס מיר.

איך נעם אַזעלכע ביכער — זאָגט ער — איך האָב זיי ליב צו לייענען פאַר מיינע אייניקלעך.

נאָך נישט אַזוי שלעכט ווי מען וויינט. עס זענען נאָך פאַראַן אַזעלכע זיידעס און אַזעלכע אייניקלעך ביי ייִדן אין סאַן פּאַולאָ. וואָלט אַזאַ ביבליאָטעק נישט געווען, וואָלטן אַזעלכע זיידעס און אייניקלעך אויך שוין נישט געווען...

דאָס אַלץ איז אויבן, אויפן ערשטן שטאָק, וואָס מען קאָן אָנרופן די „העבראַיִקאַ" של מעלה.

ב. ממעמקים קראתיך...

הגם דער טעאַטער־זאַל פון דער „העבראַיִקאַ" איז געבויט אין דער טיף, נידעריק, וואָס וואָלט געדאַרפט הייסן „של מטה", שטייגט ער אָבער איבער מיט זיין גייסטיקן לעבן דעם „של מעלה". ס'איז נאָך מעלה פון „של מעלה",

ווייל דאָ קומט פאַר דער ממעמקים קראתיך ה׳ — פון די טיפענישן רוף איך צו דיר, גאָט... דער טעאַטער־זאַל איז געבויט אונטערן פאַרטער, אין דער אונטערערד. אַז מען גייט אַראָפּ די צוויי רייען טרעפּ, און פון דעם האָל, אין גאַנצן באַדעקט מיט טונקל־רויטע טאַפּעטן, קוקט מען אַריין אין די אָפענע טירן, זעט מען אַן אונטערערדישע הייל מיט שטיינערנע ווענט, וואָס איז טייל מאָל, אין פייערלעכע טעג, אויסגעשטאַט ווי אַ פּאַרכישופטער פּאַלאַץ. באַזונדערס אין די ימים נוראים־טעג איז דער זאַל זייער צוגעפּאַסט צו רופן פון דאַנען דעם „ממעמקים״... אַז גאָט זאָל פון דער טיפעניש דאָ הערן דאָרט ביי זיך אויבן אין דער הויך דאָס געבעט פון ייִדישן פאָלק, אַז עס זאָל שוין נעמען אַן עק צו זייערע צרות און פיינען, עס זאָל שוין קומען די גאולה פון שלום.

יעדעס יאָר, אין די פּאַרכטיקע טעג, איז די מזרח־וואַנט און די טריבונע אַנדערש אויסגעצירט, אָבער שטענדיק מיט עפּעס, וואָס זאָל דערמאָנען מלכות ישׂראל, ווען עס איז נאָך געווען דאָס בית־המקדש און עס האָבן נאָך געקיניגט די ייִדישע מלכים. פאַראַיאָרן האָט מען געזען פראַגמענטן פון מגדל דוד, באַשיינט מיט רעפלעקטאָרן, וואָס האָבן געשאַפן דעם איינדרוק פון אויפגייענדיקן מזרח. הײַ־יאָר האָט אַנטקעגנגעשיינט אַ הימל־בלויע וואַנט מיטן ליכט פון מיטן העלן טאָג, מיט צייכענונגען פון די כוהנים־הענט, גרייטע צום דוכנען. דאָס אַליין האָט שוין אויסגעזען ווי אַ ווונטש, ווי אַ תפילה, אַז דאָס נייע יאָר פאַר ייִדן זאָל אויפגיין אַ ליכטיקס, אַ שיינס, אַ בלויס. בלוי איז בכלל אין דער „העבראַיִקאַ״ אַן אָפטע און, ווייזט אויס, אַ באַליבטע פאַרב, דער „בלויער זאַל״, די בלויע מזרח־וואַנט, דאָס בלויע וואַסער אין שווים־באַסיין. קאָן זיין, אַז דאָ איז פאַראַן דער רייץ אַהערצו־ברענגען דעם אָפּגלאַנץ, די אָפּשפּיגלונג פון דעם כנרת־ים, וואָס כישופט מיט זיין בלויען וואַסער־שפּיגל.

ווי באַזונדערע וואַסערלעך, וואָס קומען אַן בעת אַ פאַרפלייצונג פון אַלע זייטן און פליסן אַריין אינעם אַלגעמיינעם טייך, אַזוי האָבן אין דער כל־נדרי־נאַכט געשטראָמט ייִדן און אַריינגעפלאָסן אין דער „העבראַיִקאַ״.

אין דעם זעלבן טיפן זאַל קומען אויך פאַר אַנדערע תפילות און אויסרופן פון צאָרן. ווען פון מדינת ישׂראל קומט אָן דער אויפברויז וועגן דער טראַ־

גערדיע אין מעלות אָדער קרית שמונה נעמען זיך דאָ צוזאַמען הונדערטער ייִנגלעך און מיידלעך, און אויך עלטערע מענטשן. מיט אויפשריפטן פון צאָרן און פּראָטעסט אויף פּלאַקאַטן און טראַנספּאַרענטן, מיט ווערטער פון ווײ־געשריי נישט צוצלאָזן מער אַזעלכעס — קומט אַרויס פון דעם „ממע־מקים״ דאָ דער רוף צו דער וועלט.

אין די יאָר־טעג פון די זעקס מיליאָן גיבורים און קדושים נעמען זיך צוזאַמען אין דעם „ממעמקים״־זאַל טויזנט מענטשן און מער, עס הערן זיך פון דער טריבונע די פאַקטן פון קידוש־השם און גבורה. אין דעם געזאַנג פון די חזנים און כאָר ווערט אַרויסגעבראַכט דער יאָמער און קרעכץ פון די אויסגייענדיקע און אומקומענדיקע, עס רייסט זיך אַרויס דאָס דערלייכ־טערונגס־געשריי פון וואַרפן אַ דינאַמיט־לאַדונג אָדער אַ פלאַם פייער אין אַ טאַנק מיט דייטשן אינעווייניק. עס הערט זיך דער אויפרייס, דער קראַך און דאָס געציש פון שמעלצנדיק שטאָל, דער פאַרצווייפלונגס־געשריי און גסיסה־כאָרכל פון די מערדער. אויף די ווענט שלאָגן זיך אָפּ פלאַמען פון די ברענענדיקע טאַנקען, פון דער שׂריפה אין וואַרשעווער געטאָ. די פלאַמען ווערן ליכטיקער און ווערן שאָטנדיקער, בייגן זיך אין פאַרשיידענע זייטן. פון די אילומינאַציעס שאַפן זיך פייער און שאָטן־פיגורן, פלאַקערן אויף און ציִען זיך איין. דאָס פייער־שפּיל פון ייִדן אין פלאַמען, און ייִדן וואָס וואַרפן פייער אויפן שׂונא, שפּיגלט זיך אויך אָפּ אויף די ווענט און אויף די פאַר־טונקלטע דעקאָראַציעס פון דער סצענע.

עס לעבט אויף דאָס בילד פון העראָיזם און טראַגעדיע.

אין אַ סך זונטיקס פון יאָר קומען אויך דאָ אין דעם זאַל, פאַר די לעקציעס פון „פאָלקס־אוניווערסיטעט״. עס ווערן אויפגעלעבט די געשטאַלטן פון ר׳ נחמן בראַצלאַווער, פון קאָצקער רבין, פון הערצלען, ביאַליק און זשאַבאָטינסקי, פון חיים זשיטלאָווסקי, פון זיידן מענדעלע, י. ל. פּרץ און פון איציק מאַנגער, פון אליעזר שטיינבאַרג, יהואש און הערשעלע אָסטראָפּאָ־ליער, פון רש״י און ר׳ יהודה הנשיא. און לעקציעס וועגן היינטצייטיקע שרייבערס און דער נייעסטער ייִדישער ליטעראַטור. עס ווערט אויפגעוויקלט די געשיכטע פון ציוניזם, פון די בוזרים, די געשיכטע פון „בונד״ און פון היינטצייטיקע געשעענישן.

דער פֿאָלקס־אוניווערסיטעט איז אויך אַ טריבונע פֿאַר אויסלענדישע, ייִדישע קולטור־פּערזענלעכקייטן און ישׂראלדיקע שטאַטסלייט.

די צוהערער קומען נישט דאָ אַהער זוכן סיסטעמאַטישע בילדונג, נאָר צוריקכאַפּן אַ ביסל פֿון זייערע אַמאָליקע באַגערן. דאָס זענען מערסטנס מענטשן וואָס האָבן פֿאַרלוירן זייערע שלאַכטן אין לעבן. ווער ביי די דייטשן, ווער ביי די רוסן, ווער ביי אַנטוישטע אידעאָלאָגיעס. אויף די עלטערע יאָרן זעט מען, אַז מען האָט פֿאַרלוירן די יוגנט, די האָפֿענונגען. מען איז געוואָרן נישט דאָס וואָס מען האָט געוואָלט, געמיינט צו ווערן. מאַנכע האָבן פֿאַרלוירן די לעבנס־שלאַכטן ביי די געשעפֿטן, געוואָלט ווערן מיליאָנערן, אָבער באַקומען קלעפּ און געבליבן ביי גאָרנישט. אַנדערע האָבן חתונה געמאַכט די קינדער אין נחת און פֿריידן, האָבן אייניקלעך, און קומען דאָ אַהער זוכן אַ ביסל וואַרעמקייט צווישן מענטשן, אַ ביסל גייסט צו שפּייזן דעם מוח, די נשמה, צו געפֿינען זייַן אייגענע קולטור. מענטשן האָבן געטרוימט צו ווערן לערנערס, באַקומען בילדונג, אָבער דאָס לעבן האָט זיי אַוועקגעשלעפּט פֿון ספֿר, פֿון לערן־בוך און די לעקציעס דאָ דאַרפֿן שטילן די בענקשאַפֿט, צוריק־געבן כאָטש עפּעס פֿון דעם וועגן וואָס מען האָט געטרוימט. דאָס היילט די קראַנקע נשמות, די געמיטער, וועלכע מען דאַרף דערוואַרעמען.

אין די אָוונטן פֿון אַ פֿייערונג, פֿון אַ ספּעקטאַקל קומען אָנצופֿאָרן מאַסן אויטאָס, שטעלן זיך אויס אין רייען, פֿלעכטן זיך אויס אין קייטן. די אויטאָס גיבן אַ בליץ מיט די אויגן־לאָמפּן, גיבן אַ ווינק און לעשן זיך אויס. זיי בלייבן אין דרויסן פֿינצטערע, בלינדע, אָבער די „העבראַיקאַ" אינעווייניק לויכט אויף.

ווען די מענטשן קומען שפּעטער צוריק אַרויס, אָנגעצונדענע פֿון די גייסטיקע איבערלעבונגען, צינדן זיך ווידער אָן די אויגן־לאָמפּן פֿון די אויטאָס. די אויטאָמאָבילן צענעמען זיך ווי באַזונדערע רינגען פֿון אַ קייט, גיבן אַ רויש, אַ בריל און פֿאָרן אַוועק. דאָס הויז פֿון דער „העבראַיקאַ" שלאָפֿט איין און די מענטשן נעמען מיט מיט זיך די געפֿילן פֿון קונסט, פֿון פֿייערלעכקייט, פֿון אויפֿלעבונג.

יום כיפור

יום כיפור צו מוסף, ביי שוואַכערע ערטער, ווען טייל ייִדן זענען פון בית־הכּנסת אין דער „העבראַיקאַ" אַרויסגעגאַנגען אויבן, זיך אַ ביסל אויס־צוגלייכן פון די לאַנגע שעהען זיצן און זיך אַ ביסל דורכלופטערן, איז ווי מיטן ווינט פון דרויסן אַנגעקומען אַ בשורה. די פּנימער זענען שוואַרץ גע־וואָרן, די אויגן טרויעריק און פאַרצווייפלט. די בשורה איז איבערגעגאַנגען פון איינעם צום צווייטן, מען האָט זיך געשושקעט אין קופּקעלעך און אַלץ מער פּנימער זענען געוואָרן פול מיט צער. די ביטערע בשורה איז צוגעקומען צו די טרעפּלעך, אויף וועלכע עס זענען געזעסן מתפללים איינגעהילט אין טליתים. זי איז געגאַנגען פון טרעפּל צו טרעפּל, פון אויבן ביז אַראָפּ, און געקומען אין טעאַטערזאַל אַריין, וואָס איז איבער די ימים־נוראים פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ בית־הכּנסת.

דער אומהיימלעכער סוד איז איבערגעגאַנגען פון ריי צו ריי, פון אויער צו אויער, ביז די שושקעריי איז צוגעקומען צו די פאָדערשטע בענקלעך.

סידאָר בילאָרסקי איז געשטאַנען ביים עמוד אין זיין גאַנצן הייליקן פּראַכט, אין ווייסן, זיידענעם קיטל, מיטן הויכן הוט, געפּאָרעמט ווי אַ כּתר געליישט מיט גאָלד. צו זיינע אויערן איז עפּעס דערגאַנגען. און אויב ער האָט נישט געהערט מיט די אויערן האָט ער געהערט מיטן האַרץ. ער האָט דאָך גערעדט מיטן רבונו של עולם, תּפילה געטאָן, די שכינה האָט גערוט אויף אים, און פון דאָרט אויבן האָט מען אים מגלה געווען דעם סוד. ביי מער תּחנונימדיקע ווערטער האָט ער זיך העכער צעברומט, דער קרעכץ איז געוואָרן שטאַרקער, מיט מער עקסטאַז און אימהדיקער. ער האָט אויפ־געריסן די הערצער פון די דאַוונערס, זיי געשטורעמט, ווי ער זאָל שרייען:

יידן זייט מתפלל — בעט גאָט! — אונדזער מדינה, אונדזער פאָלק איז אין געפאַר, אונדזערע קינדער זענען אין סכנה...

ער האָט די תפילהדיקע ווערטער איבערגעחזרט צוויי מאָל, צען מאָל, פופצן מאָל און יעדעס מאָל מיט אַן אַנדערן טאָן, מיט אַן אַנדער ברומען, מיט אַן אַנדערן קרעכץ, מיט אַן אַנדערן ניגון. ער האָט מיט די ווערטער געקלאַפּט, געהאַמערט די טויערן פון די הימלען, די שערי־רחמים זאָלן זיך עפענען.

סידאָר בילאַרסקיס שטים האָט זיך צעטראָגן איבער דער שול, איבער די קאָרידאָרן, אויך איבער די אויבערשטע זאַלן און אַפילו זיך אַרויסגעריסן אויפן הויף און אין דער גאַס. ווער עס האָט נישט געזען דעם חזן ביים עמוד, האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס דאַוונען קומט פאַר דורך אַ בת־קול פון הימל, ווי אַן אָפּהילך פון דאָרט.

און די הערצער ביי די מתפללים האָבן זיך געעפנט, די תפילה איז געפלאָסן, טרערן זענען גערונען. סידאָר בילאַרסקיס רחמים־געבעט און דאָס געשעפטש וועגן דעם אויסברוך פון דער יום כיפור־מלחמה איז זיך צוזאַמענגעגאַנגען אין איין האַרץ־אויסגוס פון חזן מיט אַלע דאַוונערס.

פון הינטער דער פאָרהאַנג ביי דער זייט האָט צוגעזונגען און צוגעברומט דער כאָר פון פרויען און מענער־שטימען. דאָס האָט דערמאָנט דאָס בענק־שאַפטלעכע געזאַנג אין די אַלטע היימען פון אַ טשאַטע פייגל, ווען זיי דאַרפן פאַרלאָזן די נעסטן. זיי וועלן זיך דאַרפן לאָזן פליִען אין אַ ריכטונג לויט דער לופט, לויט דער וואַרעמקייט, לויטן קלימאַט, און צעטראָגן זייער גע־צווישטש איבער דער וועלט. אַ געצווישטש פון יאָמער, וואָס מען פאַרלאָזט די אויסגעוואַרעמטע, היימישע נעסטן און אַ געצווישטש פון האָפערדיקייט: אפשר וועט מען ערגעץ גוט אָנקומען און זיך קאָנען אויסבויען נייע וואַרעמע נעסטן. און דערווייל, אויב מען ווייסט נאָך נישט וווהין, קאָן מען בלאָנדזשען, און ווען מען בלאָנדזשעט ווייסט מען נישט „מי יחיה ומי ימות".

מיטן כאָר האָט אָנגעפירט דער דיריגענט זשיימע פייגלמאַן. נאָך די ערשטע כירורגישע אינטערווענצן, האָט ער זיך פאַרטרויט פאַר נאָענטע מענטשן, אַז ער וועט זיך מער נישט לאָזן שניידן, ער וויל נישט נאָך מער פאַרקירצן דאָס ביסל צייט וואָס אים איז פאַרבליבן. זאָל זיין נשמה אויס־זינגען דאָס גאַנצע ביסל געזאַנג וואָס איז אים נאָך באַשערט.

דער „מי יחיה ומי ימות" האָט שוין אַנדערש געקלונגען. דער „מי" איז מער נישט געווען קיין פראַגע. דער אויסוואַל צווישן „יחיה" און „ימות" איז שוין געמאַכט געוואָרן. דער וועג איז אָנגעצייכנט.

סידאָר בילאַרסקיס נשמה האָט זיך שטאַרקער צעזונגען, דער „קדשת היום" פון „ונתנה תוקף" איז געווען אַלאַרמירנדיקער. די מתפללים האָבן מער נישט געזען די ווערטער אין מחזור, נאָר געהערט: ...אוי, רבונו של עולם, „קדשת היום", „קדשת היום", דער שׂונא איז ביי די טויערן, דער שׂונא איז שוין אין שטאָט „קדשת היום", „קדשת היום", רבונו של עולם, די באָמבעס קנאַקן, דאָס פייער ברענט, דאָס בלוט גיסט זיך, אוי, „קדשת היום", „קדשת היום", „קדשת היום"...

דער עולם האָט שוין געזען אין דער פאָרשטעלונג, ווי דאָרט אין ישׂראל נעמען די יונגע מענער אַראָפּ פון זיך די טליתים, גיבן זיי איבער צו זייערע יונגע ווייבער, די טאַטעס גיבן זיי איבער צו זייערע קינדער, די זין גיבן איבער די טליתים און מחזורים צו זייערע מאַמעס אָדער זיידעס, און טייל יונגעלייט נעמען זיי אַליין מיט מיט זיך.

— מען מוז גיין! דאָס לאַנד רופט! די עקזיסטענץ פון לעבן רופט! מאַמע, זאָג אַ טרייסט וואָרט מיין ווייב... שושנהשי, רות טייערע, גיב אַכטונג אויף די קינדערלעך, זאָג זיי, אַז איך וועל צוריקקומען... איך וועל אַוודאי צוריקקומען, איך וועל אויף זיכער צוריקקומען...

אין קומענדיקן יאָר, אין די ימים נוראים, האָט סידאָר בילאַרסקי ווידער געדאַוונט אין דעם זעלבן בית־הכּנסת פון דער „העבראַיקאַ", שיין און האַרציק. ביים „קדשת היום" פונעם „ונתנה תוקף" האָבן די מתפללים שוין געוווּסט, אַז טייל פון די וואָס מען האָט פאַראַיאָרן געגעבן צו האַלטן דעם טלית אויף דערווייל, איז שוין געבליבן בלויז ביים טלית אַלס אָנדענק, עס איז שוין נישט געווען וועמען אים צוריקצוגעבן. אַ מאָל האָט אַ מאַמע, אָדער אַ יונג ווייבל, וועמען קיינער האָט נישט געזען, זיך איינגעהילט אין דעם טלית ווי אין אַ בענקשאַפטס־קלייד, ווי אין דעם טייערסטן מלבוש אויף דער וועלט, און האָט דערביי פריי געלאָזט די טרערן.

מיטן כאַר האָט שוין אָנגעפירט, אים צו לאַנגע יאָרן, דער חזן יהודה וויינבערג.

אַ קנאַפּן מנין ימים נוראימס האָט סידאָר בילאַרסקי געדאַוונט מיט די סאַן־פּאַולער ייִדן. ביין ראש השנהס און ביין יום־כּיפּורס האָבן די ייִדן געדאַוונט מיט אים און האָבן איבערגענומען זיין ניגון, זיין נוסח, זיין תּפילה.

אויך הײַ־יאָר האָבן די ייִדן פון סאַן־פּאַולאָ אין דערוואַרטונג שוין גע־דאַוונט מיט אים אין דער מחשבה, אין האַרץ.

מיט זיין „אַל תּשליכנו לעת זקנה" איז ער אַראָפּגעקומען צו די וואָס נייטיקן זיך אַממערסטנס אין דעם: צו די זקנים און זקנות, וואָס האָבן שוין איבערגעגעטפּערט זייערע אַלטע יאָרן אין דעם הויז, וואָס דער סאַן־פּאַולער ישוב האָט אויסגעבויט און אויסגעפּלעגט פאַר זיי, ווען די קינדער קאָנען זיי מער נישט האַלטן ביי זיך. דער האַרציקער זינגער האָט אויסגעזונגען פאַר זיי די לידער וואָס די באָבעס האָבן עלטער־באָבעס האָבן אַליין געזונגען, ווען זיי זענען נאָך יונגע געווען. עס זענען געפלאָסן ביי די זיידעס און באָבעס טרערן פון געוויין, וואָס די קינדער בענקען נישט זיי צו זען, און טרערן פון פרייד וואָס דער גרויסער זינגער האָט יאָ געבענקט, געדענקט אין זיי, און געקומען פאַר זיי זינגען. פון אַלע לידער איז דאָס געזאַנג פון „אַל תּשליכנו"... פאַר זיי געווען דאָס טראַגישע און האַרץ־רייסנדיקע און אויך דאָס דערפרייענדיקע. ער האָט דעם „אַל תּשליכנו"... געזונגען אי פאַר זיי, פאַר די אַלטע, אי פאַר זיך אַליין. אָבער סאַן פּאַולאָ האָט אים אויף די עלטערע יאָרן נישט פאַרלאָזט ביז זיין לעצט דאַוונען אין די ימים נוראים און עס האָבן אים נישט פאַרלאָזט די ייִדן, די פאַרערערס זיינע, ביז די לעצטע מינוטן.

אַלע ימים־נוראים, ווען מיר וועלן דאָ דאַוונען, וועט אַוודאי פון די ווענט אָפּקלינגען סידאָר בילאַרסקיס קול. הגם די ווענט זענען פון שטיין, האָט אָבער זיין שטים, זיין האַרציקייט געקאָנט אויך רירן שטיינער, פון די קרישטאָלעכלעך אין די ווענט וועלן אָפּפינקלען די פלעמלעך פון יענע יום כּיפּור־ליכט. דאָס וועט זיך צוזאַמענמישן מיט דעם חזנס האַרציקן ניגון און וועט אונדז זאָגן, אַז סידאָר בילאַרסקי איז נישט געשטאָרבן. ער האָט זיך נאָר אומגעקערט צו זיך אַהיים אין הימל אַריין. פון דאָרט איז ער בלויז אַראָפּגעקומען צו אונדז אויף אַ געוויסער צייט מיט זיין הימליש געזאַנג מהנה צו זיין די אַלטע, ליידנדיקע ערד און די ליידנדיקע מענטשן אויף איר.

איצט זינגט ער דאָרט אויבן פאַר די יִינגלעך און יונגעלייט, וואָס האָבן זיך מוסר נפש געווען און זענען געפאַלן פאַר זייער כבוד און פאַר דער פאַרטיידיקונג פון זייער מדינה. בעת ער, סידאָר בילאַרסקי, האָט אין יענעם יום־כיפור אַזוי תחנונימדיק תפילה געטאָן פאַר זיי. ער הילט מיט זיין זיסן ניגון די בענקענדיקע נשמות נאָך זייערע מאַמעס, וואָס זענען יונג גרוי געוואָרן. ער הילט די נשמות וואָס בענקען נאָך זייערע יונגע ווייבלעך, נאַר־וואָס נאָך דער חתונה, וועלכע האָבן נישט באַוויזן אויסצוואַרעמען זייער ליבע, די ווייבלעך וואָס וואַרטן נאָך אויף זיי אין חלום סיי ביי טאָג און סיי ביי נאַכט: — זיי וועלן נאָך צוריקקומען... ער הילט מיט זיין נגינה די יונגע נאָך נישט דערגאַנגענע טאַטעס, דעמאָלט פאַרבענקטע צו זייערע נאָך נישט געבוירענע קינדער, וועלכע זיי האָבן שוין מיט בייגער און ליבע דערוואַרט, האָבן שוין געוואָלט זען די רויטע פּנימלעך נאַר־וואָס אַרויס־געקומענע פון זייער געליבטערס לענדן און צו הערן זייער ערשטן פּישטש, דערשרעקנדיק זיך פאַר אַ נייער וועלט.

איצט זענען די דאָזיקע קינדער אַ געשאַנק פאַר זייער צוקונפט און אַ המשך פאַר זייער נאָמען.

איך זע ווי סידאָר בילאַרסקי שטייט פאַר זיי מיט זיינע באַחנטע, אַ ביסל פאַרמרוזשעטע, גוטע, פאָטערלעכע בליקן. אין די קנייטשעלעך ביי די זייטן, אויף די שליפן, זעט מען די אָפּשטראַלונגען פון זיינע וואַרעמע, קלוגע אויגן, וואָס קוקנדיק אויף מענטשן, לייכט פון זיי אַרויס די זון פון האַרצן. יעדער טאָן וואָס קומט אַרויס פון זיין האַרץ איז אַ וואַרעמער, ליכטיקער שטראַל, וועלכער דרינגט אַריין אין די הערצער פון די צוהערער. חן און טעם גיבן צו זיין זינגען די קלוג־שמייכלענדיקע ליפּן, דאָס קלוגע פּנים.

דאָרט נעבן אים געפינט זיך אויך זיין צוהעלפער, זשימע פייגעלמאַן, וועלכער האָט אַוודאי אויסגעזוכט צווישן די יִינגלעך און יונגע טאַטעס שטימען פאַר זיין כאָר.

און אפשר האָט ער אויך אויסגעפונען אַ פּאָר זיסע שטימען פון יונגע מלאכימלעך, און זיי אַלע צוזאַמען זינגען שירה. זיי געפינען זיך נעבן דעם כסא־הכבוד און כביכול אַליין הערט מיט אַ פאָטערלעכן שמייכל און מיט הנאה די שירה.

סידאָר בילאַרסקי איז דאָס ווערט. גאָט האָט אים באַשאָנקען מיט דער ברכה צו זיין דער שענסטער יידישער זינגער פון אונדזער צייט — מעג ער זינגען פאַר גאָט.

אין ירושלים אויף דער שוועל

דעם דיכטער דוד ספּאַרד, דעם פריינד מיט וועמען צום ערשטן גערעדט אין דער ערשטער שעה נאָכן אָנקומען קיין ירושלים, און גע־הערט פון אים דורכן טעלעפאָן: יצחק, איך בין דיך מקנא פאַר די ערשטע איינדרוקן...

פרייטיק־צו־נאַכטס נאָך קידוש און נאָך זמירות, בין איך געשטאַנען אויף די טרעפּלעך פון האָטעל „מלון המלכים", וואָס מען האָט אים אויך גערופן „קינג־דזשאָרדזש־האָטעל". איך בין געשטאַנען מיטן פּנים צו דער גאַס צו און אַריינגעאָטעמט אין זיך די ירושלימער לופט צוזאַמען מיט איר געשיכטע.

ערשט צוויי שעה בין איך דאָ אין ירושלים און — צום ערשטן מאָל.

די גאַסן אַרום זענען געווען טונקל. פון איבער די פּלויטן און פון איבער די הייף, צווישן די הייזער, האָבן זיך אַרויסגעהויבן צוויַיגן, זיך אַריבער־געבויגן אין דער גאַס אַריין, געשאָקלט צו מיר אַ שלום־עליכם, און די בלעטער, ביי וועלכע דער ווינט האָט מיט זייער שאָרכן געעפנט דאָס קול, האָבן מיך באַגריסט: ברוך־הבא, גלות־ייִד!

געלויכטן האָט זיך בלויז הינטער מיר, פון האָטעל. אָבער פאַר מיר, אין דער גאַס, וואָס ווייטער פון דאַנען, אַלץ טונקעלער איז געווען. אין פאַרשידענע זייטן האָב איך אין שוואַכן ליכט געזען אַריינגענג אין געסלעך ווי עפענונגען צו פאַרבאָרגענישן, צו סודות.

אויף די טראָטואַרן זענען געשטאַנעןביימער ווי אויסגעצויגענע, גע־היימנישפולע שאָטנס. מיר דאַכט זיך, אַז זיי שטייען שוין דאָ טויזנטער יאָרן, זענען בהדרגהדיק געוואַקסן פון באַלד נאָך דעם ווען זיי האָבן זיך גענומען אויספּיקן, נאָכן איינפאַלן פון די מויערן פון יריחו, דורך די קולות פון די שופרות. איצט ווייסן זיי אַלץ, וואָס איז פאַרגעקומען דורך דער צייט. אַלץ איז איינגעזאַפּט אין די פליסיקע זאַפטן פון זייער אינגעווייד, פון זייערע אָדערן. צווייגן און בלעטער פון עלטערע ביימער בייגן זיך אַריבער צו צווייגן און בלעטער פון די נייערע, יונגערע ביימער. עס לייגט זיך צווייג אויף צווייג, בלאַט אויף בלאַט, נעמען זיך אַרום, באַהעפטן זיך, ווי די עלטערע זאָלן אַריינ־אָטעמען אין די יונגערע די מסורות פון די פאַרגאַנגענע יאָרן. און אַזוי גייט עס מסתּמא איבער פון דור צו דור.

די מסורות גייען איבער פון די אַלטע ביימער צו די יונגע און די יונגסטע, האָבן אַוודאי באַלד מיטן אויפגיין פון די ערשטע שפּראָצעלעך, מיטגעזויגן די נייע ייִדישע זאַפטן פון דער נייער, ייִדישער אָבות־ערד.

אין וועמען עס ליגט די געשיכטע אינעווייניק, הערט עס ווי מיט ווערטער.

אויף דער גאַס זענען זייער שיטער געווען צעהאַנגען עטלעכע לאָמפּן, ווי גרויסע, קאַלטע שטערן, אָדער דאָס זאָלן זיין אַזעלכע ליכטיקע פּירות, וואָס וואַקסנדיק צווישן די בלעטער פון די צווייגן, ווינקען זיי אָן אויף דעם שבת־אויבסט פון גן־עדן ווען משיח וועט קומען. בלויז ביי נאַכט שיינען זיי דערוויל, די פּרוכטן — זיי וואַרטן ביז עס וועט קומען דער טאָג.

קיין אויטאָבוסן האָט מען אויף די גאַסן נישט געזען. ס'איז געווען שטיל און טונקל. בלויז פון צייט צו צייט האָבן פאַסן שיין פון לאָמפּן זיך געגעבן אַ גליטש איבערן אַספאַלט, אָדער איבער די ווענט פון הייזער, אויף אַ רגע אָפּגעווישט די טונקעלקייט און דערנאָך האָט די טונקעלקייט ווידער אָפּגע־ווישט די שיין. דאָס זענען פאַרבייגעלאָפן זינדיקע אויטאָמאָבילן, מחלל־שבתניקעס. זיי האָבן זיך געגליטשט מיט שמעוודיקע, אַראָפּגעלאָזטע אויגן, און טייל האָבן אַוודאי גאַרנישט געזינדיקט — זענען געפאָרן צוליב דער מצווה פון פּיקוח נפש.

איך בין געשטאַנען פאַרן האָטעל ווי אין די קינדער־יאָרן ווען אינעם

קליינעם שטעטל איז מען אַרויסגעגאַנגען פון דער שטוב אַ ביסל צו שטיין פאַרן טויער.

און עס זענען אויך אָנגעקומען די זכרונות פון יענער צייט.

מיין זכרון האָט דערגרייכט צו יענע יאָרן ווען איך בין נאָך געלעגן אין וויגל. איך ווייס נישט צי איך בין נאָך געווען אַזוי קליין, אַז מען האָט מיך געדאַרפט איינשלעפערן מיטן וויגן אויף די קיילעכדיק-הילצערנע האַלב־רעדער אונטערן וויגל, אָדער עס איז נאָך נישט געווען קיין געלט צו קויפן אַ בעטל פאַר מיין ווּקס. מיין טאַטע איז געשטאָרבן אַ דריי וואָכן פאַר מיין געבוירן ווערן.

צו מיין וויגל איז צוגעקומען אַ ייִד מיט אַ ברייטער, ברוינער באָרד. ער האָט מיר געגעבן אין דער האַנט אַריין אַ פּרי און אין מיינע נאָז־לעכער איז אַריין אַ מחיהדיקער ריח, וואָס איך האָב ביז מיינע דעמאָלטדיקע יונגע יאָרן נאָך קיין מאָל נישט געהאַט געפילט. אין דער אַנדערער האַנט האָט ער מיר אַריינגעגעבן אַ הויכן, ווייכן, גרינלעכן שטעקן, וואָס אונטן איז ער געווען אַרומגענומען מיט אַזעלכע רינגעלעך פון ברייטן שטרוי און אין די רינגעלעך זענען געווען אַריינגעשטעקט צווייגלעך מיט גרינע בלעטלעך.

דער ייִד האָט מיט זיין גרויסער האַנט אַרומגענומען מיינע הענטלעך, אַז דער אתרוג מיטן לולב זאָלן נישט אַרויספאַלן פון זיי. מיינע הענט גע־דענקען נאָך ביז היינט זיין גראָבע, פלייׁשיקע, וואַרעמע האַנט.

ער האָט מיך געהייסן נאָכזאָגן די ווערטער פון אַ ברכה. איך האָב נאָכ־געשטאַמלט וואָרט ביי וואָרט, צעקאַליעטשעט יעדעס אות, נישט קאָנענדיק דרייען מיט דער צונג ווי מען דאַרף. מיינע צוויי עלטערע ברידערלעך האָבן מיט שמייכעלעך און געלעכטערלעך געקוקט ווי דאָס קינד שטאַמלט אַזוי באַחנט די ברכה און מאַכט זי אַזוי שיין קאַליע. דער מאַמעס שמייכעלע איז געווען אַנדערש. איר פּנים איז געווען פרום, ערנסט און גליקלעך.

נאָכן אָפּזאָגן די ברכה האָט דער ייִד אַ שאָקל געטאָן מיט מיינע הענט־לעך און דער לולב אויבן האָט זיך צערוישט. די לאַנגע, שמאָלע, שפּיציקע בלעטלעך האָבן זיך צעגומען ווי אַ פעכער. דאָס שפּילעכל איז מיר געפעלן און איך האָב געוואָלט נאָך שאָקלען, אַז איך זאָל נאָך אַ מאָל הערן דאָס גערויש און די בלעטלעך זאָלן זיך ווידער צעפאָכען.



אויפן פלאַץ פאַרן ירושלימער טעאַטער

אין טאָג פון דער דערעפענונג פון דער וועלט קאָנפערענץ פאַר יידיש און יידישער קולטור.

פון רעכטס: בנימין שלעווין, שלמה שנהוד, יצחק גוטערמאַן, לייב ראָכמאַן, קלאַראַ קעל־מאַנאָוויטש (דעלעגאַטין פון פּיאָנערן־פּרויען — סאַן פּאולאָ) און קאַרלאָס ווײַן (קולטור־עסקן, ייִד פון בעסאַראַביע, היינט אין ישראל).

דאָס איז געווען מיין ערשטע מצווה וואָס איך געדענק ביז יענע טעג. איך האָב שטאַרק הנאה געהאַט פון דער מצווה. זי איז געקומען צוזאַמען מיט דעם נייעם, שיינעם געשמאַק פון אתרוג און מיט דעם פאָכען און רוישן פון דעם לולב. ווען איך וואָלט דעמאָלט געקאָנט טראַכטן, וואָלט איך אַוודאי געווען פאַרשטאַנען, אַז אַ מענטש האָט אַ האַרץ און דער גוטער ריח פון אתרוג האָט געשטאַרקט מיין יונג, זיכער נאָך דעמאָלט שוואַך הערצל, ווייל

אַ פרייד האָט זיך דערוועקט אין מיר. דאָס געדענק איך לויטן געבליבענעם געפיל, און אַ געפיל גייט שפּעטער איבער אין טראַכטן.

עס קאָן זיין, אַז דאַ, אין ירושלים, האָט פון אַ גאָרטן ערגעץ בישט וויט אַהערגעווייעט צו מיר דער געשמאַק פון אתרוג, און דער געדאַנק, אַז פון די קאַנטן קומען די לולבים האָט ביי מיר אַרויסגערופן די דערמאָנונג.

שפּעטער איז צו אונדז אין שטוב אַריין געקומען אַ נייער טאַטע. ער האָט געטראָגן אַ טונקעלע, לאַנגע, רייגע קאַפּאָטע און אַ רונדיק היטל מיט אַ קורצן דאַשעק. די קאַנטן אַרום דעם היטל זענען געווען שאַרף און אָן אַ פּיצל שטויבעלע. זיין אָנטאָן איז געווען חסידיש און עלעגאַנט.

איך בין שוין דעמאָלט געשלאָפן אויף אַ סאָפע, נעבן דער וואַנט פון אַ פענצטער. דאָס איז געווען אין שטעטל זגערזש נעבן לאָדזש. אין די הייסע זומער־טעג האָט מען דאָס פענצטער געעפנט מיטן אַרויסקומען פון די ערשטע זון -שטראַלן. אַז דאָס פענצטער איז געווען פאַרמאַכט האָבן זיך אָן די שויבן אָנגעשפּאַרט בלעטער פון אַ הויכן בוים מיט אַ סך צווייגן. ווען מען האָט נאָר אָן עפן געטאָן די צוויי העלפטן פון פענצטער, האָט זיך אין דער שטוב געגעבן אַ שפּאַר אַריין אַ דיקע צווייג ווי אַ געדיכטער, גרויסער שויבער, באַקינדלט מיט אַ סך צווייגלעך. פון די צווייגלעך זענען אַרויסגעוואַקסן אָן אַ שיעור דינערע צווייגלעך, און אַלץ איז געווען באַוואַקסן מיט בלעטלעך און בלומעלעך פון ליפּאָווע טיי. דאָס האָט פאַרשמעקט די שטוב. צו אונדז איז דעמאָלט אַריינגעקומען דאָס גאָלד פון דער יונגער ערשט אויפגייענ־דיקער זון, צוזאַמען מיט די פאַנטאַסטישע נעבן קאָלירן, וועלכע באַגלייטן זי ; די ריינסטע פרישקייט, דער געשמאַקסטער ריח — עס איז אַריינגעקומען דער שענסטער פרילינג אין די יונגסטע שעהען פון טאָג.

און דאָס האָב איך איינגעאָטעמט אין זיך אינעם שלאָף.

אין דעם זעלבן צימער איז שוין פון אַ סך פרי׳ער געזעסן ביים טיש מיין נייער טאַטע, ר׳ יענקל בעהאַריער. די מאַמע האָט געהייסן, אַז מיר קינדער, זאָלן אים רופן : דער פעטער. ער איז געקומען פון אַ פּויליש שטעטל — סלופּצע, נעבן דער דייטשער גרענעץ. אויפן טיש, פאַר אים איז געלעגן אָן אָפן ספר, און ביי די זייטן, אויף רעכטס און לינקס פון דעם — צוויי שטויסן ספרים. יעדן פאַר טאָגס, ביז צום דאַווענען, האָט ער געלערנט חומש

מיט רש״י פון דער סדרה פון דער וואָך, קאַפּיטלעך נביאים און כתובים, אַ פּאָר דפים גמרא מיט פּוסקים און אַ מאָל אויך אַריינגעקוקט אין עפּעס אַנדערש...

דאָס וואָס ער האָט געלערנט, האָב איך זיך ערשט דערוווּסט מיט יאָרן שפּעטער.

ער פלעגט לערנען הויך אויף אַ קול, זיך אַליין געגעבן צו פאַרשטיין, געפירט וויכּוחים, פּילפּולים, ווי אין אים אַליין זאָלן זיין באַזעצט שמאי און הלל, אַביי און רבא, ר׳ פּפּא, מיט וועלכע ער אַמפּערט זיך. ביז אין די שפּעטע יאָרן, אַז איך האָב אָנגעטראָפן אויף אַ ייִד מיטן נאָמען שמאי, האָב איך זיך פון אים דערווייטערט. איך האָב געזען אין אים אַ בייזן מענטש, וואָס וויל נאָר יענעם שווער מאַכן דאָס לעבן. דאַקעגן מיט אַ הלל בין איך באַלד געוואָרן נאָענט. מיר האָט ער אויסגעוויזן צו זיין אַ גוטער, אַ מילדער און אַ קלוגער, ווי ער זאָל שטענדיק פסקענען: צו וואָס אָנטאָן צרות מענטשן, אַז מען קאָן זיי לייכטער מאַכן?...

דער פּעטער האָט זיך גאָר נישט גערעכנט וואָס די קינדער שלאָפן. מיט די תּנאים און אמוראים האָט ער איינגעטענהט, זיך געשפּאַרט, אָבער ווען ער איז געקומען צו ערטער מיט נעמען פון ארץ־ישׂראל, ווי הר סיני, מתּן תּורה, די ייִדישע מלכים, דאָס בית־המקדש, האָט ער דאָס אַרויסגעזאָגט מיט אַ ספּעציעלן אויפרודער, מיט אַ קרעכץ, אַ מאָל מיט בענקשאַפט און ליבשאַפט. אין שלאָף זענען אַריינגעגאַנגען אין מיר נישט בלויז די ווערטער, די קלאַנגען, דער טרויעריקער בענקשאַפטלעכער טאָן און ניגון, נאָר אויך זיין גאַנצע געפילס־וועלט, וואָס איז געלעגן אונטער די אויסדרוקן, האָט זיך צעשפּרייט איבער מיינע געבליטן און עס איז נישט פאַראַן קיין שום כעמיש מאַטעריאַל דאָס אַרויסצונעמען ווי לאַנג דאָס בלוט איז נאָך וואַרעם און פליסיק.

אין די היינטיקע צייטן איז דערפינדן געוואָרן צו לערנען שפּראַכן מיט נייע מעטאָדן, אין שלאָף. מען שטעלט אָן אַן אַפּאַראַט מיט אַן איינגראַווירטער לעקציע אין אַ פּלאַטע, אָדער אַ טאַשמע. די כּלי שפּילט, זאָגט, לערנט די לעקציע און דער מענטש שלאָפט. אין דער פרי ווען ער כאַפּט זיך אויף, קען ער שוין נייע ווערטער און זאַצן פון דער לערע.

אויך אַזוי האָט מיין שטיף־טאַטע, דער פעטער, אַריינגעלערנט אין מיר תורה ביים שלאָפן, אַ סך פריער איידער איך בין נאָך געגאַנגען אין חדר אַריין. שפּעטער ווען איך האָב שוין געלערנט אין חדר, צוערשט חומש און דערנאָך גמרא, האָב איך אָפּט אויסגערופן צום רבין: דאָס ווייס איך שוין! עס איז מיר טאַקע פּלוצלינג געקומען אין קאָפּ אַריין. דער רבי האָט אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר אויגן — וואָס ווייסטו? פון וואַנען ווייסטו? עס איז אַראָפּגעפאַלן צוזאַמען מיט דיר פון הימל? נו, זאָג וואָס דו ווייסט! ער האָט מיר גענומען שטעלן אַזעלכע קשיות, אַז איך האָב נישט געוווּסט ווי אַזוי מען עפנט דאָס מויל, איך בין געבליבן מיט אַ שטומער צונג. אָבער באַלד דערנאָך האָב איך ווידער אַ געשריי געטאָן — דאָס ווייס איך שוין! עפּעס האָט מיר געגעבן אַ שיין אויף אין קאָפּ און באַלד פאַרלאָשן געוואָרן מיטן רבינס קשיות. אָבער עטלעכע מאָל איז מיר פּאָרט געלונגען. דער רבי האָט געזאָגט אַ פּסוק און איך האָב פון אויסנווייניק געזאָגט ווייטער, נישט בלויז דעם פּסוק, נאָר אויך די אַנדערע פּסוקים. נאָר דער רבי האָט דערנאָך ווידער געוווּנען, די שטאַמלענדיקע צונג פון יונגעלע האָט נישט געקאָנט ענטפערן. דער רבי האָט נאָר געוואָלט וויסן פון וואַנען איך ווייס. ווען מען פרעגט מיך היינט וואָלט איך געזאָגט, אַז צוערשט איז עס אַריינגעקומען אין אונטערבאַוווּסטזיין און איצט קומט עס אַרויס אין באַוווּסטזיין.

צום באַדויערן איז היינט שוין אַ סך פון דעם אויסגערונען.

אין דער זעלבער צייט פון מיין פריִען חדר האָט דער פעטער מיך גענומען פאַרן הענטל און אין די שבתים און ימים־טובים געפירט אין גערער שטיבל אַריין. ער האָט געדאַווענט ביי די שאַרפע. אַ סך מאָל האָב איך געזאָגט „לשנה הבא בירושלים", און מען האָט דאָס קומען קיין ירושלים אָפּגעלייגט פון יאָר צו יאָר. דערנאָך זענען געקומען פאַרפירערישע אידעאָלאָגיעס, געטאָס, סיבירער טייגעס, און ענדלעך איז געקומען דער טאָג... ירושלים איז דורך דער צייט קיין מאָל נישט אַרויס פון מיר, נאָר זיך באַהאַלטן אין די ווינקעלעך פון אינעווייניק, דערוויל געלעגן איינגעדרימלט ביז די צייט וועט קומען, און איצט האָט זיך דאָס געפיל קלוג, מיט פרייד געגעבן אַ כאַפּ אויף: דו מיינסט אַז איך בין אַוועק פון דיר? אָט בין איך, און דו ביסט אין ירושלים.

DONNELL FOREIGN LANGUAGE LIBRARY
DONNELL LIBRARY CENTER
20 WEST 53rd STREET
NEW YORK, NEW YORK 10019

ירושלים איז טאַקע אַ שטיק ביאָגראַפיע פון מיין נשמה, איז אַריינגע־קומען אין מיר אין מיינע גאָר פריִע יאָרן צוזאַמען מיטן ריח פון ערשטן אתרוג, וואָס מען האָט אַריינגעלייגט אין מיין קינדיש הענטל. אַזוי האָט די פּלאַטע פון מיין לעבן אויפגעשפּילט אין געדאַנק און האַרץ, און זי, די פּלאַטע, איז אָנגעדרייט געוואָרן דורך דער ירושלימער לופט און אַטמאָספער.

ביז איצט איז ירושלים געווען אין מיר און... איצט בין איך אין ירושלים.

דערווייל ערשט בלויז אויף דער גאַס פאַרן האָטעל „מלון המלכים״, אָבער אויף מאָרגן שבת אין דער פרי האָב איך שוין אַ גוטן אָנזאָג. דער ייִד פון דער שווייץ, מיט וועמען איך האָב אינעם רעסטאָראַן פון האָטעל ביי איין טיש געפראַוועט די פרייטיק־צו־נאַכטדיקע סעודה, האָט זיך מיט מיר אָפּגערעדט, אַז מאָרגן באַלד אין דער פרי גייען מיר צו דער כּותל־מערבי.

אינהאַלט

אַריינפיר וואָרט — אליהו ליפינער 11

אַ ייִד ביי דער ווייסל 17
די ייִדישע גאַס 25
אין געלויף 32
דער בלינדער 44
אַ געשלעג 52
אַלמאַ־אַטער עפּל 55
די מאַמע איז נישט חסר דעה... 77
איינע פון די אמהות, די בר־מצוה 127
דער געראַטעוועטער 140
אונטערן שלייער פון רויך 155
אַ שמועס מיטן אַש 161
מייסטערשאַפט 165
דענקמאָל אין וואַרשעווער געטאָ 169
געסט פון יענער וועלט 172
געקומען צו זיך 178
מלכות העבראַיִקאַ 197
יום־כיפור 206
אין ירושלים אויף דער שוועל 212

WITHDRAWN. FOR FREE USE IN CITY
CULTURAL AND WELFARE INSTITUTIONS
MAY BE SOLD FOR THE BENEFIT OF
THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY ONLY.